בס"ד — חג הפסח תשפ"ה — BP YINGERMAN • WEEKLY PUBLICATION — APRIL 9 '25 — ISSUE 38

Distributed in NY/NJ, CANADA, UK/EU

אינגערמאן

YOUR LOCAL WEEKLY ADVERTISMENT PLATFORM

ואחרי כן יצאו ברכוש גדול

אינגערמאן ווינטשט א כשר'ן און פריליכן יו"ט פאר די טויזנטער ווערטפולע לייענער, אדווערטייזער און גאנץ כלל ישראל

היימישע פילנטראפן און זייערע צדקות • פראיעקט

אינגערמאן פרעזענטירט: פערזאן פונעם יאר

ביזנעס לעקציעס פון די הויכע ספערן ← חיים ווייסבערגער



Things have heated up here.

RESHAPING THE WORLD OF WELLNESS WORKOUTS.

Reconfigure offers science rooted fitness and wellness workouts powered by heat and biohacking technology to maximize your results. Finally, a wellness trend that feels as good as it sounds.

Reconfigure

929.999.6615
reconfigurefitness.com

NEW! DUE TO POPULAR DEMAND
NOW OFFERING HOURS FOR MEN

THE BROOKLYN HUB

PRESENTS

MASTER YOUR FINANCES

ווילט איר האבן א פינאנציעלע קלארקייט?

שטעלט אוועק אייער עתיד באלד פון אנהייב

גאר שטארק
געאייגנט פאר
שנה ראשונה
יונגעלייט און
חתנים

Learn practical budgeting strategies

Q&A with presenters

RSK Budgeting Workshop

Chaim Rottenstein, Certified Financial Coach

Ask an Accountant

Q&A with Chaim Deutsch, CPA, CFP

אינוועסט פאר דיין עתיד

ווארט
נישט אויף
שפעטער

מיט
הרב מענדל
פעפערקארן
הי"ו

לעבן מיט אן
אחריות
בדרך התורה

וואס האט שלום
בית מיט געלט?

הרה"ג ר' שלמה
אפל שליט"א

אבד"ק הדרת קודש סוואליווע

FREE EVENT | OPEN TO THE COMMUNITY

פאר מענער

זונטאג פרשת תזריע-מצורע כ"ט ניסן

Sunday, April 27 | 8:15 PM

At The Met Council Brooklyn Hub

1271 60th St, Brooklyn, NY 11219

MET COUNCIL

קומט און האט הנאה

PROUD PARTNER UJA Federation NEW YORK

KOACREATIVEGROUP.COM

See construction progress
www.tzfatestates.com

image is for illustration purposes only

CRESCENDO

Hitting the high notes
of soul, luxury and legacy in Tzfat



LAST especially spacious 4 bedroom apts.
with huge porches

Is your soul playing a part?

ISA GROUP
BUILDING TRUST SINCE 1997

Call +972-733-963-361
tzfatestates.com

TZFAT
ESTATES

Home is where
the soul sings

The phone system you deserve!



Enterprise features for your business.

RELIABLE PBX | 855.735.3600
COMMUNICATION SYSTEMS | WWW.RELIABLEPBX.COM

We ***discarded*** numerous Kiddush cups until we ***created*** our new modern design that

Never rusts & Never discolors.

We ***tore*** thousands of Gartlech before we ***wove*** our new quality that

Never tears & Never dismantles.

We ***broke*** hundreds of wash cups and bowls until we ***crafted*** the new royal design that

Never breaks & Never cracks.

Innovation is never easy.

Netila

Household Innovation™

DISTRIBUTED BY:
AMJudaica

ונרא"ה
ונזכה
LEADER OF
THE INDUSTRY
SELECTION + CUSTOMER SERVICE
Ctrue
VISION CENTER
BP: 16TH AVE COR. 48TH ST.
WILLIAMSBURG: 433 PARK AVE.
KJ: 1 PRESHBURG BLVD

פסח תשפ"ה

FUN MOED
PRESENTS:

חול המועד

LEGOLAND New York Resort

LEGOLAND New York Resort Sprawls over 150 acres with 50+ rides, 7 LEGO-themed lands, 22 million bricks in Miniland, plus interactive shows and building zones.

30% OFF
GATE PRICE

$65 + TAX - GATE PRICE $94

1 LEGOLAND Way,
Goshen,NY 10924

Opening Hours:
10 AM - 5 PM

Nickelodeon American Dream

Nickelodeon Universe is the largest indoor theme park in the Western Hemisphere with dozens of rides for all ages including the longest spinning coaster, and tallest indoor spinning drop.

25% OFF
REGULAR PRICE

$59 + TAX - REGULAR PRICE $79

1 American Dream Wy,
East Rutherford, NJ 07073

Opening Hours:
10 AM - 9 PM

AVAILABLE ONLINE ONLY AT
www.FunMoed.com

FOR QUESTIONS EMAIL
info@funmoed.com

PROMO DATES:
April 15, 16, 17, 18

REGISTRATION OPEN

Finance and Accounting course

זייט א מושלם אין אכט חדשים
בעסטע און גרעסטע עקספערטן
היימישע און חסידיי'שע אטמאספערע

Viewpoint ACADEMY

Call now to discover your qualifications

212.989.7177 | WWW.VIEWPOINT.ME

pentagon group
באגייסטערט
לערנער
שטריימלעך

כי לו נאה כי לו יאה
DISTRIBUTED BY:
AMJudaica

nuah™
די עקסקלוסיווע
נאה דזשודעקא איסוואל
באגלייט יעדע היימישע שטוב
dartmedia.us

אייגנארטיג.
GLAUBERS
CLOTHIERS
חג כשר ושמח
mango™ 718.635.1673

pivotgroup.nyc
Honoring tradition. Just like you.
WISHING YOU A JOYOUS AND PLAYFUL PASSOVER, FROM OUR FAMILY TO YOURS.
HAND MADE
AMISH BUILT
SWINGIT PLAYSCAPES
swingit
PLAYSCAPES
CRAFTED FOR GENERATIONS. ORDER YOURS TODAY. 833.752.9738 | 917.685.9837 | SWINGITPLAYSCAPES.COM
INQUIRE ABOUT OUR STARTER SWING SETS

חסל סידור פסח כהלכתו.
רייך און באוויליגט.

נרצה
pivotgroup.nyc
HERITAGE
SILVER
Reclined like royalty, surrounded by splendor, our past and present come alive with vibrant light. לשנה הבאה בירושלים is our fervent hope, a promise we hold dear, every gleam, every flicker reflecting this hope.
Monroe 97 acres Rd
Lakewood 1328 River Ave
WhatsApp or text for free delivery : 845.774.8468
Email: Info@heritagesilver.com

ללמדו אומנות

די בעסטע מתנה וואס דו קענסט געבן פאר דיין באליבטע קינד איז אים אויסלערנען וויאזוי צו שטיין אויף די פוס.

פאר שלום בית האסטו געגומען לעסאנס.

וואס טוט זיך מיט פיינענשאלס?

האסט געלערנט די יסודות וויאזוי צו בויען א פעסטע שטוב,
אבער וואס וועט זיין מיט דיין פינאנציעלע צוקונפט?

לאז נישט פיינענשאלס זיין די לאך פון דיין נייע שטוב ח"ו.

Chaim Ekstein's Git Gelt Lessons provide newlyweds with the essential knowledge to build a strong financial foundation together.

12 comprehensive lessons - each followed by a live Q&A.

Free introductory lesson available!

- Budget & Save for the Future
- Navigate Taxes & Government Programs
- Invest Wisely & Protect Your Family
- Manage Insurance & Credit

Register by ר"ח אייר to receive a 10% discount

Ensure your future is as solid as your home → 718.400.7745 // chaimekstein.com/gitgelt

גוט געלט

דורך חיים עקשטיין

dartmedia.us

LIFE HAS NO *Lemons*

DISCOVERING THE SWEETNESS WITHIN

HCS

A special journey, together.

בס"ד

pivotgroup.nyc

וואַנדערט נישט 40 יאָר
גייט נישט נאך דעם קעמל...
רופט אונזערע עקספערטן, און זיי
וועלן בעז"ה אייך טרעפן
די פאסיגע דירה
כי עתה באתם אל המנוחה ואל הנחלה
OUR TEAM
Yisroel Weiss
Chaim Schwartz
Yossi Morgan
Ephraim (Avrumy) Brull
Office: 845.533.6565 | Email: office@teamwny.com | Web: teamwny.com
team W
Realty
We bring you to the closing table™
Brainstorm | 845.444.6099

Great mortgages don't grow on trees, either.
חג כשר ושמח
Ark Mortgage
(888) 275-8575 | ArkMortgage.com
Ark Mortgage Inc. • NMLS ID 103915 • 400 Rella Blvd Montebello, NY 10901
Licensed Mortgage Banker NYS Department of Financial Services;
also licensed in AZ, CA, CT, CO, FL, NJ, PA & TX
EQUAL HOUSING LENDER

Take what's yours.
GCNY
With convenient ways to give, OJC ensures you receive the maximum tax write-off you deserve.
חג כשר ושמח
718.599.1400
OJCFUND.ORG
OJC FUND

בס"ד
pentagon group
טאטי,
די איינציגסטע זאך וואס פעלט מיר ביסטו. בית לפליטות זארגט זיך פאר מיר, און שטעלט מיר צו א ווארעמע היים צום שלאפן און צום עסן, און אלע מיינע געברויכן. כ'בענק זיך זייער שטארק צו דיר.
האב א לעכטיגן פסח אין גן עדן.
בית לפליטות
עטרת בנות ישראל
בית חם לבנות
נבחרת
בית לפליטות
Support for girls who have lost a parent
בשבילך
Support for girls of single parent homes
Support for boys of single parent homes


Making Opportunities Happen™
FUNDED BY
FN
FUNDING NEXUS

pentagon group
THE FACE OF BUSINESS FUNDING
FUNDING NEXUS
THEFUNDINGNEXUS.COM

500+
Even Murphy's Law can't get past us.
DON'T GAMBLE WITH THE FUTURE.
YOU PUT TOO MUCH INTO YOUR BUSINESS AND INVESTMENTS TO RISK IT ALL. WITH GOLD RIVER INSURANCE, IT'S ALL PROTECTED. ALL THE TIME.
· BUSINESS INSURANCE
· PROPERTY INSURANCE
· TRUCKING INSURANCE
· RISK & CLAIMS MANAGEMENT
· SAFETY AND LOSS CONTROL
OPERATING IN EVERY STATE OF THE US
A DECADE OF TRUST
8,000+ POLICIES BOUND
THIS IS YOUR GOLDEN TICKET TO PEACE OF MIND.
REQUEST A QUOTE TODAY.
212.493.3322 | SUPPORT@GOLDRIVERINSURANCE.COM
WWW.GOLDRIVERINSURANCE.COM
GOLD RIVER
INSURANCE BROKERAGE

pivotgroup.nyc

When there's an ill, there's a way

As the largest and most awarded healthcare network in the state, we deliver advanced care from professionals who understand your way of life. Conducting over 10.95 million research tests annually, we're pushing the boundaries of what's possible to power a healthy future.

THE LARGEST AND MOST AWARDED HEALTHCARE NETWORK IN NEW YORK STATE

945 Facilities | 21 Hospitals | 89,000+ Healthcare Workers | 12 Community Liaisons

Northwell Health®

א לעכטיגע און געזונטע יו"ט

Learn more northwell.edu

718.475.1600
info@hmlbrokerage.com
hmlbrokerage.com
GCNY
Your workers count on you
for their protection.
HML
BROKERAGE
A DIVISION OF WORLD

abe's
ParveLicious
CHOCOLATE
VANILLA
abe's
ice cream
your magical family trip is just a scoop away
No trip is complete without a sweet ending. Grab that bucket and *let the fun begin!*
CRC
KOSHER FOR PASSOVER
admarkny.com

אינהאַלט

34 פאסטמאן

42 כח היחיד

48 גוטערמאן

56 שטאטסמאן

70 אידיש געלט

76 מיט'ן קאפ אין וואנט

88 געזונטערמאן

92 קנאק פון א פלאן

118 היימישע עשירים

146 הויכע ספערן

156 פערזאן פון יאר

פאר פידבעק און קאמענטארן
צו שרייבער אדער ארטיקלען:

845.200.3313 #101

EDITOR@THEYINGERMAN.COM

חג הפסח תשפ"ה

APRIL 9 '25 — ISSUE 38

THE YINGERMAN
FREE WEEKLY PUBLICATION

MAILING
215 MOUNTAIN VIEW DR.
MONROE, NY, 10950

OFFICE
845.666.0056

OFFICE EMAIL
INFO@THEYINGERMAN.COM

ADVERTISING
ADS@THEYINGERMAN.COM

WEBSITE
WWW.THEYINGERMAN.COM

© The Yingerman Publication. Published by The Yingerman Publication Inc. All rights reserved. No part of this publication may be reproduced in print or digital form without prior written consent. The publisher reserves the right to edit all submissions for clarity, length, and editorial standards. Submitted materials will not be returned. The Yingerman Publication is not liable for the kashrut of any advertised product or service featured in these pages. Additionally, The Yingerman Publication assumes no responsibility for the content of articles, advertisements, or referenced books within this publication.

BLUESHINE
INSURANCE BROKERAGE

WE SHOP EVERY INSURANCE COMPANY AT EACH RENEWAL!

Call or Text:

845.751.9299

Chat with our automated system: 844.450.1070 | quote@blueshineinsurance.com

LET US DO THE WORK!

freedom
business financing

OOCRE Loans | Business Acquisition Loans | SBA 7(a) & 504

Go from leasing to *liberation.*

Stop letting rising rents dictate your future. Instead, create long-term wealth by owning your space. Freedom Business Financing can help you get there with a high-leverage SBA 7(a) or 504 loan.

Get started →

freedombm.com

Jerry Freedman
Business Loan Consultant

jerry@freedombm.com
(732) 702-1859

Chaim Roth
Business Loan Consultant

chaim@freedombm.com
(845) 637-4327

Heart.Works
sweetness meets
sophistication
OY
SWEET
ROSE
V
ZEES
Available in
Sweet White Wine
and Sweet Rose Wine
בהשגחת
הרב עקיבא אשר פדווא שליט"א
MKL
משמרת הכשרות דק"ק לונדון יצ"ו
ועד הכשרות
למהדרין
בראשות
הרב אליעזר וולף
רב ואב"ד אמשטרדם
UP
יין מיוחד למהדרין.
מיוצר ע"י שומרי תורה ומצוות.


pentagon group
11:30pm
35
65
10
4
99+
26
7:00am
פון עפפ צו עפפ פון מעסעדזש צו מעסעדזש, א ששיק עבודות.
עבודות

דעם אינגערמאנ'ס טיש
845.200.3313 #102
qa@theyingerman.com

#142

א גוט יאר, איך וויל ענטפערן אויף בריוו נומער 135 פאר דעם איד וואס פרעגט וואו מען קען טרעפן שיינע געדאנקען צו זאגן ביים שבת טיש.

איך ליין אסאך גליונות, און צווישן אלע גליונות קען מען טרעפן גוטע זאכן דא-דארט.

עס זענען דא צוויי גליונות וואס זענען זייער פאסיג פאר א שטוב מיט קינדער, פאר אלע יארגענג. איינס איז א גליון פון אנטווערפן. עס איז זייער א דיקער גליון יעדע וואך, עס האט אלע סארט תורה'לעך, סיי קורצע און לאנגע, מעשיות פון צדיקים, א גרויסער אויסוואל ממש פאר אלע יארגענג. דערנאך איז דא א גליון פון א מלמד אין סאטמארער ת"ת אין קרית יואל. עס הייסט אז תתענג. ער האט יעדע וואך א שיינע מעשה און א שיינע תורה וואס איז זייער שיין אראפגעלייגט און מען קען עס פארלייענען ווארט ביי ווארט. עס איז אינטערסאנט פאר אלע יארגענג. עס איז אביסל שווער צו באקומען, איך ווייס נישט פונקטליך וואו עס ווערט פארשפרייט און איך טרעף עס נישט יעדע וואך. ער האט אויך ארויסגעגעבן א ספר צוזאמגענומען פון די אלע גליונות.

א גרויסן יישר כח פאר אייער ארבעט, הצלחה וברכה.

#143

א גוטן, איך וויל מיך באדאנקען פאר דער עצה וואס איינער האט געגעבן צו נוצן פאר די סקעם קאלס, אז אויב מען הייבט אן דריקן אלע קנעפלעך און נאכדעם פרובירט מען צו צוריקרופן דעם נומער וועלן די סקעמערס נערוועז ווערן און זיי וועלן אראפנעמען די נומער פון זייער ליסטע.

איך האב געהאלטן אין איין באקומען סקעם קאלס, און אזוי ווי איך דארף האלטן מיין סעלפאן אנגעצינדן בשעת איך ארבעט וויבאלד מיין בעה"ב דארף מיך קענען רופן, און איך האב געדארפט האלטן אין איין קוקן ווער עס רופט, האט עס מיר מורא'דיג געשטערט מיין טאג.

איך וויל מיך זייער שטארק באדאנקען, זייט דעמאלט ב"ה האבן זיך די קאלס אינגאנצן אויפגעהערט.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס און פאר דער גאנצער אויסגאבע, עס איז א מורא'דיגע זאך.

#144

א גוטן, איך וויל צולייגן א נקודה צו בריוו נומער 135 וואו איינער שרייבט אז עס איז אים שווער צו פירן שבת'דיגע סעודות, און ס'איז אים זייער א גרויסער פרעשור ווייל ער ווייסט נישט וואו צו טרעפן וואס צו זאגן.

איך פארשטיי נישט פארוואס עס פעלט אויס זיך אזוי אנצושטרענגען אויב עס קומט אן שווער. עס שטייט אז מען דארף מענג זיין דעם שבת, מען דארף טון זייער רואיגע און געשמאקע זאכן. זיך איבערשטרענגען צו גיין טרעפן וואס צו זאגן פעלט נישט אויס. די שבת'דיגע סעודה דארף נישט זיין אזוי שווער און שרעקעדיג. עס קען זיין זיין א רואיגער און געשמאקער מצב וואו מען זיצט און מען פארברענגט מיט דער משפחה, אזוי ווי די תורה זאגט אז מ'זאל פירן די שבת'דיגע סעודה, און וואס ס'קומט ארויף עפעס א שיין געדאנק אדער ווארט צו זאגן זאגט מען עס פאר די קינדער.

Stuttering?

Are social and daily interactions demanding maximum effort from you?

Is your stutter limiting you from reaching your potential?

Conquering Fluency will guide you in mastering fluent speech with proven result-based techniques tailored for your needs.

Join our clients and see amaziing results!

Conquering Fluency

Virtual and in-person sessions available

To learn more or schedule a consultation, reach out today:

Chaim Yitzchok Metzger
Stuttering Specialist

718-FLUENCY (358-3629)
cym@conqueringfluency.com

pentagon group

11:30pm

7:00am

הבדלה

אה! א שטיק רואיגקייט און מנוחת הנפש, ריכטיגע חירות!

חירות

TEPERBERG
TEPERBERG
ESSENCE
קברנה סוביניון
יין אדום יבש
2018
CABERNET SAUVIGNON
DRY RED WINE
חג פסח שמח וכשר
כלים: קאזה בלה

LuxuryLighting
THE MENDLOWITZ FAMILY

LUXURY LIGHTING.
IT'S ALL IN THE NAME.

luxurylightingny.com
Brooklyn: 718-384-4490 | 343 Lorimer St.
Upstate: 845-783-0604 | 16 Lake Street

דער פסח'דיגער אינגערמאן

דער אינגערמאן גרייט זיך פאר פסח. ער קוקט אריין אין חסיד'ישע ספרים און זעט אז פסח איז דער זמן ווען כלל ישראל איז געבוירן, דער זמן ווען כלל ישראל איז געווארן דער עם הנבחר, דער זמן ווען די בריאה באנייט זיך און מ'הייבט אן מיט א פרישער אמונה אינעם הייליגן באשעפער.

דער אינגערמאן גרייט זיך מקיים צו זיין דעם והגדת לבנך, ווייטער צו געבן די אידישע מסורה פאר די קומענדיגע דורות, אריינלייגן אין די קינדער און אין זיך אז דער באשעפער פירט די וועלט און אלעס וואס ער טוט איז גוט, אפילו ווען מען פארשטייט עס נישט אויפן פלאץ.

דער אינגערמאן שטעלט אפ דעם געלויף פונעם לאנגן ווינטער, לייגט אין די זייט די נייעס, גוי'אישע און אידישע צוגלייך, און מען איז זיך מדבק מיטן באשעפער אליין פאר עטליכע טעג. ורוממתנו מכל עם וקדשתנו במצוותיך. מען דערהייבט זיך אביסל פון גשמיות אריין אונטערן פארטוך פונעם טאטן אין הימל.

דער אינגערמאן אנערקענט אז יא, ער האט די כוחות בייצושטיין די שווערע נסיונות פונעם דור און בלייבן ערליך און געטריי, און אז ס'איז געשמאק און זיס.

דער אינגערמאן שטרענגט זיך און גייט ארויס פון וועג צו ערפילן דעם אויבערשטנ'ס רצון צו זיין ריין און אפגעהיטן פון חמץ דורכאויס דעם הייליגן יו"ט. ער שוויצט אריין און ארבעט ביטער שווער, כדי צו פראווענען אכט טעג אן קיין ברעקל חמץ און מקיים זען דעם "בל יראה ובל ימצא" בהידור רב.

און אט די אנשטרעגונג וואס דער אינגערמאן נעמט אויף זיך אן און גייט ארויס פון וועג צו פארזיכערן אז זיין שטוב איז אפגעהיטן לכבוד פסח, גענוי דאס טוען מיר דא אין "אינגערמאן אויסגאבע" דורכאויס דעם גאנצן יאר.

דער אינגערמאן איז כשר לפסח למהדרין מן המדרין, שמורה משעת כתיבה מיט צוויי משגיחים וועלכע קוקן דורך יעדע אויסגאבע איידער עס גייט צום דרוק, און דיינים וועלכע קלארן אויס יעדע שאלה וואס מאכט זיך, צו פארזיכערן אז די מערסט-פארשפרייטע אויסגאבע אויף דער אידישער שפראך אין דער חרדי'שער וועלט איז אויך דאס מערסטע אויסגעהאלטן און קען ווערן ארייגענומען אין יעדער אידישער שטוב.

דער "אינגערמאן" איז ב"ה אסאך געשטיגן דעם ווינטער. עס גיבט גאר אסאך חיזוק צו הערן ווי שטארק דער עולם האט הנאה און וויפיל ביזנעסער האבן זיך ב"ה געבויעט פון אדווערטייזן אין דעם אינגערמאן. עס הערשט א מצב פון א שווערער עקאנאמיע, און דער באשעפער האט אונז מזכה געווען מיט אזא וויכטיגער אויפגאבע צו העלפן דעם היימישן ציבור מיט אן אויסגעהאלטענער פלאטפארמע וואו צו פובליצירן אייער ביזנעס און טון דאס ריכטיגע השתדלות אז די ברכה זאל האבן וואו חל צו זיין.

דער אינגערמאן וועלט אויס דעם 'אינגערמאן פונעם יאר', דעם כח היחיד וואס מיר אלע האבן אין זיך, און מיר קוקן ארויף און לערנען זיך פון די וועלכע נוצן אויס זייערע כוחות צו העלפן כלל ישראל.

דער אינגערמאן גיבט א בליק אריין אין דער וועלט פון היימישע פילאנטראפן, אידן וועם דער באשעפער האט ב"ה געגעבן א רייכטום און זיי נוצן עס אויס אויף גוטע זאכן. די ערשטע הלכה אין הלכות פסח איז אז מען העלפט די ארימעלייט אריינברענגען דעם פסח, און די נגידים אויף אונזער ליסטע טיילן הונדערטער טויזנטער דאלארן בעפאר יעדן פסח צו זיכער מאכן אז יעדער איד האט אויף יו"ט מיט א ברייטקייט.

דער אינגערמאן פארט ארויף העכער די הימלען פאר א רייזע צו זען זאכן מיט א העכערן און טיפערן בליק. יעדער פירט זיין עראפלאן במשך זיינע יארן אויף דער וועלט, און עס לוינט זיך די ארבעט זיך אויסצולערנען וויאזוי צו זיין א גוטער פילאט.

דער אינגערמאן קוקט ארויס צו הערן פון אייך נאך יו"ט: פון וועלכע ארטיקלען האט איר הנאה געהאט? וואס נאך ווילט איר זען אינעם אינגערמאן? וועלכע אינפארמאציע ווילט איר מיטטיילן מיט די ליינער?

מיר זענען שטענדיג גרייט צו הערן.

א כשר'ן און לעכטיגן יו"ט פאר אלע ליינער און פאר גאנץ כלל ישראל,

די רעדאקציע.

א כשר'ן
פרייליכן
פסח

KidClick
MY HAPPY PLACE

Hamaspik of Orange County

845.774.8400 | Intake@hamaspikorange.org

OUR LEGACY

LEAVING OUR MARK ON STUNNING INTERIORS ACROSS THE NATION.

SHOWCASING A PORTFOLIO OF VISIONARY DESIGN.

ATERES ELKA / MONSEY, NY

MIKVAH / MONROE, NY

RSVP STEAKHOUSE / MONSEY, NY

CUSTOM KITCHEN / MONROE, NY

ICE CREAM HOUSE / LAKEWOOD, NJ

BATHROOM / BROOKLYN, NY

CUSTOM STUDY / POMONA, NY

LOBBY AREA / NEWARK, NJ

CREATING WORKS OF ART SINCE 1985

KJ TILES CO.

Monsey, NY : 191 Rt. 59, NY / 845.371.5400
Toms River, NJ : 1800 lakewood Rd. / 732.808.5400
Sales@kjtilesco.com / kjtilesco.com

כח היחיד

אן איינצלנער מענטש
מיט א געדאנק - ביז א
רעוואלוציע אין דער וועלט

הרה"צ רבי מאיר לעהמאן זצ"ל

אין אונזער היינטיגן ארטיקל, מישן מיר צוריק דעם בלעטל צו היסטארישע מאמענטן אין כלל ישראל, אין די אנהייב ת"ר יארן, ווען די השכלה ווינטן האבן געבוזשעוועט אין דייטשלאנד און פארשניטן גרויסע טיילן פונעם אידישן פאלק רח"ל. מיר וועלן זיך קאנצענטרירן אויף איין גדול בישראל וועלכער האט אונטערגענומען א הייליגן קאמף קעגן די משכילים, און מיט זיינע צען פינגער געראטעוועט גרויסע טיילן פון כלל ישראל. דאס איז הרה"צ רבי מאיר לעהמאן זצ"ל, אב"ד "מיינץ" והגלילות.

רבי מאיר איז געבוירן אין תקצ"א צו זיין חשוב'ן פאטער רבי אשר אהרן. אין זיין שטאט איז נישט געווען קיין אידישער חדר, און דעריבער איז ער געווען געצווינגען צו לערנען אין דער אלגעמיינער שולע, אבער אין שטוב האבן זיינע עלטערן אים מחנך געווען צו א גאר ערליכן לעבן. ער האט אלס בחור געלערנט ביי הגאון רבי מיכל לאנדבערגער, און הגאון רבי עזריאל הילדעסהיימער, פון וועמען ער האט באקומען סמיכה. אויך האט ער באקומען דאקטוראט אין בערלין.

ער איז געווען א גרויסער חכם און א שטארקער גאון בתורה, און אויך אין וועלטליכע ענינים.

זייענדיג דריי-און-צוואנציג יאר אלט האט ער חתונה געהאט מיט בת הגאון רבי שמואל באנדי ע"ה, אייניקל פון הגאון רבי אברהם נפתלי הירץ שייער זצ"ל, מח"ס תורי זהב אויף שיר השירים, אבדק"ק מיינץ/מאגענצא.

טראץ וואס אין דער שטאט מאגענצא האבן אלע יארן געוואוינט די סאמע גרעסטע תורה לייבן, מיט דעם אלעם, ווען השכלה איז אנגעקומען קיין דייטשלאנד האט עס ליידער נישט איבערגעהיפט דאס רייכע שטעטל, די השכלה האט זיי שרעקליך באדראעט. דער רב הרב שייער איז אבער געווען פון די גרעסטע קעמפער קעגן דער רעפארם באוועגונג, ביז זיין הסתלקות אין יאר תקפ"ג.

אין יאר תרי"ג, ווען דער נייער רב פון דער ארטיגער צענטראלער קהילה האט עמטליך רעפארמירט די קהילה, האט אן ענגע צאל אידן חרדים לדבר ה' זיך פארמאל אפגעטיילט און געגרינדעט אן אייגענעם "מנין", בראשות הרב שמואל באנדי.

אין יאר תרי"ד האבן זיי אופגענומען הרה"צ רבי מאיר לעהמאן, אין עלטער פון דריי און דרייסיג יאר, אלס זייער רב. רבי מאיר האט אופגעלעבט די ארטאדאקסישע קהילה און געברענגט א נייע עפעכע צו מרומם זיין דעם קרן היהדות אין שטאט. זייענדיג א געלונגענער בעל דרשן האט ער באצויבערט די בני קהילה מיט טיפזיניגע שיעורים בתורה ועבודת ה', און אזוי געראטעוועט פילע אידן וואס זענען שוין געווען טיילוייז פארשלעפט דורך די משכילים. מיט דער גאנצער קראפט האט ער אפגעהאקט די ערליכע אידן פון סיי וועלכן שייכות מיט די רעפארמער.

זיין געבענטשטער כח היחיד האט געבענגט אז די אלטע שול איז אויסגעוואקסן, און אין יאר תרט"ז האט ער געעפנט דעם נייעם בית הכנסת מיט דריי הונדערט זיץ פלעצער, און דארט אוועקגעשטעלט דעם ארטאדאקסישן "קהל עדת ישורון". אין יאר תרי"ז האט די רעגירונג אנערקענט אין דער נייער קהילה, און אין תרל"ח זיי אפיציעל געשאנקען ערלויבעניש זיך אפצוטיילן פון דער אלגעמיינער רעפארמירטער קהילה.

אין דער נייער שול האט דער רב פארמערט די שיעורי תורה, און די קהילה איז זיך הערליך צוואוקסן. באזונדער האט דער רב דאן געגרינדעט א פרומע אידישע שולע, וואו מען האט געלערנט לימודי קודש אין צוגאב צו לימודי חול, אבער אלעס מיט אן ערליכער השקפה.

רבי מאיר פלעגט אויך נוצן זיין כח היחיד און פערזענליך אנקלאפן ביי אידישע הייזער איבערצוצייגן מענטשן אז זיי זאלן זיך נישט לאזן מיטשלעפן מיט די השכלה ווינטן. ער האט געהאט גרויס סוקסעס, א שטייגער ווי דאס אז ביז זיינע צייטן זענען רוב אידישע געשעפטן געווען אפן שבת רח"ל, אבער בשעתו האבן א גרויס טייל אנגעהויבן היטן שבת.

אויך איז ער ארומגעפארן אין ארומיגע שטעט, ווי דַארמשטאַדט, וויסבאַדן, קעניגס-וואָסטערהאוזן און נאך, און דארט געגרינדעט ארטאדאקסישע קהילות און געשטעלט יונגע פרומע רבנים זיי צו פירן.

די רעפארמער האבן גוט פארשטאנען זיין כח, און האבן געגאסן פעך און שוועבל אויף אים אין די א.ג. "אידישע" צייטונגען, נוצנדיג ארטיקלען, גראמען און פאעזיעס ליצנות צו מאכן פון דעם יונגן ארטאדאקסישן רב, כדי די יוגנט זאל זיך אפשאקלען פון אים. אבער עס האט זיי נישט צופיל געהאלפן. רבי מאיר האט פאקטיש אפגעראטעוועט אן א שיעור אידן, יונגע און אלטע, פון השכלה.

די רדיפות זענען אנגעגאנגען מיט א שטארקייט. די רעפארמער האבן באשמוצט רבי מאיר ברבים, מען האט אים נאכגעשריגן אין די גאסן. די רעפארמער ראשי הקהילה האבן אים פאר'מסר'ט אז זיין קהילה איז נישט לעגאל און דעריבער קען ער נישט דארט דינען אלס רב. אבער רבי מאיר איז פערזענליך געפארן קיין דַארמשטאַדט צו די גרויסע מיניסטארן צו באקומען אנערקענונג פאר זיין קהילה, אז ער זאל דארט קענען דינען אלס רב אומגעשטערט, און ער האט למעשה טאקע געוואונען.

אינצווישן האבן גרויסע קהילות ווי שוועדן, בערלין און וויען אים געלאדנט צו ווערן רב ביי זיי. אויך אין פעטערבורג-רוסלאנד האבן זיי אים געוואלט קרוינען אלס ראה"כ. אבער רבי מאיר האט אויפגעגעבן אויף אלע כבוד און באקוועמליכקייטן און געבליבן אין מיינץ, אויף אן אומאפיציעלן פאסטן, און שוואך געהאלט, כדי צו קענען פארזעצן מיט זיין הייליגן ציל פון לוחם זיין מלחמות השם.

דער שפיץ פון זיינע אקטיוויטעטן איז געוויס געווען זיין ריזיקאלישער שריט, ווען דער גאון דער האט געגרינדעט אן אייגענע ערליכע צייטונג אונטערן נאמען "דער איזראעליט".

שלום ווייס
845.200.3313 #107

די נייע צייטונג האט אנגעהויבן ערשיינען אין יאר תר"כ אין שטאט מיינץ, און פארגעזעצט צו ערשיינען פאר די קומענדיגע דרייסיג יאר. ר' מאיר זעלבסט האט רעדאגירט און ארויסגעגעבן די צייטונג.

"דער איזראעליט" איז געווען די סאמע שטערקסטע ארטאדאקסישע צייטונג אין דייטשלאנד, און געהאט דעם שטערקסטן איינפלוס אויף יהדות דייטשלאנד, מער פון סיי וועלכער ערליכער צייטונג בעפאר.

אין א צייט ווען די משכילים האבן אין די א.ג. אידישע צייטונגען ארויפגעפירט אידן פון וועג דורך העסליכע השכלה ארטיקלען, האט "דער איזראעליט" גערעטעוועט דעם מצב.

"דער איזראעליט" האט געפירט אפענע מערכות מיט די רעפארמער. און אויך האט ער דארט באשריבן די שיינקייט פון די פרומע קהילות אין אונגארן, רוסלאנד, פוילן און ליטא, נאכדעם וואס די רעפארמער צייטונגען פלעגן זיי שטענדיג באשמוצן אלס די שמוציגע פרימיטיווע "אסט יודע".

די צייטונג איז געווען אויסגעשטעלט מיט אלע ערליי מאמרים, סיי פון אנדערע גדולי ישראל און סיי געשיכטעס וואס רבי מאיר האט געשריבן, אזוי אז אלע שיכטן אין כלל ישראל זאלן האבן וואס צו ליינען. די פאפולאריטעט פון דער צייטונג איז געווען אויף די העכסטע אקטאוועס.

נאך עטליכע יאר פון זיין צייטונג האט זיך געטוישט דער מצב, און דער ארטאדאקסישער דייטשלאנד האט צוגעזען א שטארקע אויפבלי.

די דייטשע אידן האבן זיך אזוי שטארק גענויטיגט אין א פרומער צייטונג וואס זאל שרייבן בלויז ערליכע און תוכנ'דיגע מאטעריאל מיט דער בעסטער השקפה, און דאס האט "דער איזראעליט" צוגעשטעלט. רבי מאיר האט זיכער געמאכט אז די צייטונג זאל אנקומען צו אלע געגנטער אויך וואו עס זענען ליידער נישטא קיין רבנים, אזוי ארום צו אפראטעווען ווי מער פרומע אידן. עס איז טאקע אנגעקומען אזוי ווייט ווי קיין האלאנד, פראנקרייך, שווייץ און נאך.

איינס פון די שטארקע וואפנס פון די משכילים איז געווען אנצופיקעווען אידישע ביכלעך מיט טריפה'נער השקפה, און עס אריינשמירן צווישן דער יוגנט, עפעס וואס האט געקאסט א טייערן פרייז ביי כלל ישראל.

רבי מאיר האט זיך אונטערגענומען דאס צו באקעמפן, און אנשטאט צו ווייטער ארויסגעבן ספרים, א שטייגער ווי זיין ערשטן ספר "מאיר נתיב" אויף ירושלמי, האט ער אויפגעגעבן דערויף און גענוצט זיין פעדער צו שרייבן ביאגראפיע און היסטאריע ביכער, רוב פון זיי אמת'ע געשיכטעס, אבער דער עיקר אנגעפילט מיט יראת שמים און ערליכקייט, כדי דערמיט צו באקעמפן די השכלה.

זיינע ביכער זענען שפעטער געווארן איבערגעדרוקט אין עטליכע שפראכן, און זענען נאך ביז היינט א נחלת הכלל, א שטייגער ווי רבי עקיבא, בוסתנאי בן חנינאי, דער שר פון קוצי, דער מהר"ם מרוטנבורג, רבי יוסף בן גרשון פון ראזהיים, און נאך.

עס לאזט זיך נישט באשרייבן ווי ווייט זיינע פעולות האבן אויפגעטון אפצוראטעווען צאללאזע אידן פון שמד. ער איז אריינגעשפרונגען איינער אליין אין א ברענענדיגער זאנע, אין א מלחמה וואו רוב קעמפער פון דער ערליכער זייט האבן שנעל פארלוירן. אבער ער האט זיך נישט געלאזט פון גארנישט, און געקעמפט ביז זיין לעצטער מינוט אויף דער וועלט - ביי די ניין און פופציג יאר אלט.

נאך זיין הסתלקות איז זיין צייטונג אריבער צו נייע רעדאגירער, און איז הערשט געווארן אפגעשפארט אין חשון תרצ"ט דורך די נאציס ימ"ש וועלכע האבן פארבאטן אידישע צייטונגען. אבער זיין הייליגער קאמף איז קיינמאל נישט פארלאשן געווארן, נאר געבליבן א רייכער טייל פון דער ערליכער היסטאריע פון כלל ישראל.

אויב האט איר א געדאנק פון א פערזענליכקייט וועלכער איז פאסיג צו ווערן באשריבן אין דעם קאלום, ביטע זיך פארבינדן מיט אונז דורכן רופן 845.200.3313 #107 אדער שיקט אן אימעיל צו sw@theyingerman.com



תוכנ'דיגע ביכער אנצופילן דאס ק

5'טער באנד!
תקופת שמואל הנביא
און דוד המלך

געשיכטע
פון כלל ישראל

רייך באשריבן די תקופות פון נ"ך, באגלייט מיט קאלירטע בילדער און קלארע מאפעס.

היסטאריע
פון אידן אין
אייראפע

פון תקופת החורבן, ביז דער 2'טער וועלט קריג. באגלייט מיט קלארע אילוסטראציעס און מאפעס, די אמאליגע מלוכות און אימפעריעס.

8'טער בוך
אין די 'אידישע
העלדן' סעריע

זיגרייך

מסירת נפש, אמונה, קוראזש און דרייסטקייט פון א גרופע יונגע מיידלעך ביים 2'טן וועלט קריג.

9'טער באנד!
אינפראסטרוקטור

וואונדערליך

יסודות'דיגע איינריכטונגען וואס איז א 'מוז' פאר א שטאט: וואסער, אפלויף, גאז, מיסט, עלעקטריק, ראוד'ס, בריקן, טונעלן, און נאך.



אידישע העלדן
· סעריע ·

עפל, נישט בלויז די ליידיגע צייט...

אין קאמף קעגן השכלה

די רדיפות און פאגראמען איבער אידן אין רוסלאנד, מיט 150 יאר צוריק, פון אינערליכע און דרויסנדע פיינט.

אויפ'ן וועג צום רבי'ן

3'טער באנד

דערציילונגען איבער פיל צדיקים, אויסגעשטעלט לויט די יארצייטן.

רעטונג אין צפון

שפאנענדע נאוועל געשיכטע

א שטורמישע רייזע פון אוקריינע, קיין רוסלאנד, סיביר, אלאסקא, אין די איי. או. אי. עס. אינסטיטוט. און נאך.

דרייצן איבער-לעבער

ווי אזוי א משפחה פון 13 מיטגלידער האבן וואונדערליך איבערגעלעבט דעם קריג, דורך געוואלדיגע חכמה און קוראזש און פיל סייעתא דשמיא.

הער א מעשה

24 ציענדע לענגערע מעשיות פון צדיקים, געפינטלט, געשמאק געשריבן. באגלייט מיט שיינע בילדערלעך.

איבער-געבויעט

א הערליכע ווערק פון דאס שטויענדע לעבנס שילדערונג פון מרת פערל קויפמאן ע"ה. רייכע זכרונות פון דער אלטער היים, די מלחמה, און די ווידער-אויפבוי נאך די מלחמה.

משפחת גאלדבערגער

א אינטערעסאנטע לעבנס געשיכטע פון הרה"ח ר' חיים הערש גאלדבערגער ז"ל, און זיינע קינדער. באגלייט מיט פיל אינטערעסאנטע בילדער.

געוואלדיג

718.384.1324

אינהאלטסרייך, אויסגעהאלטן, געשמאק

מעבדות לחירות

- A sub fell off my 3 story job site.
- OSHA is on my back.
- I have 17 open workers comp cases.
- I have 3 depositions scheduled, I'm off my mind.
- My sub's insurance didn't cover the incident.
- Got hit with a class-action from ex-employees.
- They wouldn't renew my policy.. too many claims.
- My GC's contract has crazy penalty clauses.
- Got hit with a fine just for missing documentation..
- We hired a "manager" clueless about safety.
- I didn't properly train, and now I'm paying for it.
- My claim got denied because of an exclusion.
- Department of Labor is threatening to sue.
- My machine wasn't inspected.. a violation.
- A site neighbor is suing for noise and dust.
- My policy doesn't cover this zip code.
- That "cheap" policy just cost me a fortune
- The broker said "you're covered" I wasn't
- Auditor flagged our payroll records.
- My attorney wants to settle.
- my employee got hurt—no witnesses.
- We missed a filing deadline.

propaganda

TITANIUM
DEFENSE GROUP

Titanium takes it off your head. For good.

212-993-8427 | info@titaniumdg.com

PREVENT. PROTECT. PREVAIL.™

"My broker didn't recommend to call Titanium... He said I HAVE to call Titanium." – Lazer A.

We take care of all your immigration needs.

- Green Cards Based on spouse, parent, or child
- Removal of Conditions (I-751)
- Green Card Renewal (I-90)
- U.S. Citizenship (N-400, N-600, N-600K)
- Consular Report of Birth Abroad (CRBA)
- U.S. Passports
- Work Visas & Investor Visas

greenvisa

718.400.9969

greenvisaus.com

info@greenvisa.us

גיי ארויס מעבדות לחירות

שטייענדיג בעפאר דעם יו"ט פסח ווען ס'איז זמן חרותינו, וועלן מיר היינט אביסל ארומרעדן איבער דער נושא פון חירות, וואס איז דאך ענינא דיומא.

יעדער מענטש וויל נאטירליך פילן דאס געפיל פון חירות. א מענטש גלייכט ווען ער פילט א פרייהייט אין מח און פילט נישט אונטערדריקט, נישט פון זיינע מחשבות און נישט פון אנדערע. אבער ליידער זענען דא אסאך מענטשן וואס פילן זייער אונטערדריקט; זיי פילן ווי זיי לעבן נישט אין חירות נאר אין עבדות.

אצינד ווען עס קומט דער זמן חירותינו איז די פאסיגע צייט זיך אפצושטעלן און זיך מתבונן זיין דערין, און זען וואס איז גורם די מחשבות פון עבדות און וויאזוי מ'קען ארויסגיין לחירות.

צוערשט דארף מען וויסן אז דער באשעפער האט באשאפן דעם מענטש אויף אן אופן אז ער זאל קענען לעבן אין א וועלט פון חירות. א מענטש איז נישט דא אויף דער וועלט צו פילן אונטערדריקט. ווען מען פילט אונטערדריקט אין מח שטערט עס סיי פאר עבודת ה' און סיי פאר חיי יום יום.

כדי אנצוקומען צו חירות זענען דא צוויי זאכן וואס קענען העלפן:

א. זיך איינגאנצן פארלאזן אויפן אויבערשטן, און וויסן אז אלעס וואס געשעט צום מענטש קומט פון אויבן און עס איז דא א פונקטליכער פלאן דערפאר. דאס איז דער שפיץ פון חירות, און די אידן וואס לעבן אויף דעם אופן זענען באמת רואיג און צופרידן און זיי פילן נישט קיין שום עבדות. פארשטייט זיך אז עס זענען דא אסאך דרגות אין דעם, און יעדער דארף זען אין זיין מצב און לויט זיין דרגא מער ארייינצוגיין אין דער וועלט פון אמונה און בטחון.

ב. פארשטיין מיט א קלארקייט וואס עס טוט זיך אפ אין זיך, וואס מען וויל באמת, וואס איז דאס וואס דריקט אויפן מענטש, און וויאזוי קען מען טראכטן אויף א בעסערן אופן וואס וועט מאכן שפירן נישט צודריקט.

דאס הייסט אזוי: דאס אז מענטשן פילן זיך צודרוקט און פאר'דאגה'ט, קומט אפט פשוט ווייל דער מענטש ווייסט נישט וויאזוי אנצוכאפן וואס עס פאסירט צו אים מיט דעם ריכטיגן צוגאנג און בליק. איינמאל דער מענטש ווערט קלאר אין דעם ריכטיגן צוגאנג, גייט ער ממש ארויס לחירות. אפילו ער איז נאך אינעם זעלבן מצב ווי בעפאר, פילט ער אבער שוין נישט אונטערדריקט און פאר'דאגה'ט. ווען דער מענטש כאפט וואס דער אמת איז ווערט אים פלוצלינג ליכטיג פאר די אויגן.

■

אין דעם ארטיקל וועלן מיר אויסשמועסן עטליכע געדאנקען וואס קענען זיין צוהילף אין אזא מצב. צוערשט וועלן מיר אבער דורכלויפן עטליכע מצבים ווען עס מאכט זיך אז א מענטש פילט צודריקט, און דערנאך וועלן מיר אריינגיין אין די עצות.

צוערשט לאמיר רעדן בנוגע אונזער עיקר נושא אין דעם קאלום: זייער אסאך מענער פילן זיך אונטערדריקט אין שטוב, אזש זיי פילן ממש ווי אן "עבד".

דאן זענען דא מענטשן וואס פילן אז זיי זענען ווי עבדים צו זייערע קינדער, וואס קען ווערן צוטיילט אין צוויי: א. ער מיינט אז וואס דאס קינד בעט "מוז" ער טון ב. אסאך מענטשן האבן א פרעשור און שטענדיגע דאגה, "וועט מיין קינד מצליח זיין?"

לכבוד יום טוב קומען צו נאך עבדות'ן אין מח, נאך מצבים וואו דער מענטש פילט געבונדן זיך אהערצושטעלן אויפן שענסטן אופן. עס קומט די סדר נאכט, און מענטשן ווילן אז זיין סדר זאל זיין "דער סדר", ער וויל די קינדער זאלן זיך אויפפירן ווי עס פאסט וכדו'. און בכלל, די יו"ט טעג ברענגען מיט זיך אסאך דרוק.

ועל כולם, יעדער מענטש איז אין זיין אייגענער תפיסה. די מחשבות און געפילן פון א מענטש לייגן אים אריין אין א מצב אז ער פילט ווי אין תפיסה, און קען נישט אנגיין מיט א חירות'דיגן געפיל.

■

אלזא, צוערשט וועלן מיר שרייבן עטליכע געדאנקען איבער דעם כלליות'דיגן חשכות וואס נעמט ארום אסאך מענטשן, אז זיי דרייען זיך ארום פאר'דאגה'ט און פארקלעמט מיט א געפיל פון חשכות, און מיר וועלן אויסשמועסן ווי אומריכטיג עס איז און וויאזוי צו פטור ווערן דערפון בסייעתא דשמיא.

חירות איז א בחירה: מענטשן מיינען אז צובראכנקייט קומט פון וואס מען גייט אדורך. דאס הייסט אז די מצבי החיים שטעלן אויס א מענטש צי ער זאל זיין פרייליך אדער צובראכן. אבער דער אמת איז אז דער עיקר פון א מענטש'נס מוט און פריילעכקייט איז געוואנדן איבער וויאזוי ער נעמט אן די מאורעות החיים און וויאזוי ער קוקט עס אן.

די וועלט זאגט: וויאזוי מען פילט מאכט אויס צען פראצענט פון וואס עס פאסירט צום מענטש, און די איבריגע ניינציג פראצענט האט מיט וויאזוי מען קוקט עס אן.

מען קען אסאך מאל זען צוויי מענטשן וואס גייען דורך גענוי די זעלבע מצבי החיים, למשל ביידע מאכן וויייניג געלט, און ראובן איז רואיג און פרייליך, בשעת שמעון איז אנגעצויגן און באזארגט.

דאס ווייזט אונז אז צופרידן און אומצופרידן האט נישט אזוי ווייט מיט וואס עס פאסירט צום מענטש, נאר בעיקר מיט וועלכן בליק ער קוקט עס אן.

אפילו ער איז נאך אינעם זעלבן מצב ווי בעפאר, פילט ער שוין נישט אונטערדריקט און פאר׳דאגה׳ט

ישעי׳ שרייבער
845.200.3313 #114
Giterman@theyingerman.com

דאגה נישט צופיל איבערן מארגן: איינער פון די גרויסע גורמים אויף א געפאלענעם מוט, איז דאס דאגה׳ן אויף די קומענדיגע טעג. מען טראכט שוין יעצט איבער אלעם וואס דארף געשען אין דעם קומענדיגן חודש-צוויי. איז דען א וואונדער אז דער מענטש איז פאר׳דאגה׳ט?

הערט אויף צו דאגה׳נען אזויפיל איבער דעם מארגן, וועט איר נישט שפירן דעם דרוק.

צוריק צום אויבנדערמאנטן משל: פארוואס טאקע איז ראובן רואיג און צופרידן, און שמעון איז פאר׳דאגה׳ט און צובראכן?

נאר וואס דען? ראובן דאגה׳ט נישט אזויפיל איבער׳ן מארגן, ער לעבט מיט׳ן ברוך ה׳ יום יום. משא״כ שמעון הערט נישט אויף צו טראכטן וואס עס וועט זיין מארגן, און אפילו ווען די אלע מחשבות העלפן אים גארנישט קען ער זיי נישט אפלאזן. ער פילט א געוויסע פארזיכערונג ווען ער טראכט אזויפיל איבער׳ן עתיד, אבער עס איז אלעס א דמיון.

דער מענטש מיינט אז אויב ער וועט נישט יעצט זארגן וועגן שפעטער, וועט ער שפעטער נישט מסדר זיין וואס ער דארף דעמאלט טון. אבער דער אמת איז פונקט פארקערט – דורכן טראכטן צופיל פונעם עתיד, באקומט מען א פחד דערפון, און מען טראכט, ׳אוי וואס וועט זיין?׳ און דאס שטערט פון קענען טון וואס מען דארף.

פארשטייט זיך אז עס איז וויכטיג צו טראכטן איבער׳ן עתיד און האבן אן אחריות אויפן אייגענעם לעבן, אבער דאס זיין צופיל פארנומען דערמיט שטערט זייער שטארק פאר׳ן מענטש און עס שאדט אים צו זיין שמחת החיים.

בהמשך צו דער פריערדיגער נקודה לאמיר ארויסברענגען דעם געדאנק נאך קלארער: דו האסט נאר דעם ״יעצט״, לעב אין דער הוה.

יעצט איז יעצט, יעצט איז נישט באלד. דער שפעטערדיגער טאג איז נאכנישט דא. דו האסט נאר די הוה, דעם היינטיגן טאג. טראכט נאר פון דער הוה (אויסער פון וואס ס׳איז וויכטיג צו אויסרעכענען פאר מארגן).

דער באשעפער געבט פאר דעם מענטש חיות. דער באשעפער געבט דיר יעצט דיין חיות פון יעצט. באלד וועסטו לעבן דעם באלד, אבער יעצט, אין דער יעצטיגער מינוט איז נאר דא יעצט. דו קענסט נישט יעצט טון דעם באלד.

לאמיר עס מסביר זיין מיט א משל: עס איז עלף אזייגער אינדערפרי, א מענטש שטעלט זיך רייניגן לכבוד פסח, און ער האלט אינאיין טראכטן צי ער וועט יעצט רייניגן פאר צוואנציג מינוט אדער פאר א שעה.

דער מענטש מאכט א קליינעם טעות: דו קענסט יעצט נאר טון וואס איז שייך אין דער יעצטיגער מינוט; דו קענסט נישט יעצט רייניגן א האלבע שעה ארום. אין א האלבער שעה ארום וועסטו האבן די ברירה צי דו זאלסט דעמאלט ווייטער רייניגן אדער נישט.

אויב אזוי, פארוואס טראכסטו יעצט וואס דו גייסט טון 11:30? למאי נפק״מ? יעצט איז 11:00, טראכט יעצט צי דו ווילסט יעצט ארבעטן, און אויב יא טו עס.

די דאגה פון שפעטער מאכט שווער אויפן מענטש און נעמט אוועק פון זיין חירות. און סיווי האט מען אין דעם יעצטיגן מאמענט נאר די ברירה צו באשליסן וואס צו טון אין דעם יעצטיגן מאמענט.

א מענטש וואס טראכט צופיל פון שפעטער, איז אזוי ווי א בוכהאלטער וואס קען נישט קיין מוזיק און טראכט וואס ער זאל טון ווען ער ווערט א מוזיקאנט. אדער בעסער: אזוי ווי א מענטש וואס טראכט היינט וואס ער זאל טון פאראיאר...

מען האט אייך נאר געגעבן אייערע פעולות – איר קאנטראלירט נישט די וועלט: דער אויבערשטער האט אייך נאר געגעבן אייער מצב החיים, און איר קענט אנווענדן השתדלות צו טון דאס בעסטע.

איר קענט אבער נישט קאנטראלירן יענעם. יענעמ׳ס מחשבות און פעולות ליגן נישט אין אייערע הענט. איר קענט טון אביסל השתדלות ביי אייך וואס קען האבן א השפעה אויף יענעם, אבער יענער בלייבט זיין אייגענער בעה״ב.

אויב אזוי, טראכט שוין נישט אזוי פיל איבער יענעם און זיינע מעשים.

האט נישט אזוי מורא: אסאך דאגות און זארג קומט ווייל מען האט מורא. יעדער מענטש האט מורא פון עפעס אנדערש. עס זענען דא וואס האבן מורא אז זיי וועלן זיין א דורכפאל, אז מען וועט זיי אראפקוקן, אדער אז מען וועט נישט זיין אין קאנטראל. יעדער איינער מיט זיינע פחדים.

מען דארף נישט אזוי מורא האבן, און באמת טאר מען נישט צו שטארק מורא האבן. מען דארף טאקע טון וואס עס פעלט אויס צו מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות, אבער נישט לעבן טיף אין דער מחשבה פון וואס וועט זיין אויב... און וויאזוי וועט מיר יענער אנקוקן... וכדומה.

איר האט שטארקע כוחות הנפש: נאך א זאך וואס מאכט מענטשן פארלוירן און פאר׳דאגה׳ט, איז ווען דער מענטש מיינט אז ער איז שוואך און ער קען נישט מצליח זיין.

מענטשן טראכטן אסאך מאל אויף זיך, ׳איך קען שוין נישט מצליח זיין.׳ דער אמת איז אבער אז דער באשעפער האט באשאפן יעדן מענטש מיט גרויסע כוחות. די כוחות וואס א מענטש האט זענען גאר שטארק און טיף. מען דארף עס נאר אויפוועקן און זיך נישט אזויפיל אוועקמאכן.

אויך איז דא אמאל וואס די כוחות זענען באדעקט מחמת די אויבנדערמאנטע פחדים, און דער מענטש קען נישט זען זיינע כוחות ווייל ער איז אלץ פארנומען זיך צו באשיצן פון דער וועלט. ווען ער זאל אוועקנעמען זיין פחד וועט ער בעז״ה אנהייבן זען זיינע גרויסע כוחות הנפש.

היוצא לנו מכל זה: חירות איז בעיקר תלוי בדעת האדם; ווען א מענטש

גוטערמאן

דער תורה'דיגער מהלך צו א גליקליך און צופרידן לעבן אינדערהיים

טראכט מיט א חירות'דיגער מחשבה לעבט ער אין חירות.

■

אצינד לאמיר אריבערגיין צו די פרטי החיים וועלכע מאכן פילן צודריקט אין מח, און זען וויאזוי דער מענטש קען בעז"ה ארויסגיין לחירות.

לאמיר אנפאנגן מיט דער שטוב. עס זענען דא אסאך מענער וואס פילן זיך זייער צודריקט אין שטוב, זיי פילן ווי זיי זענען אונטערן טיש. ער פילט ווי זיין ב"ב איז אים משעבד, זי טיילט אים איין וואס צו טון, קום אהיים, גיי אהער, גיי אהין, גיי איינקויפן, קויף נישט דאס, טו נישט יענץ, אא"וו. יעדער איינער מיט זיינע עבודות'ן.

דער אמת איז אבער פשוט און גראד: א מאן אין שטוב לעבט אין א וועלט פון חירות. ער איז ממש ווי א מלך. [עיין ברמב"ם הל' אישות פרק ט"ו הלכה כ'.] א מאן איז קיינמאל נישט אונטערדריקט אין שטוב! קיינער איז אים נישט משעבד. די ב"ב טוט קיינמאל נישט אונטערדרוקן איר מאן!

צומאל רעדט זיך דער מאן איין אז זיין ב"ב איז אים משעבד, ווייל זי הייסט אים דאך וואס צו טון, זי שרייט אים אן וכדו'. אבער עס איז אלעס אין זיין קאפ. די ב"ב איז קיינמאל נישט משעבד איר מאן, זי הייסט אים קיינמאל נישט באמת וואס צו טון. אפילו ווען זי הייסט אים איז ער נאך אלץ נישט משועבד און אונטערדריקט.

נאר וואס פאסירט יא? די ב"ב שמועסט אויס אירע מחשבות, און זי זוכט איר גוטן און פעסטן מאן וואס זאל פירן די שטוב. און ווען דער מאן קומט אריין שוואך און איז נישט גרייט צו פירן, פילט זי פארלוירן און אז זי האט נישט קיין ברירה נאר צו נעמען די לייצעס אין די הענט. אבער אינעווייניג פילט זי ווי זי האלט עס נאר צייטווייליג - נאר ביז איר מאן נעמט זיך צוזאם און ער ווערט גענוג שטארק אינעווייניג אין זיך צו וויסן וואס ער וויל, צו זאגן זיין מיינונג רואיג און פשוט, צו זיין באקוועם און וויליג צו פירן די פינאנצן, אא"וו.

זי ווארט און לעכצט אז איר מאן זאל אריינקומען מיט א קלארקייט. ווי נאר ער הייבט אן ווערן רואיג און באקוועם און הייבט אן פירן, טוט זי נאטירליכערהייט אים נאכגיין און זיך צוהערן צו אים; זי הייבט אן נאכצולאזן פון דער פירערשאפט און הייבט אן לעבן. א מאן איז מחויב דאס צו טון פשוט אלס אחריות פאר זיין ב"ב.

קומט אויס אז א מאן איז אלעמאל אין חירות - ער דארף עס נאר אנטפלעקן. די ב"ב קען עס אים נישט געבן ווילאנג ער נעמט עס נישט, ווייל זי פילט דאך נישט ווי זיין בעה"ב; זי פילט אז זי איז נישט זיין מנהיג אים איינצוטיילן וואס צו טון, ממילא פילט זי נאטירליך נישט באקוועם צו זיין דער וואס געבט אים די שרביט ההנהגה. זי ווארט נאר אז ער, דער מלך, זאל זיך אליינס נעמען דעם שבט ההנהגה מיט א רואיגקייט און באקוועמליכקייט און אן קיין חשבונות רבים.

אמאל זענען דא אזעלכע וואס כאפן נאכנישט אז זיי דארפן דעם מאנ'ס פירערשאפט. דאס געשעט בעיקר אין דער ערשטער צייט נאך דער חתונה ווען עס זענען נאכנישט דא אזויפיל זאכן אין לעבן. אבער אויך דא, ווי נאר דער יונגערמאן וועט אנהייבן זיין דער מנהיג און נישט טראכטן אלץ צי ער האט געטון גענוי לויט די פארשריפטן, וועט ער אנהייבן פילן ווי א מלך און אריינגיין אין דער וועלט פון חירות.

און די עצם זאך אז ער איז ארויס לחירות אין זיין דעת, דאס אז ער קוקט זיך אן ווי דער מנהיג אין שטוב, דאס איז בדרך כלל גענוג פאר דער ב"ב זיך צוצוכאפן דערצו און ס'איז זייער נאטירליך.

איין נקודה צו געדענקען: דאס גייט נישט אויפאיינמאל - עס איז נישט אז אדער פירט דער מאן אדער וועט די ב"ב זאגן וואס צו טון. עס זענען דא אסאך דרגות פון "נישט פירן גארנישט" ביז מ'קומט אן צו ווערן "א גאנצער מנהיג".

דער עיקר יסוד איז, אז אין דער מינוט וואס א מאן כאפט אז ער איז דער מנהיג און מלך - אין יענער סעקונדע איז ער ארויס לחירות. זיין ב"ב וועט אים געבן דעם חירות ווי נאר ער נעמט זיך עס. זי ווארט אויף זיין פירערשאפט. נאטירליך קוקט זי אים אן ווי א שר ומלך.

איר וועט נישט גלייבן וואס איר זעט!

חתונה האבן איז א געשמאקע זאך. חתונה האבן גיבט צו חירות פאר'ן מענטש. חתונה האבן איז נישט קיין עבדות - עס איז אן אחריות.

■

אצינד לאמיר רעדן אביסל וועגן חינוך הילדים.

עס זענען דא צוויי הויפט זאכן מיט וואס עלטערן פילן צודריקט וועגן זייערע קינדער.

די ערשטע איז דאס וואס מען מיינט אז מען איז אן עבד פאר'ן קינד; וואס דאס קינד זאגט מוז מען טון, און מען מוז עס טון תיכף.

דער אמת איז אבער אז א טאטע איז נישט מחויב צו נאכגעבן פאר זיין קינד וואס ער בעט. ער דארף אים געבן עסן מיט וואוינונג און א געזונטע שטוב, אבער ווען עס קומט צו סיי וועלכער אנדערער זאך איז א טאטע פולשטענדיג בעה"ב. ער האט דאס פולע רעכט צו זאגן יא אדער ניין.

ווי גייט נאר דער אלטער ניגון: ווען א טאטע זאגט יא איז יא, און ווען א טאטע זאגט ניין איז ניין.

און דאס קינד ווייסט עס. ער ווייסט אז זיין טאטע איז בעה"ב, נאר פשוט ווייל ער איז א קינד פארפירט ער און ער בעט.

ווי שוואכער זיין טאטע איז, אלץ מער וועט ער פארפירן. ווייל ער פילט נישט אז דא האט מען געזאגט א "ניין", איז פארוואס זאל ער נישט בעטן? ער איז דאך נאר א קינד און האט נישט דעם דעת פון אן ערוואקסענעם.

דעריבער איז בעסער פאר דער הצלחה פון די קינדער, זיך נישט צופיל צו זארגן פאר זייער הצלחה!

און באמת איז א טאטע גאר מחויב צו האבן אן אייגענע מיינונג ווען עס קומט צו די בקשות פון די קינדער, היות ער מוז דאך זען אז זיי זאלן אויפוואקסן געזונט, און עס איז נישטא נאך אזא געזונטע זאך פאר קינדער ווי א טאטע וואס ווייסט וואס ער וויל!

דאס עבדות וואס מען פילט פונעם קינד איז אן אייגענע ארויפגעלייגטע עבדות. א טאטע איז פולשטענדיג אין חירות ווען עס קומט צו די רצונות פון זיינע קינדער.

די צווייטע זאך וואס דריקט אויף די עלטערן, איז דאס חינוך פון די קינדער: א טאטע טראכט, 'וועל איך מצליח זיין מיט מיין קינד? וועט ער גוט אויסוואקסן?'

אפט מאל איז דאס גורם אז די עלטערן זאלן לייגן איבריגע דרוק אויף די קינדער.

חינוך הילדים איז א רואיגע זאך. עס איז טאקע אן ארבעט, און עס נעמט אסאך כוחות, אבער מען קען עס טון מיט א רואיגקייט. מען דארף זען עס נישט צו מאכן שווערער פון וואס עס איז.

די שטענדיגע דאגה וואס מענטשן האבן, 'וועט מיין זון מצליח זיין?' דאס לייגט אריין דעם מענטש אין א חשכות, און ער פילט זייער נישט גוט און ווייט פון חירות.

אוודאי דארף מען צושטעלן א גוטן חינוך פאר די קינדער, אבער די איבריגע זארג גיבט גארנישט צו – פארקערט גאר, עס מאכט אנגעצויגן און נעמט אוועק דעם געשמאק און חיות פון שטוב. איינע פון די גרעסטע סגולות פאר גוטע קינדער איז א רואיגע און געשמאקע שטוב מיט רואיגע עלטערן.

א גוטער געדאנק וואס קען בארואיגן איז, אז מען זאל שטענדיג געדענקען אז יעדעס קינד וויל זיין וואויל, יעדעס קינד וויל גיין אין די וועגן פון זיינע עלטערן, נאר אין זייער וועג איז ער באקוועם און רואיג, און יעדעס קינד וויל צופרידנשטעלן זיינע עלטערן.

אויך איז וויכטיג צו געדענקען אז דאס צופיל זיין פארנומען און אים שטופן צו זיין הצלחה ברוחניות אדער בגשמיות ברענגט נאר דאס פארקערטע, ווייל עס געבט אריין אן אומבא'טעמ'טן טעם אויף וואס מען בעט אים.

איינמאל א קינד האט שוין געהערט פון זיין טאטע וואס ער וויל, ווייסט ער שוין אז מען ערווארט דאס פון אים. די שטענדיגע דערמאנונג קען אוועקנעמען דעם געשמאק. והדברים ארוכים ואכמ"ל, ואי"ה עוד חזון.

דעריבער איז בעסער פאר דער הצלחה פון די קינדער, זיך נישט צופיל צו זארגן פאר זייער הצלחה!

ווען מען וועט גוט קוקן וועט מען זען אז דווקא די עלטערן וואס זענען געווען רואיג און זיך נישט שטענדיג געזארגט מיט אן אנגעצויגנקייט איבער זייער זונ'ס הצלחה, דווקא זיי האבן זוכה געווען אז זייערע קינדער זענען אויסגעוואקסן רואיג און פריילעך און זיי ווילן טון ווי די עלטערן.

דאס מיינט נישט אז מען זאל גארנישט זאגן; אוודאי דארף מען מחנך זיין און שטעלן דעם טאן אין שטוב, אבער מיט א רואיגקייט. און מיט דעם צוגאנג וועט איר בעז"ה פילן חירות.

■

אצינד לאמיר רעדן א ווארט איבער חירות ביים סדר.

דער סדר איז א צייט ווען מענטשן קענען פילן אנגעצויגן סיי מחמת זייערע מחשבות, 'וועט עס גוט געלונגען? וויאזוי וועלן די קינדער זיך אויפפירן?' און אויך בשעת מעשה ווען זאכן גייען נישט פונקט ווי ער וויל קען עס היבש באדערן, און ביי יעדן סדר זענען דאך דא כל ערליי זאכן וואס פארן נישט אזוי געשמירט...

אן עצה פאר דעם, און בכלל פארן גאנצן יום טוב איז:

- **מחליט זיין פון פאראויס אז וויאזוי עס פירט זיך איז גוט.**
- **אויפגעבן קאנטראל – איך קען נישט פארזיכערן אז אלעס זאל קלאפן.**
- **לעבן אין דער הוה – וואס קען איך יעצט טון.**

■

צום שלוס, לאמיר איבער'חזר'ן די פשוט'ע יסודות:

- **מען דארף זען זיך נישט אריינצולייגן אין עבדות'ן. מען דארף לעבן אין דער הוה און נישט טראכטן צופיל פונעם עתיד.**
- **ווען עס קומט צו דער שטוב איז יעדער מאן אין חירות. יעדער מאן איז באמת דער מנהיג אין שטוב, און די ב"ב ווארט אז ער זאל עס אנטדעקן.**
- **בנוגע די קינדער: אלס טאטע איז מען בעה"ב אין שטוב און מען מוז קיינמאל נישט זאגן יא.**
- **מען דארף נישט זארגן, זיי ווילן זיין גוט און צופיל זארג מאכט זיי אומבאקוועם.**
- **אויך דארף מען וויסן אז מען זאל אלעמאל נוצן דעם אייגענעם שכל.**
- **ועל כולם זאל מען שטענדיג זיך פארלאזן אויפן גרויסן באשעפער, און אזוי וועט מען באמת זיין אין עולם החירות.** k

---

די ארטיקלען ברענגען כלליות'דיגע יסודות וואס איז נוגע פאר יעדן, און קען פארשטייט זיך נישט געשריבן ווערן אויף א פערזענליכן פארנעם. אין פאל מען געפינט זיך שוין אין א פראבלעמאטישן מצב איז גאר וויכטיג צו גיין פאר הילף ביי א מומחה און זיך נישט פארלאזן בלויז אויף וואס מיר שרייבן דא.

ר' ישעי' שרייבער איז א מומחה אין אוועקשטעלן יונגעלייט אין שטוב אויף גוטע יסודות. פאר שאלות און אפוינטמענטס רופט 845.372.5364 אדער שיקט אן אימעיל צו: ys3725364@gmail.com.

טיפ פאר דעם יום טוב:

ווען איר זעט זיך אנגעצויגן, טראכט: וואס גיבט מיר יעצט דער באשעפער אין דער מינוט? וואס קען "איך" טון "יעצט".

פילייכט מאָ
נישט בלויז
א רעש, מא
ליבערשט א

רעקלאמעס וואס ריידען פארשטאַנד עררייכען
קאָנעקציע מיט אייערע קונדען. וואָרום דברים היוצאים
מן הלב מאכען אן אייַנדרוק אינעם הארצען אריין.

בס״ד

כט

כט
א רושם.

עי.איי. איז גאנץ קלוג. ס׳פעלט אים נאר אביסל שכל.

HEART.
WORKS

soulmade ♥ 347.585.0692
Starting allergy treatment before symptoms appear is up to
90% MORE EFFECTIVE
in preventing allergy symptoms from occurring.
Moishy won't suffer from the allergies this year!
Smiling Herbs®
Extract more life™
Say goodbye to allergies and hello to a world of fresh air – start enjoying the outdoors again without the sneezing, itching, or discomfort!
Ask our nutritionist:
845.285.9400 Ext.
info@smilingherbs.com
Available in all health food stores near you.
DELICIOUS
ORANGE
NATURAL FLAVOR
כשר לפסח*
*LIQUID ONLY
Smiling Herbs
Allergy Relief
Smiling kids
THESE STATEMENTS HAVE NOT BEEN EVALUATED BY THE FOOD AND DRUG ADMINISTRATION. THIS PRODUCT IS NOT INTENDED TO DIAGNOSE, TREAT CURE OR PREVENT ANY DISEASE.

IF YOUR LOADING BAR HAS BECOME A → MEDITATION TOOL.

You need Executive.
Don't wait for trouble. Be proactive and have the expert IT and Cybersecurity firm on speed dial.

→ executiveusa.com

845.783.0112 | sales@executiveusa.com

executive

IT & CYBERSECRUITY

ZURECH 347.765.7824

YS CAPITAL
GROUP

דאון פעימענט

איינע פון די מערסט געפרעגטע פראגעס וואס מיר האבן ערהאלטן זינט מיר האבן אנגעהויבן שרייבן דא אין אינגערמאן, איז געווען איבער דער טעמע פונעם "דאון פעימענט" וואס מען דארף אראפלייגןביים קויפן א הויז.

עמיצער האט אנגעפרעגט און געוואלט וויסן וויפיל עס איז די קלענסטע סומע וואס מען דארף אראפלייגן. א צווייטער האט גלאט אזוי געוואלט פארשטיין פארוואס די באנק קען נישט פשוט שענקען דאס גאנצע געלט וואס מען דארף און פארטיג. אן אנדערער האט גערופן דורכשמועסן איבער זיין אפגעשפּאָרטן פארמעגן, וועלנדיג וויסן אויף וואספארא סארט פראפערטי צו קוקן. און אזוי זענען אריינגעקומען נאך פילצאליגע שאלות ארום דער נושא פון דאון פעימענט און די אנדערע געלטער וואס עס פעלט זיך אויס צו אריינשפרינגען אין א דיעל.

דעריבער וועלן מיר היינט בסייעתא דשמיא אריינגיין אין דער נושא און עס בעז"ה ברייט צונעמען, און האפנטליך אויסקלארן אלע אייערע פראגעס. און אדרבה, אויב פילט איר אז מיר האבן אויסגעלאזט סיי וועלכן חלק, ביטע לאזט אייך הערן און שיקט אריין א מעסעדזש וואס מיר וועלן בעז"ה אדרעסירן.

א דאון פעימענט, וואס און פארוואס?

יעדעס מאל ווען איינער קויפט א פראפערטי דארף מען אראפ לייגן א געוויסן סכום פון דעם אייגענעם טאש, און אויף דעם איבריגן טייל וועט די באנק געבן א מארטגעדזש. די סומע וויפיל מען דארף אראפלייגן איז נישט קלאר-געשניטן און ווענדט זיך אין יעדער באנק באזונדער, און אזוי אויך וועט יעדער סארט מארטגעדזש זיין אנדערש.

עס זענען דא צוויי עיקר סיבות פארוואס די באנק וועט פארלאנגען אז מען זאל אראפלייגן אייגענע געלט:

1. וויבאלד די באנק וויל נישט אז מענטשן זאלן קויפן הייזער נאר מיט זייער געלט, ווייל דאן וועט מען נישט האבן קיין פראבלעם צו אנזעצן, וויבאלד מען זעצט דאך אן די באנק און נישט זיך, און ווען קימערט דען אויב די באנק גייט ארויס מיט א לאך?

אבער אויב מען לייגט אריין אייגענע געלט וועט מען שוין איינמאל האבן א פראבלעם צו אנזעצן, און דאס איז אזוי ווי אן אינשורענס פאר דער באנק אז דער מענטש וועט זיכער מאכן צו באצאלן זיינע חודש'ליכע פעימענטס, כדי צו בלייבן מיטן פראפערטי אין וואס ער האט אריינגעלייגט זיין אייגן געלט.

2. אז אויב דער מענטש זעצט אן און באצאלט נישט זיין מארטגעדזש קען די באנק גיין און פארקויפן די פראפערטי צו צוריקמאכן זיין געלט. די באנק האט אבער מורא אז דאס הויז וועט פאלן אין ווערד און זיי וועלן עס דארפן פארקויפן פאר ווייניגער ווי דער סומע וואס זיי האבן ארויסגעגעבן פארן מארטגעדזש, ממילא וועלן זיי אלץ פארלאנגען אז מען זאל אריינלייגן אייגענע געלט, אזוי אז ביים פארקויפן זאל זיין גענוג פלאץ פאר דער באנק נישט צו פארלירן זייער געלט אפילו אויב דער ווערד איז געפאלן.

אט דאס זענען די צוויי הויפט סיבות פארוואס די באנק וועט קיינמאל נישט געבן קיין מארטגעדזש אן דעם וואס מען זאל עפעס אראפלייגן פון דעם אייגענעם טאש.

וויפיל איז א דאון פעימענט?

די סומע פון א דאון פעימענט וועט זיך ווענדן אין גאר אסאך זאכן, און מיר וועלן עס דורכגיין אין קורצן. אבער פארשטייט זיך אז יעדער דיעל וואס איר האט זאלט איר דורכשמועסן מיט אייער מארטגעדזש בראוקער.

די אנגענומענע געוועגליכע סומע איז 20% פון דעם פרייז פונעם פראפערטי. דאס איז ביי קאנווענציאנאלע בענק, אבער ביי no-doc בענק איז עס נאר 15%. און ווען מען נעמט א קאנסטרוקציע לאון וועט עס זיין 10%.

דאס איז דער געוועגליכער פרייז, אבער עס זענען פארהאן געוויסע פראגראמען דורך וועלכע מען קען באקומען ביז אזוי ווייט אז מ'זאל נאר דארפן אראפלייגן 5%. אבער אין פאל ווען מען לייגט אראפ אזוי ווייניג וועט צוקומען עפעס וואס איז נישט דא געוועגליך, וואס מיר וועלן שפעטער אויסשמועסן.

פארשטייט זיך אז אויב איינער האט און וויל קען ער אראפ לייגן וויפיל ער וויל אן קיין גרעניץ, אבער מיר רעדן פון דער מינימאלער סומע וואס בענק פארלאנגען.

ווי מער מען גייט אראפלייגן אלס טייל פונעם דאון פעימענט, אלץ נידריגער וועט די ראטע זיין. דאס הייסט, אויב איינער לייגט אראפ 15% וועט די ראטע זיין גאנץ הויך (אבער עס וועט נאכאלץ אויסקומען פיל ווייניגער ווי איר מיינט), ווידער אויב וועט ער אראפלייגן 20% וועט ער געניסן פון א פיל בעסערע ראטע.

מאכט נישט קיין טעות: מען קען אויך אראפלייגן 18%... נאר מיר שרייבן לויט דעם וועג ווי אזוי מען רעכנט געוועגליך אז עס לויפט אויף 5% - 10% - 15% - 20%.

די סיבה פארוואס די ראטע ווערט נידריגער ווען מען לייגט אראפ א גרעסערן פראצענט איז זייער איינפאך: ווי וויניגער מען לייגט אראפ, אלץ העכער איז די ריזיקע אז מען זאל אין די ענדע "דיפאלטן" דעם מארטגעדזש, און דאס מאכט העכער די ראטע. גענוי ווי א העכערע "קרעדיט סקאור" מאכט אז מען זאל באקומען א בעסערע ראטע, און אזוי אויך פארקערט, וויבאלד א העכערע סקאור פארזיכערט מער די באנק איבער דער פארלעסליכקייט פון דעם מענטש. אט דער זעלבער געדאנק איז דא ביי א דאון פעימענט.

נאך יו"ט וועלן מיר אי"ה ארייגגיין אין די אנדערע חלקים פונעם דאון פעימענט.

א כשר'ן פרייליכן פסח פאר אייך און פאר גאנץ כלל ישראל. K

פאר סיי וועלכע מארטגעדזש אנגעלעגנהייטן פילט פריי זיך צו פארבינדן מיט אהרן שמואל שטיין פון YS Capital Group:
347.988.8722 Samual@yscapgroup.com
פאר סיי וואספארא קאמענטארן, קאמפלימענטן און קריטיק צוגלייך, אזוי אויך פראגעס איבער די ארטיקלען ווערן גערן אויפגענומען ביי אונז, ביטע לאזט אייך הערן דורך שיקן א טעקסט מעסעדזש, אדער קענט איר איבערלאזן א וואויסמעיל צו 347.987.0011, אדער דורך שיקן אן אימעיל צו yingerman@yscapgroup.com.

The information furnished in this article is for informational purposes only. The information does not and should not be considered to constitute an offer to buy or sell securities. The information should not be relied upon by any person to make an investment decision.

גוטע געלעגנהייט!

מיר הייבן יעצט אן טרענירן א גרופע פון היימישע יונגעלייט צו ווערן פראפעסיאנעלע מארטגעדזש בראוקערס. אויב איר שפירט אז עס איז פאסיג פאר אייך, ביטע פארבינדט זיך מיט אונז דורכן שיקן אן אימעיל צו JOIN@ YSCAPGROUP.COM

LAUFER

ROSÉ
RIESLING MOSCATO
BLUSH MUSCAT
TOKAJI
MEAD
VITIS BRANDY
לחיים לזמן חירותנו.
Nameless.team

דער איינציגער
מיט הידור ע״י

בהשגחת הבד״ץ
ירושלים
העדה החרדית

חביבין ישראל שסיבבן במצוות
וואו נאר א איד טוט זיך געפונען
ציצית בבגדיהם, קדושה ארומגענומען,
הידור מצוה מיט התלהבות באנומען
צום זמן חרותינו ווי א איד אנגעקומען.
1-888-68-KETER
KETERJUDAICA.COM
מצוה בהידור
KETER
כתר
QUALITY
JUDAICA

א חידוש אויפן 17M

יא, אלעס אויפאמאל!

אפיסע

עדליך! א נייע
גשבויט ברייט א
קליינג קאמפא
די חלום פון פי
עיר-קאנדישא

COMMERCIAL STORAGE

- 1,900k-9,000k Spaces
- Connected Offices
- Private Loading Docks
- 14'-27' Ceilings
- Fully Insulated & Heated
- Full Truck Access



OFFICE SPACES

- Single & Double Rooms
- Cafeteria on Every Floor
- Conference Rooms
- Dedicated Fiber Internet
- Operable Windows for Fresh Air
- Separate HVAC for each room

DPMGGROUP.COM

1 MINUTES FROM KJ

עס (40 סלאטס) | ווערהאוז/סטארעדזש (8 סלאטס)

חידוש'דיגע פראיעקט, נעקסוס-סקווער: א סענטער פון אפיסעס און ווערהאוז/סטארעדזש ספעיס, ספעציעל
און פראקטיש, מיט גרויסע פארקינג און גרינגע צוטריט, געאייגענט פאר פלאמבערס, עלעקטארישאנס,
אניס, געוויסע אנליין ביזנעסער א.ד.ג. וואס זוכן באקוועמע אפיסעס, גלייך צוזאמען מיט די ווערהאוז-ספעיס.

לע ביזנעסער: הערליכע מולטי אדער סינגל אפיסעס, אין א סענטער מיט ממש אלע מעלות, עקסטערע
, פענסטערס וואס מקען עפענען, שנעלע פייבער אינטערנעט און נאך פילע באקוועמליכקייטן.







For leasing inquiries contact us • 845-915-9191 • RENT@NEXUS17M.COM • 200 NY-17M, Harriman, NY 10926

Now Fully Free
for Employers & Candidates!

Don't lose your current job while you look for a new one.

Join thousands of candidates!

brandrightmarketing

purplestairs

An online platform where candidates enjoy full privacy as they look for their next opportunity while sharing revealing details with employers they choose.

Employers love that candidates previously inaccessible are now available to them.

Show Hide

purplestairs.com

בס"ד
GEFEN®
העכערע סטאנדארטן
געבענטש זענען די הענט
וואס טוען אליין
ווען עס קומט צו פסח סטאנדארטן, קומט גארנישט צו,
צו היימיש געמאכט. און טאמער דארפט איר עפעס אינדרויסן פון אייער
אייגענע קאך, איז 'גפן' שטאלץ צו זיין א גוטע שותף אין פארזיכערן די
העכסטער סטאנדארטן איר ערווארט, פסח וכל ימות השנה.
א כשר'ן,
לוסטיגע פסח!
HeartWorks

רעוואלוציע!
באקט מצות אינדערהיים!
לשם מצות מצוה
זייט פון די פילע צופרידענע קאסטומערס וואס נוצן שוין דעם אויוון במשך די לעצטע 3 יאר
דער עלעקטרישער מצה-אויוון:
- זייער SAFE ווערט נישט הייס אינדרויסן
- גאר הייס איבער 1300 גראד
- באקט אייניג פון אלע זייטן, ווי אינדערמיט
- שטיינערנע פלאר וואס באקט גאר שנעל
- אויסגעהאלטן לויט אלע חומרות והידורים
- פולע 'באקן סעט', וועלגער העלצער, רעדלער, וכו'
פול טרעינונג!
צוגעשטעלט דורך אן עקספערט פריוואט פאר יעדן קליענט, זיך צו קלאר אויסקענען מיט די אויוון
פרעזענטאציע!
אין אונזער נייע מאנרא לאקאציע, וואו מ'וועט צייגן די טעכנישע און פראקטישע דעטאלן פונעם אויוון
היי-יאר מיט נייע אפגרעידס און חומרות
World of Appliances
Exclusively available at:
845.710.0005
Sales@woappliances.com
MADE IN THE USA
FREE FINANCING AVAILABLE
ספעציעלע דיסקאונט ווען איר באשטעלט ביז ר"ח ניסן
DPMGGROUP.COM

ווען איר טרינקט א געשמאקע קאווע אדער טיי, באנוצט אייך
מיט די "הארמאני סוויטענער" פון גפן. הארמאני איז א זיראו
קעלערי סוויטענער, וואס איז ממש זיס ווי צוקער. שטעלט עס
צוזאם מיט קאווע אדער טיי און טובל'ט דערינען א כשר לפסח'ן
גפן טיי ביסקוויט אדער וואס אימער עס שמעקט אייך.

הארמאני סוויטענער איז א זיראו קעלערי סוויטענער פאבריצירט ספעציעל פאר פסח.

א זיסן כשר'ן פסח!

Pre Pesach Promotion
50% OFF
INSTALLATION
*TILL ROSH CHODESH NISSAN (MAR. 30), WITH CODE WOAPP50
AVOID THE TARIFFS, PLACE YOUR ORDER NOW
World of Appliances
NEW LOCATION
128 Bailey Farm Rd.
Monroe, NY 10950 (Target Mall)
845.517.0973
Sales@woappliances.com
LOOK OUT FOR OUR
GRAND OPENING
AFTER YOM TOV
DPMGGROUP.COM

Brooklyn Bridge Capital

Foreclosure bailouts • Bridge loan • Debt acquisition • Acquisitions & Refinancing
Construction financing • Bank workouts and turnarounds • Hard money loan

- *We could help you*
- *We have private capital*
- *We could act very quick*

718.384.5974
info@brooklynbridgecapital.com
brooklynbridgecapital.com

אידיש געלט

דער באדייט פון געלט
און וואס געלט קען
טון צו דעם מענטש

ווען ווער איך א פינאנציעלער בן חורין?

מיר זענען אפט צוגעוואוינט צו הערן אז געלט קען נישט מאכן א מענטש פרייליך און צופרידן. דאס איז א פראזע וואס ווערט אפט גענוצט אין באצוג צו דעם וואס מענטשן לויפן נאך דעם דאלער זיך איינרעדנדיג אז דארט שטעקט זייער גליק, און אויף דעם ארויף זאגט מען אז עס ארבעט נישט; געלט ברענגט נישט קיין שמחה, און אפגעזען וויפיל מיליאנען דער מענטש וועט זיך אנזאמלען וועט עס אים נישט מאכן פרייליכער.

די שאלה איז, צי איז עס טאקע אזוי? איז דאס אמת אז געלט קען נישט מאכן א מענטש צופרידן?

דער ענטפער איז: לאו דווקא.

בעפאר איר שפרינגט אויף מיט א שארפן "ניין", קלערנדיג אז עס איז דאך נאריש ביז גאר אפילו צו אויפברענגען אזא מעגליכקייט אז געלט איז עפעס וואס קען ברענגען צופרידנקייט, לאמיר אינאיינעם א בליק טון אויף א שטודיע וואס איז דורכגעפירט געווארן איבער דער טעמע, און מיר וועלן זען וואס די פאקטן זאגן.

מיט ארום פופצן יאר צוריק איז דורכגעפירט געווארן א שטודיע, וואס האט אריינגענומען א גרויסע צאל אמעריקאנער, און האט זיך קאנצענטרירט אויף דער פראגע: צי ווערט דער מענטש מער צופרידן ווען ער האט מער געלט?

איר וועט עס אפשר נישט גלייבן, אבער די רעזולטאטן האבן איבערצייגט קלאר און דייטליך אז יא: ווי מער א מענטש האט פארדינט, אלץ מער צופרידן און פרייליך איז ער געווען.

דאס הייסט אזוי: אזעלכע וואס האבן פארדינט צען טויזנט דאלער א יאר, זענען געווען שרעקליך אומצופרידן. מענטשן וואס האבן פארדינט צוואנציג טויזנט דאלער, זענען געווען עטוואס מער צופרידן. אויב האט מען פארדינט דרייסיג טויזנט, איז מען געווען נאך מער צופרידן. און אזוי איז עס געגאנגען ארויף און ארויף, וואו מ׳האט זייער קלאר געזען אז דער צופרידנהייט שטאפל העכערט זיך אינאיינעם מיט דעם איינקונפט שטאפל.

און דא קומט דער אבער...

אבער, דאס איז נאר געווען ביז מ׳איז אנגעקומען צו דער סומע פון פינף-און-זיבעציג טויזנט דאלער. נאר ביז דארט האט מען געזען אז געלט האט א השפעה אויף דעם מענטש׳נס מוט. פון דארט און ווייטער, ווי אינטערעסאנט עס הערט זיך, האט זיך נישט קיין סאך געהעכערט די צופרידנקייט פונעם מענטש. דער וואס האט פארדינט הונדערטער מיליאנען א יאר, אדער גאר ביליאנען, האט מען נישט געזען אז ער זאל זיין מער צופרידן ווי דער וואס פארדינט פינף-און-זיבעציג טויזנט דאלער א יאר!

וועט איר פרעגן, וואס איז פשט? אויב זאגט מען אז געלט האט נישט קיין שום השפעה אויף ווי פרייליך דער מענטש איז, דאן קען מען הערן די געדאנק אז דער גרויסער עושר מיט דעם דורכשניטליכן פארדינער זענען אייניג; אבער אויב מ׳קומט שוין יא מיט א טעאריע אז געלט ברענגט צופרידנהייט, וויאזוי קען זיין אז פון פינף-און-זיבעציג טויזנט דאלער און ווייטער זעט מען עס מער נישט?

דער ענטפער איז זייער פשוט: דאס האבן אסאך געלט מאכט נישט גליקליך. דאס עצם מציאות פון געלט איז נישט עפעס וואס קען ברענגען שמחה און צופרידנקייט. נאר וואס דען? געלט קען מאכן א מענטש שפירן בעסער, מיט דעם וואס עס ערמעגליכט אים צו דעקן זיינע הוצאות און לעבן מיט הרחבת הדעת אן קיין פינאנציעלע שוועריגקייטן.

ווען א מענטש האט נישט די מעגליכקייט צו דעקן זיינע טאג-טעגליכע הוצאות, שטערט דאס אים פון זיין פרייליך און צופרידן. און דעריבער, ווען זיין אינקאם גייט ארויף פון צוואנציג טויזנט דאלער צו דרייסיג טויזנט, גיבט דאס אים צו מער גליק און רואיגקייט. ווייל דער פאקט אז ער קען שוין דעקן א גרעסערן טייל פון די מינימאלע חודש׳ליכע הוצאות, רעדוצירט טייל פון זיינע דאגות פון וואו ער וועט זיך דעקן, און אט דאס איז וואס גיבט א געוואלדיגן הרחבת הדעת פארן מענטש בסייעתא דשמיא.

ווי נאר דער מענטש איז אנגעקומען צו א מצב אז ער פארדינט שוין גענוג זיך צו קענען דעקן מיט א רואיגקייט, באדייט דאס אז יעדן דאלער פון דא און ווייטער גיבט אים בלויז צו איין זאך: פארברייטערטע מעגליכקייטן און מער צוטריט זיך צו ערלויבן וואס עס שמעקט אים.

ווען ער האט שוין גענוג געלט צו קענען דעקן זיינע הוצאות, איז נישטא קיין מציאות אז פארדינען מער ווי דעם זאל אים ברענגען מער הרחבת הדעת און מער צופרידנקייט. ווייל וואס נאך איז דען שייך צו טון? ער איז שוין מסודר, די דאגה פון דעקן די בילס שטייט אים שוין נישט אויפן קאפ.

לוקסוס? טייערע וואקאציעס? רייכע פאלאצן? דאס אלעס וועט גארנישט אויסמאכן. דא איז וואו דאס ווארט "געלט מאכט נישט גליקליך" איז אמת. ווייל דער איינציגסטער סארט צופרידנהייט וואס מ׳קען האבן פון געלט איז די רואיגקייט אז די הוצאות ווערן געדעקט. אלע איבריגע זאכן פון דארט און ווייטער וואס דער מענטש טוט מיט זיין געלט, גיבט דאך אים נישט צו קיין ברעקל הרחבת הדעת, און ממילא קען עס אים נישט מאכן מער צופרידן.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז די גענויע ציפערן וואס מיר האבן דערמאנט אין דער שטודיע וואס מיר האבן געברענגט, איז אינגאנצן נישט אקוראט לויט אונזער לעבנסשטייגער און מצב. ווי ערוועהנט רעדט מען פון א שטודיע וואס איז געמאכט געווארן מיט פופצן יאר צוריק, ווען דאס לעבן האט נאך געקאסט פיל ווייניגער און דער ווערד פונעם דאלער איז געווען אסאך העכער. ווי אויך איז עס געמאכט געווארן צווישן אלגעמיינע אמעריקאנער, וועמענ׳ס לעבנסשטייגער קאסט געווענליך היבש ווייניגער ווי עס קאסט פאר אונז היימישע אידן. אלזא, מ׳דארף נישט בלייבן שטעקן ביי די גענויע נומערן, און מ׳קען עס טוישן און העכערן אז

האט איר א הויז וואס שטייט ליידיג?

די פארגאנגענע 10 יאר האב איך
ב"ה געהאלפן הונדערטער אינוועסטערס
און לענדלארדס צו פארדינגען הייזער
פאר נישט אידישע טענעטס

טאפ דאללער רעיט
*
פארדינגען אין 1-5 טעג
*
גרינגע און שנעלע ארבייט
*
בעסטע און פערזענליכע סערוויס

איבעראל אין אראנדש
און ראלענד קאונטי

רופט אדער טעקסט
יעקב הערש גוטמאן
845-274-4460

דוד געלב
845.200.3313 #111
Yiddishgelt@theyingerman.com

ס'זאל שטימען מיט וויפיל עס קאסט א דורכשניטליכן לעבנסשטייגער אין א אידישער שטוב לויט די היינטיגע אומשטענדן. אבער אפגעזען ביז וויפיל געלט עס איז נאך שייך דער געדאנק אז ס'זאל ברענגען צופרידנהייט, איז דער עיקר די נקודה וואס מ'נעמט ארויס דערפון, און דאס איז וואס מיר ווילן דא ארויסברענגען.

לאמיר פון יעצט און ווייטער אנכאפן א מער היינטיגן נומער: לאמיר געבן א דוגמא פון הונדערט-פופציג טויזנט דאלער וואס מיר וועלן יעצט שטעלן אנשטאט דעם נומער פון פינף-און-זיבעציג טויזנט.

ווען א פינף-און-צוואנציג יעריגער יונגערמאן פארדינט הונדערט-פופציג-טויזנט דאלער א יאר, און זיין שכן אדער חבר פארדינט פינף מיליאן דאלער, וועט דער צווייטער בכלל נישט זיין מער צופרידן אדער מער פרייליך ווי דעם ערשטן.

ווייל ווי געשמועסט, ווען די איינקונפט פון א מענטש גייט ארויף פון הונדערט-טויזנט צו הונדערט-פופציג-טויזנט, דאן איז זיכער דא א שטארקע רואיגקייט און פארזיכערונג וואס קומט צו אין מח, אז פון יעצט און ווייטער וועט מען בעז"ה קענען רואיגער דעקן די בילס, מ'וועט קענען צאלן שכ"ל אין צייט, מ'וועט קענען אריינברענגען א יו"ט בהרחבה, מ'וועט קענען מאכן שמחות מיט א רואיגקייט און א שמייכל אויפן פנים. און ממילא, ווען דער באשעפער העלפט און דאס געהאלט גייט ארויף צו א פלאץ וואו מ'קען דורך דעם לייכטער דעקן די טאג-טעגליכע הוצאות, קומט אינאיינעם מיט דעם באגלייט א רואיגקייט און צופרידנקייט בסייעתא דשמיא.

ווידעראום די איבריגע מיליאנען וואס וואקסן צו נאך דעם נומער פון הונדערט-פופציג טויזנט, גיבט אים נישט צו קיין הרחבת הדעת אדער רואיגקייט אויפן לעבן; די איינציגסטע זאך וואס עס טוישט איז אז ער קען יעצט מאכן רייכע שמחות, ער קען זיך ערלויבן א טייערן אויטא, אד"ג. אבער שמחה? צופרידנהייט? רואיגקייט? וואס איז דער שייכות בכלל?

דער פראבלעם איז, אז אסאך מענטשן גייען צו דערצו מיט א שטארק אומריכטיגן צוגאנג, און זיי כאפן נישט ווי זייער אומריכטיגער בליק בארויבט זיי די מעגליכקייט פון לעבן מיט א געשמאק און צופרידנהייט.

ווען א מענטש לעבט מיט אן איינרעדעניש אז מער "געלט" וועט אים מאכן גליקליכער, און אפילו ווען ער קען שוין ב"ה דעקן דעם חודש מיינט ער אז ווען ער וועט פארדינען מער וועט עס אים מאכן שפירן בעסער, גיבט ער מיט דעם אויף די רואיגקייט וואס ער וואלט געקענט שפירן אין לעבן.

אנשטאט צו אנערקענען וואספארא חסד דער באשעפער האט געטון מיט אים אז ער פארדינט ב"ה גענוג צו דעקן זיינע מינימאלע חודש'ליכע קאסטן, און אויסנוצן די געלעגנהייט צו לעבן מיט א געשמאק און רואיגקייט, זיך קאנצענטרירנדיג אויף דער געוואלדיגער מתנה וואס ער האט אין לעבן, איז ער נאר פארנומען קוקן אויף דעם שכן אדער יענעם חבר וואס פארדינט א מיליאן דאלער, און טראכטן, 'ווי גליקליך וואלט איך געווען ווען איך וואלט פארדינט אזויפיל ווי ער.'

ער כאפט נישט אז מיט דעם וואס ער בלייבט שטעקן אין דעם גייעג, גיבט ער אויף די מתנה פון שפירן די ברייטקייט און הרחבת הדעת וואס דער

אידיש געלט

באשעפער האט אים געשאנקען. דאס געיעג איז עפעס וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט, ווייל א געיעג צו קאנקורירן מיט אנדערע קען זיך נישט ענדיגן. ווען ער מאכט שוין מער ווי ראובן, וויל ער יעצט אנקומען צו מאכן מער ווי שמעון, און דערנאך מער ווי לוי, און אזוי ווייטער און ווייטער עד אין סוף.

דער איינציגסטער וועג וויאזוי מ'קען בס"ד פארזיכערן א רואיגע און צופרידענע פינאנציעלע לעבן מיט הרחבת הדעת, אן זיין פארנומען נאכלויפן דעם דאלער טאג און נאכט, איז אז מען שטעלט אראפ א קלארן ציל און סטאנדארט וואס און וויפיל עס וועט פאר מיר זיין גענוג צו קענען לעבן מיט פינאנציעלער רואיגקייט און פרייהייט; וויפיל געלט דארף איך פארדינען אז איך זאל קענען דעקן מיינע חודש'ליכע הוצאות?

ווען א מענטש ווייסט ביי זיך אז ער האט א גענויען נומער צו וואו ער צילט, און ווען ער קומט אן דערצו בס"ד וועלן אלע זיינע הוצאות זיין מסודר, וועט ער דעמאלט קענען הנאה האבן פון דעם פאקט אז זיינע בילס זענען מסודר.

ער וועט נישט דארפן ארומלויפן פארסאפעט, טוישן דזשאב יעדע צוויי יאר ווייל ער קען מאכן מיט צען טויזנט דאלער מער, און אחרי ככלות הכל זיך דערזען אז דאס האט אים נישט געברענגט אין ערגעץ.

ווען א מענטש נעמט אוועק זיין פאקוס פון "געלט", און אנשטאט קאנצענטרירט ער זיך אויף די תוצאות וואס געלט ברענגט אים, און נאר דאס איז זיין ציל, ווערט ער אויטאמאטיש א נייער מענטש. ער דרייט זיך ארום מיט א רואיגן געמיט, ער איז אויפגעלייגט, מ'קען אים טרעפן אין ביהמ"ד און כאפן א געשמאקן שמועס מיט אים אן דעם וואס יעדע צוויי מינוט זאל ער קרעכצן ווי ווייניג געלט ער מאכט, וכו' וכו'. ווייל ער איז דא מיט אונז, ער איז בתוכינו, און איז נישט פארנומען כאפן דעם אטעם בשעת'ן נאכלויפן איין דיעל נאכ'ן צווייטן.

ווען דער מענטש איז נישט אין קיין אומאויפהערליכן געיעג, ער לעבט פאר זיך און נישט פאר יענעם, איז דאס לעבן פיל זיסער סיי פאר אים און סיי פאר אלע זיינע ארומיגע.

אלזא, אין איין ווארט: ס'איז נישט דאס געלט וואס קען מאכן צופרידן און פרייליך, נאר ס'איז דער ציל וואס מ'שטעלט זיך אראפ אז דאס דארף מען דערגרייכן, און דער ציל – וואס איז צו דעקן די טאג-טעגליכע הוצאות – דאס קויפט מען איין מיט געלט.

■

עס קומען כסדר אריין מעסעדזשעס פון מענטשן אז זיי זענען זייער צומישט און זיי ווייסן נישט וואו אנצוהייבן, און זיי בעטן מ'זאל זיי אויסקלארן וואס זיי האבן צו טון און וויאזוי זיי זאלן צוגיין צו דער נושא.

אלזא, לאמיר נעמען די נקודה וואס מיר האבן געשמועסט ביז אהער, און מיט דעם לאמיר אראפשטעלן דעם מהלך וויאזוי צו שטעלן די ערשטע טריט אין דעם וועג צו פינאנציעלע סוקסעס בסייעתא דשמיא.

צום אלעמען ערשט, שטעלט אראפ מיט א קלארקייט וואס עס איז אייער סטאנדארט און וואס איז אייער ציל וואו איר ווילט אנקומען, וואס וועט באדייטן אז דאן זענט איר שוין אוועקגעשטעלט פינאנציעל. פארשטייט זיך אז דאס אלעס איז שוין נאכדעם וואס מ'איז אינגאנצן פריי פון סיי וועלכע חובות.

און דאן, ווען איר זענט קלאר ביי זיך וואס איר ווילט, און איר ווייסט אז דער עיקר און איינציגסטער ציל איז אז די אמת'ע וויכטיגע הוצאות זאלן זיין געדעקט, דאן וועט איר אויטאמאטיש ארויסטאנצן פון דעם זינלאזן געיעג נאך געלט אן קיין קלארן ציל און חשבון.

און ווען מ'איז טאקע מער נישט אינעם געיעג און מ'קוקט זיך ארום מיט א קלארן קאפ און רעאליסטישן געדאנקענגאנג, קומט מען אן צו א פלאץ וואו מ'קען אראפשניידן גאר אסאך פון די הוצאות וועלכע האבן ביז היינט אויסגעזען קריטיש וויכטיג.

פלוצלינג מוז מען שוין נישט האבן די טייערסטע קליידער, שיך קען מען קויפן ביי א סעיל, מען מוז נישט קויפן קיין נייעם שטריימל צען יאר נאך דער חתונה, און אזוי ווייטער און ווייטער, די ליסטע ענדיגט זיך נישט.

זאכן וואס אינעם געיעג נאך געלט מיינט מען באמת אז זיי זענען טייל פונעם טאג-טעגליכן לעבנסשטייגער, זעט מען דאן – ווען די אויגן זענען אפן און מען קוקט אלעס אן מיט א פיל קלארערן בליק – אז זיי זענען נישט מער ווי אומנויטיגע פארשווענדערייען.

יעצט שטעלט זיך די שאלה, וואס טאקע הייסט א וויכטיגע הוצאה און וואס נישט? וואו שטעלט מען די ליניע?

איז קודם כל, פארשטייט זיך אז די חודש'ליכע בילס, ווי מארטגעדזש/רענט, יוטיליטיס, שכ"ל וכדו' – דאס איז פשוט אז זיי גייען אריין אינעם כלל פון וויכטיגע הוצאות.

וואו עס ווערט אביסל מער אומקלאר און מ'דארף שוין מער נוצן דעם אייגענעם שכל אין יעדן פאל באזונדער, איז ווען מען גייט אריין אינעם געשעפט צו איינקויפן. דא דארף מען צוגיין מיט פארזיכטיגקייט און טראכטן ביי יעדער זאך צי דאס וועט צוגעבן עפעס רואיגקייט און געשמאק אינעם טאג-טעגליכן לעבנסשטייגער, איז עס עפעס וואס מען דארף באמת האבן, עפעס וואס גייט באמת ברענגן לאנג-טערמיניגע ישוב הדעת און צופרידנקייט פאר דעם מענטש, אדער איז עס גאר עפעס וואס מען קויפט בלויז כדי צו קענען זאגן פאר יעדן וויפיל זילבער שטיק מען האט שוין אויפן סדר טיש.

דאס איז טאקע א וויכטיגער טייל פונעם ציל, און מ'דארף שטארק אבאכט געבן אז מ'זאל האלטן קאפ אויפן ציל, און געדענקען אז דער איין און איינציגסטער ציל פון פארדינען דאס געלט איז צו קענען דעקן די הוצאות און לעבן מיט הרחבת הדעת, כדי צו קענען דינען דעם אויבערשטן מיט א רואיגקייט, בס"ד.

The information furnished in this article is for informational purposes only. The information does not and should not be considered to constitute an offer to buy or sell securities. The information should not be relied upon by any person to make an investment decision.

אינגערמאַן

Yingerman

EXPO

Menswear Edition

ערשטמאליגע 'עקספאו'
פון די מענער מלבושים אינדוסטריע

א חידוש פון
אן עקספאו.
אן עקספאו
מיט חידושים.
דער 'אינגערמאן עקספאו' איז א נייער דערהער.
צום ערשטן מאל אן עקספאו צווישן די בלעטער
פון א מאגאזין. דער ערשטער עקספאו גענצליך
געווידמעט פאר היימישע מענער מלבושים.
ערשיינט זונטאג אמור · May 11

צענדליגע טויזנטער לייענער
וועלן זיך באטייליגן אינעם
'עקספאו אויסגאבע'

מאכט זיכער אז אייער סחורה געפונט זיך דארט.
845-666-0056 · Ads@theyingerman.com

Yingerman
EXPO
Menswear Edition

עפילאג

סטארלינג זאל שנת תשע״ו

יצחק האט געווישט די טרערן פון זיינע אויגן, און זיי געריבן צו פארזיכערן אז ער איז ווירקליך וואַך. בלויז קארגע עלף מאנאטן טיילן אפ פון ווען ער האט זיך געפינען אינעם זעלבן ארט ביים פארגאנגענעם אוונט, און אזויפיל איז אריבער אויף אים און דער גאנצער פאמיליע, ביזנעס און ארגאניזאציע.

לאנגע חדשים פון פלאג און פיין, צומישעניש, פארלוירנקייט, אונטערברעכונג און טויט-שרעק קומען אצינד צו א פייערדיגן שלוס. ״אז די ענדע איז גוט איז אלעס גוט,״ האט ער שטיל געמורמלט צו זיך. ווייזט אויס נישט גענוג שטיל, ווייל די ווערטער האבן דערגרייכט חנינא׳ס אויערן און ער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ.

יצחק האט ווידער און ווידער איבערגעליינט די גרויסע שילד וואס האט באצירט דעם לאנגן אויבנאן וואס האט געשריגן מיט גרויסע בוכשטאבן: ״סעודת הילולא וסעודת הודאה״.

״מיר זענען זיך צוזאמגעקומען היינט פאר א טאפלטן צוועק,״ האט זיך געהערט די פארעלטערטע שטימע פון הרב עזריאל גאנצפריעד, דער רב פון דער ארגאניזאציע ׳צדקת יעקב׳.

״נישט בלויז דער צוועק פון דער סעודה איז טאפלט, ווען עס דינט סיי אלס סעודת יארצייט פאר ר׳ שאול גאלדמאן הי״ד, וואס איז שוין היינט באקאנט יעדער ווי ער איז טראגיש אומגעקומען אין די הענט פון נידריגע גוים,״ א שאק כוואליע האט איבערגענומען דעם זאל און ר׳ עזריאל האט זיך געשטיקט מיט טרערן, ״נאר אויך די הודאה איז א טאפלטע. מיר טוען דא ברבים דאנקען דעם באשעפער אויף זיינע געוואלדיגע חסדים וואס ער טוט מיט אונז אין יעדער צייט, און בפרט אין דער לעצטער תקופה וואס האט זיך אזוי אפן ארויסגעוויזן.

״סיי מיטן אומגלויבליכן נס הצלה פון אונזער ליבער חיים וואס איז אויף א וואונדערליכן וועג למעלה מן הטבע געראטעוועט געווארן פון א זיכערן טויט, און ער געפינט זיך ב״ה דא מיט אונז, חיים כולכם היום.

״אבער אויך איז די סעודה קאמבינירט מיט א הודאה לה׳ אויף דער גרויסער ישועה פון ר׳ יהושע גוטמאנ׳ס אשת חיל וואס איז ב״ה גענצליך אויסגעהיילט געווארן א דאנק דעם אויסטערלישן מסירת נפש׳דיגן שריט פון דעם הארציגן און העלדישן ניר-נדבן.״

אלע אנוועזנדע זענען געזעסן מיט א געשפאנטן אטעם, ווען חיים גאלדמאן האט זיך געווישט די טרערן, און ר׳ עזריאל האט פארגעזעצט מיט א הילכיגער שטימע.

״דאס איז דאך אונזער גוטהארציגער ר׳ חיים גאלדמאן, וואס אלס דאנק צום בורא אויפן ראטעווען זיין לעבן, האט ער באשלאסן דערמיט צו ראטעווען א צווייטנ׳ס לעבן.

״מיט דעם נאבעלן טאט פון אוועקגעגעבן א שטיק פון זיך פאר א צווייטן איד און ראטעווען א נפש מישראל, איז ר׳ חיים א מוסטער פאר אונז אלע. וויל איך בעטן ר׳ חיים זאל ביטע ארויפקומען און רעדן עטליכע ווערטער.״

חיים האט געקווענקלט פאר א ווײַלע, און דאן זיך שווערליך אויפגעהויבן פון ארט. ער האט צוגעטרעטן צום פאדיום און מיט א טיף עמאציאנאלער מינע האט ער אנגעהויבן זיינע קורצע רייד:

״אודה ה׳ מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו, איך דאנק דעם באשעפער אויף די גרויסע חסדים וואס ער האט געטון מיט מיר. איך קען נישט גענוג פארציילן און באטאנען דעם געוואלדיגן נס וואס איך האב בייגעוואוינט ווען דער באשעפער האט מיר באשיינפערליך געשאנקען מיין לעבן.

״איר ווייסט מעגליך קלערן אז איך דאנק אויף דעם וואס מיין פיזישע לעבן איז געראטעוועט געווארן, אבער אין דער ווארהייט איז מיין הויפט לויב אויף דער געפאר און שוועריגקייט וואס איך בין אריבער, וואס האט מיר געשאנקען מיין גייסטיגן לעבן און א פרישן שאנס צו אנהויבן ווידעראמאל און פאררעכטן אלטע גרייזן.״

אלע אנוועזנדע זענען געזעסן געפלעפט מיט אפענע מיילער. חיים׳ס אויגן זענען באנעצט געווארן, און מיט גרויס אנשטרענגונג האט ער פארגעזעצט זיין רירנדע רעדע.

״ווי א דיאמאנט וואס ווערט אויסגעשליפן פון די שניטן און

קאפ אין וואנט

די געשיכטע פון **חיים גאלדמאן**

מנשה ניימאן

האקן אויף אים, האט מיך דער באשעפער אויסגעשניצט מיט די שרעקעדיגע מאמענטן וואס האבן מיר געשאנקען א טיפע לעקציע אינאיינעם מיט דעם פאטענציאל פאר א גליקליכער צוקונפט."

חיים האט טיף ארייגעאטעמט, און מיט א פעסטער שטימע און בדייטן שמייכל דערקלערט: "איך טו אויף דאנקען און לויבן דעם באשעפער אויף דעם וואס ער האט ער אונז צוגעשיקט אזא טייערן איד ווי ר' יעקב שטיינער, וואס האט געדינט אלס מלאך המושיע אין אונזער קלעם, און ער וועט פון היינט אויף זיין א שותף און אינוועסטירער אין אונזער ביזנעס, וואס ווערן איבערגעפרישט אונטערן נייעם ברענד 'גאלדען דזשולס'. דאס איז אין צוגאב פון זיין ברייטהארציגער פארפליכטונג צו אויסהאלטן די ארגאניזאציע 'צדקה בצדק', וואס ווערט שוין גערופן אויף זיין נאמען 'צדקת יעקב'.

"איך טו מיט דעם אויך איבערבעטן אלע וועמען איך האב מצער געווען דורכאויס די יארן ווען איך האב געלעבט אין דעם גרייז אז שטארקייט קומט פון פרובירן געוועלטיגן אויף אנדערע, און נישט הארכן געליבטע און נאנטע. איך בין זיך מקבל פון היינט און ווייטער לעילוי נשמת מיין זעליגן פאטער צו טון גוטס מיט אלעמען, ווי איך האב שוין ב"ה אנגעהויבן צו טון, און איך האף אז איך וועל געבענטשט ווערן אינאיינעם מיט מיין גאנצער פאמיליע צו געניסן פון א לאנגע לעבן מיט אהבה ושלום."

מר. שטיינער האט הילכיג געפאטשט, און יצחק'ס טרערן האבן זיך צונויפגעמישט מיט די רירנדע טרערן פון עזרת נשים.

"חיים, איך בין שטאלץ מיט דיר," האט זיין מאמע, די אלמנה, געשעפטשעט.

דער גערירטער ציבור וואס איז אנוועזנד געווען האט ספאנטאן אויסגעבראכן אין א לעבעדיגן געזאנג: "**כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך, חיים, חיים, חיים ושלום, חיים ושלום יוסיפו לך.**"

אויספיר

"צי איז די געשיכטע פון חיים גאלדמאן א ווירקליכע?"

אט דאס איז געווען די סאמע מערסט-געפרעגטע פראגע דורכאויס דער צייט וואס חיים'ס געשיכטע איז געלאפן אין די בלעטער פונעם "אינגערמאן".

דער ענטפער דערויף איז נישט איינפאך, און ווי פילע גלייכן זיך צו אויסדרוקן, עס איז א "יא און ניין" ענטפער.

חיים גאלדמאן איז געוויס נישט קיין פיזישע רעאליטעט, און זיין געשיכטע מיט אלע געשילדערטע דעטאלן איז א בלויזע פיקציע.

אבער ניין, די געשיכטע פון חיים גאלדמאן איז א טאג טעגליכע געשעעניש מיט וועלכן מיר אלע באגעגענען זיך גאר אפט, און פיל מאל זענען מיר גאר די וואס געפינען זיך אין חיים'ס שיך.

אין פילצאליגע פעלער לעבן מיר אין אן אילוזיע אז פעסטקייט און פירערשאפט באדייט הארטע אומבויגזאמקייט, און אנשטאט פאקוסירן אויף אונזער ענדגילטיגן סוקסעס, זענען מיר שטייגערליך פארנומען צו באשיצן אונזער נידריגן זעלבסטשאץ, ווען דער עגא שטייט פארן ציל.

אבער אנדערש ווי אין חיים'ס פאל ווילן מיר נישט דארפן צוקומען צו די עקסטרעמע רעזולטאטן וועלכע זאלן אונז פאטשן אין פנים, כדי צו אנערקענען דעם טעות.

די געשיכטע פון חיים איז נישט פארגעקומען אין רעאליטעט, וויבאלד פערזאנען וואס ליידן אזוי כראניש אויף דער גייסטיגער קראנקהייט ווערן געווענליך קיינמאל איינזען אין זייער גרייזיגן לעבנסשטייגער, אפגעזען וואס עס וועט זיי נאר קלאפן אין קאפ, נאר וועלן פארזעצן ביזן אפגרונד, ווערנדיג געפירט פון זייער אינערליכער הוילקייט.

אבער פאר אונז דארף די לערע פון חיים זיין עפעס וואס זאל אונז באגלייטן לאורך כל ה'חיים', צו געדענקען און דערהערן אז דער אייגענער סוקסעס ווערט בלויז צונויפגעשטעלט פון מיטארבעט און הילף פון אנדערע, און אזא אנגעבליכע שוואכקייט סימבאליזירט גאר שטאנדהאפטיגע און לעגיטימע שטארקייט.

א גוט
יום טוב
אינגערמאַן
רייכע אידישע ליין
מאטריאל פאר די
אינגערמאַן, ביזנעסמאַן,
אידענע און די גאנצע
פאמיליע. גענצליך
אומזיסט יעדע וואך.

New Construction Union & Merrick Area

9 BDRM | 7 BTH | 4,884 SQFT

Asher Berkowitz

Multiple properties - Prime Monsey area

Reach out for more details.

Shloma Meisels

77 Jessup Switch Road, Florida, NY

Great investment Opportunity!

6 BDRM | 2 BTH | 2,371 SQFT

Mendel Klein



18-20 Wolfe Drive, Spring Valley

Great investment for Development

4 BDRM | 2 BTH | 1,527 SQ FT

Shloma Meisels

8 Gerardine Place, New City

4BDR M | 3 BTH | 1,894 SQ FT

Aaron Gestetner

7 Homestead Lane, New City

4 BDRM | 2 BTH | 1,296 SQ FT

Shloma Meisels

60 Barnes Road, Washingtonville

4 BDRM | 2 BTH | 1,692 SQ FT

Mendel Klein

50 Horton Road, Blooming Grove

4 BDRM | 3 BTH | 2,196 SQ FT

Mendel Klein

18 Rockland Terrace, Suffern

3 BDRM | 2 BTH | 1,165 SQ FT

Aaron Gestetner

29 Calvert Drive, Monsey

4 BDRM | 2 BTH | 1,544 SQ FT

Mendel Klein

16 Edgebrook Ln, Airmont

5 BDRM | 4 BTH | 2,373 SQ FT

Aaron Gestetner, Asher Berkovic

The Go-Getters TeamGo EXIT Realty Venture

EXIT REALTY VENTURE

א כשר׳ן פרייליכן פסח!

Asher Berkovic
asher@exitrv.com
1.845.213.7932

Aaron Gestetner
ag@exitrv.com
1.917.588.7425

Shloma Meisels
sm@exitrv.com
1.718.344.3300

Mendel Klein
mklein@exitrv.com
1.845.608.1531

זמן חירותנו

אגאנץ יאר

צענדליגער צופרידענע ראשי משפחות פראוון שוין היי יאר די לעכטיגע סדר נאכט אין זייער הערליכע הרחבה׳דיגע דירה אין די נייע גאלדען עסטעיט דעוועלאפמענט, האבנדיג אן אמת׳דיגע שמחת יום טוב.

מיט די ערשטע פאזע גענצליך באוואוינט, קאנסטראקשן אויף די צווייטע פאזע האלט אט ביים פארענדיגט ווערן.

The
GOLDEN ESTATES

שפאגל נייע דעוועלאפמענט
אין מאנסי פאר 55 יאר אין העכער.

פאר א פריוואטע אפוינטמענט אדער פאר מער
אינפארמאציע רופט: 845.513.3800

goldenestateshomes.com


ptex:group X The Golden Estates
THE TESSLER
TEAM
OF KELLER WILLIAMS HUDSON VALLEY REALTY

פוינט ריעלטי
האט עס!

מיט א בליק
אויף צוריק;
די עקאנאמיע איז
טאקע שוואך; אבער...

דאס פלאץ וואו איר קומט ווען איר ווילט "Point Realty",
קויפן אדער פארקויפן, זאכן זאלן זיך ריקן בע"ה.

א כשר'ן
פריילעכן
יום טוב

אברהם יודא שווארטץ
Licensed Real Estate Broker

לייבי גלאנץ
Licensed Real Estate Broker

Sales of last season
OVER $30 MILLION

point Realty
845.604.9400
2 Stonegate Dr. Ste 308

Commercial & Residential | Rentals & Sales
Leading Your Next Move™

כאַפּגעם!

אן אומגעבעטענע עמעזאן ארדער

אגוטן, ביטע ארײנלײגן מײן מעשה.

אײן טאג זע איך בײ מײן טיר א באקס פון עמעזאן. כ'האב נישט געדענקט אז כ'זאל האבן עפעס באשטעלט, אבער כ'האב עס געעפנט, און געזען דארט א האלטער פאר א טעלעפאן אין קאר, אזא ביליגע זאך.

עס איז מיר געווען זײער מאדנע װײל כ'האב עס נישט געהאט באשטעלט, אבער כ'האב געטראכט אז ס'איז א טעות און געגאנגען װײטער.

למעשה אפאר טעג שפעטער איז נאכאמאל אנגעקומען אזא פעקל, יעצט איז עס געווען אפאר בעטעריס.

דאס איז מיר שוין געווען גאר מאדנע. כ'האב געוואוסט אויף זיכער אז קײנער בײ אונז אינדערהײם האט עס נישט באשטעלט.

למעשה האב איך עס ארויסגענומען, און כ'האב באמערקט אז עס ליגט דארט א קלײן צעטל מיט א QR code און ס'שטײט אז מ'זאל עס סקענען צו װעריפײען דעם סעלער...

עס האט אויסגעקוקט היבש פארדעכטיגט. כ'בין געגאנגען נאכקוקן וואס דאס קען מײנען, בין איך געווארן געוואויר אז דאס איז נישט קײן נײע זאך, און איז נאך א טאקטיק וואס סקעמערס נוצן.

קודם כל, שיקן זײ ארויס די פעקלעך, און נאך דעם עפענען זײ אן עמעזאן אקאונט אויף דײן נאמען, און זײ נוצן עס צו לײגן גוטע ריוויוס, אזוי אז מענטשן זאלן באשטעלן פון זײ.

אבער ס'גײט נאך װײטער: זײ לײגן ארײן דעם QR code, און אויב מען סקענט עס קענען זײ זיך ארײנהעקן אין דעם דעװײס און אזוי באקומען זײ צוטריט צו אלע פערזענליכע אינפארמאציע פון דעם מענטש.

ושמרתם:

- װען איר באקומט א פעקל וואס איר האט נישט באשטעלט, אנשטאט זיך צו פרײען מיט דער אומזיסטער מתנה, מאכט זיכער זיך תיכף צו פארבינדן מיט דער קאמפאני פון װאו עס קומט און מעלדט זײ אײן דערוועגן.
- איר זאלט קײנמאל נישט סקענען א QR code וואס איר װײסט נישט וואס דאס איז.

האט איר מיטגעלעבט א שווינדל פרואוו אויף די אײגענע הויט? האלט עס נישט בײ אײך. זײט עס מפרסם און ראטעוועט אנדערע פון ארײנפאלן דערין. לאזט איבער א מעסעדזש אויף 845-200-3313 #102 אדער שיקט עס אריין צו qa@theyingerman.com



FEEL IT THROUGH THE SCREEN.
CRISP. DETAILED.
INFO@BLUCREWNYC.COM
24-48 HOUR TURNAROUND
PRODUCT PHOTOGRAPHY
for E-commerce & Amazon Listings
COMPETITIVE PRICING | FULL-DAY FLAT RATES
LIFESTYLES | INFOGRAPHICS
FULL AMAZON PACKAGES
WEINBERGERS
PHOTOGRAPHY INC
MENTION YINGERMAN FOR A SPECIAL DISCOUNT
347.378.4918 | weinbergersphotography.com
office@weinbergersphotography.com

Tax season is here!

SCARED TO OPEN THOSE TAX FILES?

WE'VE GOT YOU.

Corporations | LLCs

CRUTs and CLATs

Private Foundations

Family Trusts

MASTERMIND

Strategic Accounting | Accurate Filing

Let us take care of your tax needs

CALL US TODAY

Isaac Berkowitz
845.941.1099
ib@mastermindfile.com

UNMATCHED LUXURY UNIQUELY TZFAT.

Nestled on a private estate mere steps from the winding streets of the ancient Old City, Majestic Residences at Tzfat represent the convergence of the spiritual and physical. Breathtaking views. Luxury living. Impressive amenities. All while preserving the unmistakable charm and aura of the holy city.

VISTAS OF MAJESTY

Majestic Residences at Tzfat is the only project in the city with sweeping, panoramic views of Meron from every single apartment. From the sun's first rays to the tranquility of twilight, breathtaking scenery surrounds the project at every turn.

Complete with stone-like balcony flooring, grill area and a large Sukkah porch area, the apartments' expansive outdoor living areas enable residents to take in the crisp mountain air, and savor the timeless beauty of this remarkable place.

THE RESIDENCES

Each meticulously-planned residence features an array of amenities and details: Exquisitely-designed ceilings that exude elegance and artistry; move-in ready, fully-equipped American-style kitchens; advanced VRF AC systems and sub-floor heating, ensuring precise climate control throughout; Yonkers heating system; gold and rose gold fixtures; interior Flexboard doors with Formica coating .

In addition, parking and storage spaces are available for residences.

THE AMENITIES

From the fully-equipped gym and pool to the private Shul, expansive residents lounge, and tranquil gardens, the Majestic offers residents countless ways to unwind, connect and rejuvenate.

Additional amenities include a dedicated children's playroom, a serene library, and spa featuring wet and dry saunas.

CONSTRUCTION UPDATES

After months of anticipation, the first shovels have begun digging at Majestic Tzfas.The project site has been successfully leveled (Floor 0), and over the next two months, the remaining floors will be excavated. More than just a physical breaking of ground, this milestone marks the beginning of a bright, beautiful, and majestic future here.

→ For more information, email our sales team at, **sales@majestictzfat.com**

Last of the Classic Catskill Hotels for Sale

The Hudson Valley Resort

*Hudson Valley Resort is the only Catskill hotel left that is open, running & available for sale

*Run it as hotel, special needs, camp, school, more
*232 functioning rooms, can restore to 334 rooms
*550 acres to develop into various configurations
*Multiple convention spaces, 3 kitchens, & DR's
*Huge theatre for lectures, classes, & shows
*Indoor & outdoor pools, spa needs restoration
*Totally asbestos free facility via Phase I report

Taylored Real Estate
(845)679-0636
realtorfreddie@gmail.com

בס"ד

FIXRR+

Where every repair is perfect plus.

WE'VE GOT YOU COVERED

Painting.
Electric.
Plumbing.
Handy Work.
Shelving.

845.244.9500
31 Larkin Dr, Monroe NY 10950
Info@fixrrplus.com

Licensed and Fully Insured.
Commercial & Residential Repair.

Our skilled professionals provide lasting home repairs that go far beyond makeshift fixes.

Accurex
Accounting Solutions

ישראל יעקב זילבערשטיין

• פאר אלע אייערע personal טעקס-ריטוירן געברויכן
(original filing/amendment, IRS correspondence, etc)
• צו עפענען א corporation אדער LLC

פערזענליך און פארלעסליך!

פארבינדט אייך מיט'ן עקספערט אויף: 845.288.3933 אדער: jacob@accurexny.com

HISTORIC STATE-FUNDED ELECTRIC DISCOUNT FOR NJ/ CATSKILLS/ BROOKLYN

NJ: 20-36% discount
Catskills: 10% discount
Brooklyn: 20% discount

Limited spots are available!
To reserve your spot, call 347-661-9266

Experience the Splendor
MADE IN THE USA
Actual project!
WE SHIP WORLDWIDE!
90°
90 degree opening for max kosher sukkah
WELDED
INSULATED
to prevent condensation
SHGC .17
U-VALUE .20
SKY VIEW
SKYLIGHT
THINK CLEAR....GO GLASS
845.789.4381 | SKYVIEWSKYLIGHT.COM
THE LEADING BRAND IN CUSTOM SUKKAH SKYLIGHTS

Cash in your points for top value.
» SAME-DAY PAYMENTS
» SUPERIOR CUSTOMER SERVICE
CloudNine MILES
845-306-4545 // info@cloudninemiles.com

Get 10% off with this ad
Shnell messenger שנעל
Daily delivery routes
845.782.1010
Brooklyn, Monroe, Monsey, Lakewood
Inquire about: Any Destination,
Rush Jobs, Bulk Orders, Truck Loads, ETC

AIRBAGS AREN'T ENOUGH.
After an accident, you need full support. FWD Collision offers fast towing, expert collision repair, and on-the-spot car rental to get you moving forward!
24-HOUR TOWING
CAR RENTAL
CAR REPAIR
Hilel Tyrnauer 845.366.5588
FWD COLLISION

פילסט איר...
אנגעצויגן?
ענקזייטי?
פחדים?
ווערט געהאלפן!
דורך די ענקזייטי טעלעקורס!
929.445.9090
הונדערטער אידן
זענען שוין געהאלפן געווארן!
מוח כח

ענדליך..........
באקומט טעגליך די פונקטליכע וועטער און זמנים אויף טעקסט, בחנם!
טעקסט די ווארט •WEATHER•
אדער די ווארט •ZMANIM•
אדער די ווארט •BOTH•
צו 833-745-9066

דער צוגאנג צו וויין פון א געזונט שטאנדפונקט

מיר שטייען אצינד קורץ נאך פורים, ווען "וויין" פארנעמט דעם אויבנאן, און מ'גרייט זיך שוין אויפצונעמען דעם הייליגן יו"ט פסח, ווען די ד' כוסות וויין שפילן אויך א גרויסע ראלע אין דעם יו"ט. דעריבער איז זייער פאסיג לכבוד יו"ט צו נעמען די נושא פון טרינקען וויין און אויסשמועסן וויאזוי דאס צו באטראכטן פון א שטאנדפונקט פון עסן און טרינקען געזונט.

צוערשט לאמיר זען, וואס איז וויין? איז עס א קארב? א פראטעין? איז עס גוט פארן מענטש אדער נישט?

איר האט ווארשיינליך קיינמאל נישט געזען קיין Nutrition Facts אויף א גלעזל וויין, וויבאלד עס ווערט נישט לעגאל פארלאנגט. אבער יעצט ווען מ'גרייט זיך צו טרינקען פיר כוסות פון וויין, איז יא גוט צו כאפן א שטיקל אריינבליק און זען וואס דער וויין אנטהאלט אלץ אין זיך.

צוערשט לאמיר זען די חילוקים צווישן די פארשידנארטיגע סארטן וואס זענען דא: איינפאכע "גרעיפ דזשוס" איז דאך פשוט אז ס'איז פול מיט קארבס, ס'איז דאך א שטיק צוקער. אבער וויין איז נישט אזוי, ווייל דער וועג וויאזוי מען מאכט וויין איז דורך דעם וואס דער צוקער פון די טרויבן ווערט איבערגעדרייט צו אלקאהאל.

דא קומט טאקע אריין דער חילוק פון טרוקענע וויין און זיסע וויין: טרוקענע וויין באדייט אז מ'לאזט עס לענגער ביז עס פארלירט דעם צוקער כמעט ביזן סוף, און ביי זיסע וויין לאזט מען איבער מער צוקער.

אלזא, אין טרוקענע וויין איז געווענליך דא גאר ווייניג צוקער. אויסער אויב ס'איז נידריג אין אלקאהאל, וואס דאן באדייט דאס געווענליך אז מ'האט אפגעשטעלט די פראצעדור פריער כדי דער אלקאהאל זאל נישט זיין אזוי הויך, און ממילא איז געבליבן מער צוקער. ווי אויך קען צומאל זיין, אפילו אין ווייגען מיט אסאך אלקאהאל, אז מ'האט צוגעלייגט צוקער דערצו.

קדם לייגט געווענליך ארויס א ליסטע פון די ווייגען אין וועלכע זיי לייגן צו צוקער. ווען עס קומט צו ווייגען אין וואס מ'האט נישט אריינגעלייגט קיין צוקער, קענט איר זען אויב א געוויסער וויין האט אסאך קארבס, דורכן קוקן וויפיל אלקאהאל עס האט. ווי געזאגט, אויב ס'האט ווייניג אלקאהאל האט עס געווענליך א באדייטנדע צאל קארבס.

אצינד שטעלט זיך די פראגע: וואס איז אלקאהאל זעלבסט?

דער ענטפער איז אז אלקאהאל האט בעצם קאלאריעס, אבער עס האט נישט קיין קארבס, נישט קיין פראטעין און נישט קיין פעטנס. צוליב דעם ווערט דאס צומאל אנגערופן "ליידיגע קאלאריעס", אדער "א פערטער הויפט נוטריענט" (Macronutrient).

ווי ערקלערט אין אנהייב פון דער סעריע האט יעדער הויפט נוטריענט א געוויסער נוצן וואס עס טוט פארן גוף: פראטעין בויט דעם קערפער, פעטנס פראדוצירט הארמאנען און נאך, און קארבס גיבט די ענערגיע פארן גוף.

אלקאהאל איז אבער אנדערש, אז עס גיבט גארנישט צו פארן מענטש. הגם בעצם גיבט עס אריין ענערגיע, ווייל אז עס האט אין זיך קאלאריעס איז טייטש אז עס גיבט ענערגיע פארן מענטש, אבער דער וועג וויאזוי עס ווערט פארוואנדלט אין ענערגיע איז אנדערש ווי געווענליכע קאלאריעס, און דעריבער איז עס נישט קיין פארגלייך.

קארבס, וואס איז דער הויפט קוואל וואס גיבט ענערגיע פארן מענטש, ארבעט אויף א וועג אז ווען עס קומט אריין אינעם קערפער ווערט עס פארוואנדלט אין ענערגיע וואס דער מענטש דארף האבן אויף דער מינוט. אויב האט שוין דער קערפער גענוג ענערגיע פארן יעצטיגן מאמענט, וועט עס ווערן אוועקגעלייגט אין די מוסקלען אדער אינעם לעבער אז ווען דער מענטש וועט זיך נויטיגן דערין זאל ער האבן פון וואו צו נעמען. און אויב האט מען שוין פון דעם אויך גענוג, וועט עס ווערן פארוואנדלט אין פעטנס.

ווידעראום אלקאהאל ארבעט נישט אזוי; עס קען טאקע געבן ענערגיע אויף דער מינוט, אבער אויב דער קערפער דארף עס נישט יעצט וועט עס תיכף ווערן פעטנס און עס וועט נישט ווערן אוועקגעלייגט פארן שפעטערדיגן באנוץ.

אלזא, עס איז שוין קלאר אז עס ברענגט נישט קיין נוצן און ס'איז נישט עפעס וואס דער מענטש דארף האבן. די שאלה איז אבער, צי האט דאס א נעגאטיוון אפעקט אויפן מענטש, אדער איז עס נישט גוט און נישט שלעכט? מיר וועלן שפעטער צוריקקומען דערצו, אבער לאמיר קודם אויסשמועסן דער אפעקט וואס אלקאהאל האט אויפן שטאפל פון צוקער אינעם בלוט.

אלקאהאל טוט בעצם נידערן דעם צוקער שטאפל. פארוואס? ווייל דער וועג וויאזוי דער צוקער קומט געווענליך אן אינעם קערפער - חוץ ווען מען עסט - איז דורך דעם וואס דער לעבער פראדוצירט און גיבט אריין צוקער אינעם בלוט-שטראם, און אלקאהאל בלאקירט דעם לעבער פון אויספירן די פונקציע.

דעריבער, פאר מענטשן וואס זענען אויף א דיעטע פון ווייניג קארבס, אדער מענטשן וואס האבן דייעביטיס, אדער אפילו פאר סיי וועם וואס טרינקט אלקאהאל אויף א ליידיגן מאגן, וועט אלקאהאל גורם זיין אז דער צוקער אינעם קערפער זאל פאלן צו א שטארק נידריגן שטאפל.

פון דעם קומט אויס אז ס'איז דא נאך א סיבה פארוואס אלקאהאל איז נישט גוט פארן קערפער, ווייל ווען מ'טרינקט אלקאהאל וועט מען דארפן האבן מער קארבס כדי צו באלאנסירן דעם צוקער שטאפל, קומט אויס אז מ'וועט עסן איבריגע קארבס.

אצינד לאמיר זען וויאזוי אלקאהאל אפעקטירט דעם מח: עס איז דא א כעמיקאל אינעם מח וואס הייסט GABA, וואס מאכט דעם מענטש רואיג און פארשלאפן. ווען מ'נעמט אריין אין זיך אלקאהאל ברענגט דאס אז די שטאפלען פון GABA אינעם מח זאלן געהעכערט ווערן, און דאס איז איינע פון די

וועו א מענטש טרינקט דא-דארט, איז עס טאקע א גוטער מהלך אביסל אויפצוהייבן דעם מוט

משה ראזענבערג
845.200.3313 #110
Gezintman@theyingerman.com

סיבות פארוואס אלקאהאל מאכט שווינדלען און ברענגט א שטארקע מידקייט.

דאן איז דא נאך א כעמיקאל, מיטן נאמען Dopamine, וואס ווערט שטארק געהעכערט ווען דער מענטש שפירט א הנאה און געשמאק, און דער כעמיקאל מאכט פרייליך דעם מענטש. ווען מען טרינקט אלקאהאל, איז עס אויך גורם אז דער כעמיקאל זאל געהעכערט ווערן, אזוי ווי מ'זעט טאקע אז עס שטייט "ויין ישמח לבב אנוש", אבער דער פראבלעם איז אז ס'איז נישטא קיין עכטע סיבה וואס זאל מאכן דעם מענטש שפירן אזוי אויפגעלייגט און פרייליך - ס'איז נאר די השפעה פונעם אלקאהאל.

ממילא, ווען א מענטש טרינקט דא-דארט, איז נישט קיין פראבלעם - פארקערט, דאן איז עס טאקע א גוטער מהלך אביסל אויפצוהייבן דעם מוט. אבער ווען מ'געוואוינט זיך איין צו טרינקען אויף א שטייגערליכן פארנעם, ברענגט דאס אז דער מח ווערט צוגעוואוינט צו דעם גוטן געפיל וואס דער אלקאהאל גיבט אים, און ער שפירט ווי ער מוז עס האבן צו קענען אנגיין. און דאס איז דער באדייט פון אן "אדיקציע" - דער מח געוואוינט זיך צו און מיינט אז ער מוז עס האבן.

דער Dopamine כעמיקאל איז דוקא עפעס וואס איז געמאכט צו שפירן בלויז פון צייט צו צייט, און ס'איז נישט גוט פארן קערפער ווען מען שפירט עס צו אפט. חוץ פון דעם, דער כעמיקאל איז אויך עפעס וואס פעלט זיך אויס פאר אנדערע פונקציעס פונעם קערפער, און ווען די Dopamine שטאפלען טאנצן ארויף און אראפ און עס איז נישט מסודר, קען דאס אויך שאטן פאר אנדערע חלקים פונעם קערפער.

נאך א זאך וואס קען פאסירן פון אסאך אלקאהאל איז, אז עס קען ח"ו שעדיגן דעם לעבער.

אלזא, דאס איז שוין קלאר אז טרינקען וויין אדער אלקאהאל צו אפט, איז זיכער נישט גוט פארן קערפער.

אצינד לאמיר כאפן א בליק איבער די פאזיטיווע חלקים פון וויין.

קודם כל איז ריכטיג צו אויסשמועסן אז פון א תורה'דיגן פערספעקטיוו טראגט וויין א גרויס חשיבות. וויין האט א ספעציעלע ברכה וואס מען מאכט דערויף. מען נוצט דאס צו מאכן קידוש, לכבוד שבת און ספעציעל לכבוד יו"ט טרינקט מען וויין, און ס'האט אלץ געשפילט א חשוב'ע ראלע אינעם אידישן לעבנסשטייגער.

אזוי אויך טרעפט מען אסאך אין חז"ל און אין די ספרים הק' איבער דעם חשיבות דערפון. די גמרא אין מסכת יומא דף ע"ו ע"ב זאגט: "חמרא וריחא פיקחין," און רש"י זאגט אז דאס באדייט אז עס מאכט קלוג. באזונדער ווערט געברענגט אין רמב"ם (הלכות דעות פ"ד הי"ב) אז וויין איז גוט פאר עלטערע מענטשן.

קוקנדיג פון א וויסנשאפטליכן שטאנדפונקט, איז וויין אויך נישט אוועקצומאכן.

עס איז דא א דיעטע, וואס איז באקאנט צו זיין אלס איינע פון די מערסט-געזונטע דיעטעס וואס זענען פארהאן אויף דער וועלט, און דאס ווערט אנגערופן Meditteranean Diet. א באדייטנדער טייל פון זייער טעגליכער דיעטע איז א היבשע מאס פון רויטע וויין, און ס'איז אנגענומען אז דאס שפילט א שטארקע ראלע אין דעם פאקט אז די דיעטע איז אזוי געזונט.

עס איז אויך דא אן אינטערעסאנטער פענאמען, וואס איז באקאנט מיטן נאמען דער "פראנצויזישער פאראדאקס". דאס איז אן אינטערעסאנטע אבזערוואציע וואס א בארימטער פראפעסאר האט ארויסגעגעבן אין די 1990'דער יארן איבער דער פראנצויזישער באפעלקערונג, אז טראץ וואס זיי עסן אסאך Saturated Fat, מיט דעם אלעם האבן זיי א נידריגע ראטע ווען עס קומט צו הארץ קרענק. טייל פון זיין ערקלערונג דאס צו פארענטפערן איז געווען אז די פראנצויזן טרינקען אסאך וויין, וואס האט פארשידענע געזונט בענעפיטן, און ממילא זענען זייערע הערצער געזונטער.

דער אמת איז אז היינט-צוטאגס איז אנגענומען ביי גאר אסאך,

↵

געזונטערמאַן

אריינגערעכנט די גרינדער פון דער "מעטאבאליק טייפינג" דיעטע, אז Saturated Fat איז בכלל נישט קיין שלעכטע זאך, ממילא קומט אויס אז דער פאראדאקס איז לאו דוקא א סתירה. אבער מיט דעם אלעם איז אנגענומען אז ווין האט געשפילט א ראלע אין זייער גוטן געזונט צושטאנד.

וואס ליגט אין ווין אז עס מאכט עס געזונט?

ווין האט אין זיך א באשטאנדטייל וואס הייסט Polyphenols, וואס ברענגט אסאך געזונט בעניפיטן פארן מענטש. דאס איז עפעס וואס די מומחים וועלכע זענען טועם די ווינען קענען שפירן, ווייל דאס איז גורם א טרוקנקייט אינעם מויל, און לויט ווי טרוקן זיי פילן ביים טרינקען ווייסן זיי וויפיל Polyphenols עס האט.

די סוגיא פון Polyphenols איז בעצם גאר א לאנגע, און מיר וועלן נאך אי"ה האבן אן ארטיקל דערוועגן, אבער אצינד רעדן מיר נאר פון דעם חלק וואס איז נוגע צום שמועס איבער ווין.

עס זענען דא הונדערטער עריליי Polyphenols וואס געפינט זיך אין אלע פרוכט און גרינצייג. דער קאליר וואס מ'זעט אויפן פרוכט אדער גרינצייג איז געווענליך עפעס וואס קומט פון די Polyphenols, און עס איז געווענדן אין וועלכן סארט Polyphenols דער ספעציפישער פרוכט האט אין זיך.

טרויבן איז זייער רייך אין Polyphenols, איבערהויפט אין איין ספעציפישן סארט וואס הייסט Resveratrol.

אלע Polyphenols וואס מען טרעפט אין ווין האבן געזונט בעניפיטן, אויף מערערע אופנים. קודם כל העלפט עס אז די אדערן וואס פירן צום הארץ זאלן נישט ווערן געשעדיגט. אויך העלפט עס אפ דעם גוף פון ווערן "פארזשאווערט". און דער אויבנדערמאנטער סארט Resveratrol האט א באזונדערן בענעפיט, אז עס העלפט זיך האלטן יונגער און אז מ'זאל נישט ווערן אזוי שנעל פארעלטערט. (דאס שטימט זייער גוט מיט וואס דער רמב"ם שרייבט אז ווין איז גוט פאר עלטערע מענטשן.)

דער אמת איז אז די אלע כעמיקאלן זענען אויך דא אין "גרעיפ דזשוס", ווייל עס קומט דאך פון די טרויבן. אבער אין ווין איז עס שטארקער, ווייל דורכאויס דער פראצעדור פון מאכן ווין ציט עס ארויס מער פון די טרויבן און עס באקומט מער דערפון ווי סתם איינפאכע גרעיפ דזשוס.

עס איז כדאי צו באמערקן אז ווען ווין ווערט עלטער ווערן די Polyphenols שוואכער, וואס באדייט אז יונגע ווין האט מער פון די געזונט בענעפיטן. אויך איז גוט אנצוואוייזן אז ווייסע ווין האט ווייניגער Polyphenols.

עס איז דא נאך א בענעפיט וואס רויטע ווין האט: אויבנאויף וואלט מען געקלערט אז ווין קען האבן א פראבלעם, אז היות עס האט דאך אלקאהאל, וואס איז באקאנט אז עס הרג'עט באקטעריעס, נו אפשר הרג'עט עס די גוטע באקטעריעס (וואס מען רופט Probiotics) אזוי ווי "אנטיביאטיק" טוט צום מענטש.

דער אמת איז אז ס'איז אבער נישט ממש אזוי. ווען מען טרינקט אסאך ווין, קען טאקע פאסירן אז עס זאל אויסראטן די גוטע באקטעריעס. אבער ווען מען טרינקט נאר אביסל איז עס פונקט פארקערט – עס ארבעט ווי א Prebiotic, וואס באדייט אז עס מאכט גאר שטערקער די גוטע באקטעריעס וואס דער מענטש האט.

נאך א גוטע זאך פון ווין איז, אז ווען מען טרינקט עס אינאיינעם מיט עסן העלפט עס גרינגער פאררייען דאס עסן. דאס איז די סיבה פארוואס מ'זעט אז א גלעזל ווין נאך א סעודה וואס מאכט שווער אויפן מאגן, מאכט דעם מענטש פילן בעסער. אבער דאס איז נישט אייניג ביי יעדן, און מ'דארף זיין אויפריכטיג; אויב זעט מען אז עס מאכט פראבלעמען פארן מאגן, דארף מען וויסן אז פאר מיר איז עס נישט גוט.

נאך א בענעפיט פון אלקאהאל – לאו דוקא ווין – ווען מ'טרינקט א קליין ביסל דערפון: עס הייבט אויף דעם שטאפל פון HDL – וואס איז דער גוטער קאלעסטעראל, און דאס איז נאך א סיבה פארוואס ס'איז גוט פארן הארץ. אבער פון דער אנדערער זייט דארף מען וויסן אז אסאך אלקאהאל קען גאר נידערן דעם HDL שטאפל.

די אונטערשטע שורה איז: אביסל רויטע ווין דא-דארט וואס מען טרינקט ביים עסן א מאלצייט, איז בדרך כלל א גוטע זאך פאר געזונטע מענטשן. אסאך ווין איז נישט געזונט פאר קיינעם. און פאר א מענטש וואס האט לעבער פראבלעמען אדער סיי וועלכע קאנדישאן קען אפילו אביסל ווין אויך זיין א פראבלעם.

אין יעדן פאל געדענקט אונזער אלטן וויכטיגן כלל: הערט צו וואס אייער קערפער זאגט און וויאזוי ער רעאגירט צו וואס מען גיבט אים צו עסן אדער טרינקען. אויב שפירט איר אז ווין איז נישט גוט פאר אייך, שטייט וויט דערפון. אבער אויב אייער גוף פארנעמט עס און איר האט נישט קיין געזונט פראבלעם, אדרבה. ויין ישמח לבב אנוש.

שטייענדיג יעצט בעפאר פסח ווען די גאנציעריגע דיעטע ווערט געטוישט, מען עסט אסאך מצה און מ'טרינקט אסאך ווין, איז גוט צו אנפרעגן א דיין איבער די גענויע שיעורים וויפיל מצה און ווין מ'דארף האבן צו יוצא זיין, כדי מ'זאל נישט עסן מער וויפיל ס'פעלט אויס און מ'זאל בעז"ה קענען אנהאלטן א געזונטן מאגן.

ר' משה ראזענבערג איז א "פונקשאנעל נוטרישאניסט" מיט העכער צען יאר ערפארונג אין העלפן מענטשן זיך אוועקשטעלן אויף א געזונטן לעבנסשטייגער, מיט דער ריכטיגער דיעטע, מהלך המחשבה, און נויטיגע סופלעמענטן. אלעס צוגעפאסט פאר יעדן מענטש באזונדער לויט זיין געזונט צושטאנד און לאבאראטאריע טעסט רעזולטאטן. ער ספעציאליזירט זיך אין digestive, autoimmune, metabolic, און brain אישוס. **צו באשטעלן אן אפוינטמענט ביי ר' משה קענט איר רופן אדער טעקסטן 845.275.3975 אדער שיקן אן אימעיל צו info@profunctionalhealth.com**

powwow! EVENTS

THE FUTURE OF BUSINESS STARTS **HERE.**

From industry-defining trade shows to exclusive executive summits, we bring together the leaders, innovators, and decision-makers shaping the future. With a powerhouse lineup of events across multiple industries and even more on the way, we're setting the stage for what's next. Reach out to learn how our events can help your business grow.

UPCOMING **SHOWS**

FEMME BEAUTY SHOW
FOR BUSINESSES & CONSUMERS IN BEAUTY & LIFESTYLE
April 29, 2025

.ORG NATIONAL CONFERENCE FOR NON-PROFIT LEADERS
FOR LEADERS OF NONPROFITS ORGANIZATIONS
May 13, 2025

RE DEAL
FOR NATIONAL REAL-ESTATE OWNERS AND INVESTORS
June 9, 2025

BRICK & MORTAR
FOR RETAIL STORE OWNERS AND OPERATORS
July 15, 2025

Boh
FOR CONTRACTORS, DEVELOPERS AND REAL ESTATE MANAGERS
August 20, 2025

THE HEALTHCARE show!
FOR OWNERS/OPERATORS OF NURSING AND LONG TERM CARE FACILITIES
September 16, 2025

THE HOME CARE SHOW!
FOR HOME CARE, HOSPICE, AND ADULT DAYCARE EXECUTIVES
November 11, 2025

DX AS
FOR DESIGNERS, ARCHITECTS, AND ENGINEERS
December 2, 2025

EDGE CONFERENCE
For Owners & Operators in ABA & Multi-Therapy Services for Children & Adolescents
FOR EXECUTIVES IN ABA, THERAPY, AND SPECIAL-ED
January 6, 2026

EVIVE
LEADERSHIP SUMMIT FOR MENTAL HEALTH & ADDICTION
January 7, 2026

THE HOME CARE SHOW! Miami
FOR MULTI-STATE HOMECARE EXECUTIVES
January, 2026

COMING SOON...
TBA

POWWOWEVENT.COM | 908.783.9426 | SALES@POWWOWEVENT.COM

ארייַנבליק אין די שעפערישע אקטיוויטעטן און געלונגענע קאארדינאציעס וואס די "סמעש פלען" פירמע טוט אהערשטעלן פאר פילע בוי פראיעקטן | אינטערוויו מיטן אייגנטימער ר' דוד לעפקאוויטש נ"י וועלכער טיילט מיט פון זיין רייכער ערפארונג און הילפבארע לעזונגען פון וואס זיינע קליענטן געניסן

דוד אפעל

א קנאק פון א פלאן

הערנדיג אז עס איז אין פלאן צו אפהאלטן א שמועס מיטן אייגטימער פון א פירמע מיטן נאמען "סמעש פלען", וואס איז אין דעם פעלד פון קאנסטרוקציע, האבן מיר ערווארטעט מיט א זעלבסטפארשטענדליכקייט אז די רעדע איז פון א פירמע וואס איז עוסק אין אהערשטעלן פלענער און "בלופרינטס" פאר בוי פראיעקטן. א פאק וואס איז זייער פאפולער אין דער וועלט פון קאנסטרוקציע, און עס איז ווארשיינליך נישט פארהאן קיין מאנגל אין קאמפאניס וועלכע טוען די ארבעט.

אבער נאכן זיך אראפזעצן מיט ר' דוד לעפקאוויטש, און הערן פון אים וואס זיין פירמע שטעלט פאר און דער סערוויס אין וואס זי צייכנט זיך אויס, זענען מיר ארויס פון דעם שמועס פולשטענדיג באאיינדרוקט אז אין דעם איז שוין איינמאל דא א מאנגל... דאס איז פיל מער, און זאגאר איינגאנצן עפעס אנדערש, ווי בלויז נאך א פירמע וואס דעזיינט "פלענס" פאר הייזער און געביידעס. עס לאזט זיך זאגן מיט א פולן מויל אז דאס איז אן אמת'ער "חידוש" אין דעם פעלד, און עס איז ווארשיינליך נישט שייך צו באקומען די סערוויסעס ערגעץ אנדערש.

א חידוש צום טיש

בויען א הויז, ביהמ"ד, אדער סיי וועלכע געביידע, ווייסט און פארשטייט יעדער איינער אז עס נעמט אריין א געוואלד פון ארבעט, מערערע פאכלייט און עקספערטן, און א גרויסע צאל פירמעס פון וועלכע יעדער פרובירט צו אויספילן זייער חלק אמבעסטן.

ווען עס קומט צו דער פראצעדור פון אויסשטעלן און אויספלאנירן וויאזוי מ'גייט בויען דאס הויז און וויאזוי עס וועט אויסקוקן, הייבט זיך עס געווענליך אן ביים ארכיטעקט אדער דעזיינער וועלכע שטעלן אויס די פלענער, און דאן קומט אריין אין בילד דער קאנטראקטאר וועמענ'ס אויפגאבע עס איז צו אויספירן די פלענער און אהערשטעלן דאס הויז פון אל"ף ביז תי"ו.

"צווישן דעם ארכיטעקט, אינדזשעניר, דעזיינער, קאנטראקטאר, אא"וו, מאכן זיך גאר אסאך לעכער, און אונזער אויפגאבע איז צו ערפילן די לעכער און זיכער מאכן אז דער קליענט באקומט דאס בעסטע און מערסטע וואס שייך," ערקלערט ר' דוד ווען מיר בעטן אים צו אראפגעבן אין איין ווארט וואס זיין פירמע טוט, און וואס עס איז דער חידוש וואס ער ברענגט אין דער אינדוסטריע.

"פארשטייט זיך אז יעדער פרובירט צו טון דאס בעסטע פון זיין זייט לויט זיינע מעגליכקייטן, און ס'איז נישט שייך קיינעם צו באשולדיגן אז די זאכן פאסירן, אבער ווען די פלענער מיט דער פאקטישער ארבעט דארפן זיך צוזאמקומען פאסירן אפט לעכער און זאכן וואס מ'האט פארזען, און דער עגמת נפש און שווערע הוצאות וואס דאס קען ברענגען איז אין לשער.

"זייענדיג אין דער קאנסטרוקציע אינדוסטריע פון בעפאר, און זעענדיג ווי אפט עס מאכן זיך אזעלכע זאכן, און וויפיל שוועריקייטן און געלט שאדנס מען וואלט געקענט פארמיידן ווען עס איז דא איינער וואס זיין אויפגאבע איז צו שטיין צו דער זייט פונעם קליענט און זיכער מאכן אז אלעס איז אמבעסטן אויספלאנירט און אלע לעכער און צווישנשיידן ווערן אנגעפילט, האב איך באשלאסן צו קומען מיט דעם חידוש און גרינדן א פירמע וואס זאל זיין געצילט צו ערפילן דעם לאך," פארציילט אונז ר' דוד פארוואס ער האט באשלאסן צו אריינטאנצן אין דעם פראיעקט.

די לעכער אין בוי פראיעקטן

ווען א מענטש האלט נאך יארן וואוקלייגן און אנזאמלען שווער אנגעהארעוועטע געלט, און טרעפט זיך ענדליך ביים שטאפל ווען ער באשליסט אז ס'איז צייט צו אריינטאנצן אין דעם פראיעקט פון בויען אן אייגענע הויז, וועט ער געווענליך נישט וויסן וואס עס ווארט אים אלץ אפ. רוב מענטשן האבן נישט קיין קענטעניסן אין דעם פעלד, און זיי ווייסן נישט וואס צו ערווארטן, וואס עס זענען די שטאפלען אין דער פראצעדור וועלכע מ'דארף דורכגיין, און די פראבלעמען וועלכע קענען זיך מאכן.

מיט פרייד און איבערראשונג לאזט מען זיך ארויס אויף דער יארכע, און צוביסלעך באקענט מען זיך מער און מער מיט די דעטאלן און וויאזוי עס גייט צו. מען גייט צום ארכיטעקט אדער דעזיינער צו אויסשטעלן א פלאן, מען באשטעטיגט עס ביים אינדזשעניר, מען פרעגט זיך נאך אויף א גוטן קאנטראקטאר, און מיט עקסטאז און איבערראשונג טרעט מען צו צו דער בוי ארבעט.

הערשט ווען מען האלט שוין טיף אינמיטן אדער ביים סוף פון דער בוי ארבעט, מאכט זיך אפט אז מען דערזעט זיך אז זאכן גייען נישט ווי געפלאנט.

ווען מען בויט א הויז זענען דא פילע פרטים וועלכע דארפן זיך צוזאמקומען, איבערהויפט ווען עס קומט צו דער פאזע אז די פלענער אויף פאפיר דארפן ווערן אויסגעפירט מכח אל הפועל, ווען די גענויע שטריכן וואס דער ארכיטעקט האט געצויגן ביי זיך אין אפיס ווערן ארויפגעקלאפט מיטן האמער אויף דער וואנט.

"דא איז וואו זאכן ווערן אפט פארפלאנטערט," איז ר' דוד מסביר. "דאס מציאות איז אז דער ארכיטעקט און דעזיינער, טראץ זייער ספעציאליטעט און פראפעסיאנאליזם, זיצן זיי אין אפיס און זענען נישט אויפן פלאץ צו קענען זען מיט די פליישיגע אויגן וואו און וויאזוי זאכן ווערן אויסגעפירט למעשה, און צי אלעס וועט טאקע שטימען. אפט מאל זענען זיי בכלל נישט באקאנט מיט די דעטאלן וויאזוי די ארבעט ווערט אויסגעפירט.

"דער קאנטראקטאר פון זיין זייט, ער טוט וואס איז דאס בעסטע אין זיינע הענט, אבער ער האט אויך נישט די צייט און מעגליכקייט זיך צו ברעכן קאפ וויאזוי צו רוקן ווענט און זען אז זאכן זאלן שטימען."

די אויפגאבע און ציל פון "סמעש פלען" איז צו באגלייטן די פראצעדור טריט ביי טריט, באטראכטן די פלענער, אדער גאר אליין אויסשטעלן די פלענער, און אריינלייגן מורא'דיגע כוחות צו פארזיכערן אז אלעס שטימט מיטן מציאות און עס וועט נישט אונטערקומען קיין שטרויכלונגען אין וועג.

"סמעש פלען" איז אויך דא צו פארזיכערן אז מען נעמט ארויס דאס מערסטע פון יעדן לעכל און ווינקל וואס שייך, אדער ווי מ'רופט עס אין ענגליש "מאקסימייזן ספעיס". נישט בלויז צו העלפן אויסנוצן יעדן ווינקל און נישט פארלירן קיין פלאץ, נאר אויפצוקומען מיט שעפערישע געדאנקען און מהלכים וויאזוי צו נאכקומען יעדן סארט געברויך אין יעדן סארט פלאץ.

■ **דאס וואס איר טוט, צו פארזיכערן אז אלעס איז גוט אויסגערעכנט פון בעפאר און מען נוצט אויס יעדן אינטש ביזן סוף, איז דען נישט די**

↵

ארבעט פונעם ארכיטעקט? וואו קומט איר אריין אין בילד?

זייער גוט געפרעגט. ווי געזאגט פרובירט יעדער דאס מערסטע וואס ער קען, אבער צו געבן אזא באהאנדלונג וואס מיר געבן איז נישט מעגליך פאר א געוועינליכן ארכיטעקט צו נאכקומען. א דרויסנדיגער וועט אפשר נישט כאפן וואס עס גייט אלץ אריין דערין, אבער יעדער ריר קען נעמען שעות אויף שעות, און אן ארכיטעקט אדער דעזיינער באקומט נישט באצאלט גענוג אז ער זאל דאס קענען נאכקומען.

ער וועט מאכן די פלענער לויט זיינע בעסטע מעגליכקייטן, און ווען עפעס פאסירט אז א זאך ארבעט זיך נישט אויס, הייבט זיך אן א גאנצע שפיל פון זוכן ווער עס איז שולדיג און ווער ס'איז פאראנטווארטליך... און ווי געזאגט איז קיינער באמת נישט "שולדיג", נאר עס פעלט פשוט א געוויסע קאארדינאציע צווישן אלע וואס ארבעטן אויף דעם פראיעקט, וואס איז נישטא אין געוועינליכע פעלער.

קיינער באקומט נישט באצאלט אזויפיל אז ער זאל קענען ארויסגיין פון זיין טייל און פאקוסירן אויפן גאנצן בילד, און אז יעדער איז קאנצענטרירט אויף זיין חלק און ס'איז נישטא קיין קאארדינאציע, קומט מען אן צו אזעלכע פלאנטערס...

לאמיר פארשטיין אביסל קלארער, וואס זענען די קאנסעקווענצן פון די אומאויסגערעכנטע שטרויכלונגען וואס איר דערמאנט כסדר?

עס איז פארשטייט זיך נישט שייך צו זאגן קיין כלל, אבער אין בעסערע פעלער קען דאס אפקאסטן עטליכע טויזנט דאלער און א גוואלד פון עגמת נפש און קאפ-ווייטאג.

איך וועל געבן א קליינעם משל, וואס קען אויסקוקן ממש ווי א נישטיגע זאך, אבער קען אפקאסטן א הון רב צו מסדר זיין. מען מאכט די פלענער פארן שלאפצימער, און מ'צייכנט אן עטליכע "פלאגס", ווי געוועינליך. דער עלעקטרישאן ווייסט נישט פון קיין ספעציעלע דעטאלן צו זאגן, ער ווייסט נישט וואו דער בעט וועט זיין און וואס מ'דארף אכטונג געבן. ער קומט אריין, איז מסדר די פלאגס, און פארטיג.

עס קומט אבער למעשה, מען וויל אויסשטעלן דעם וועג וויאזוי צו לייגן די בעטן, און מען דערזעט זיך אז צוויי פלאגס זענען פארשטעקט הונטער די בעטן און מ'קען נישט צוקומען צו זיי.

יעצט דארף מען אויפברעכן די וואנט, אריבערלייגן די גאנצע זאך, און דאס איז נישט קיין ביליגע מעשה.

ווען מיר נעמען איבער א פראיעקט שטעלן מיר אויס יעדן ריר פון דער גאנצער זאך. מיר האבן אן אייגענעם דעזיין טיעם, און ווי אויך ארבעטן מיר מיט אנדערע דעזיינער און ארכיטעקטן, געוואנדן לויט וואס דער קליענט וויל, און מיר רעכענען אויס יעדן דעטאל פון פאראויס אז אלעס זאל שטימען אויפן האר. און יא, אפילו אזא קלייניגקייט ווי וויאזוי די בעטן זאלן זיין אויסגעשטעלט, און אז עס זאל נישט פארשטעלט ווערן די פלאגס, איז אויסגערעכנט פון בעפאר.

דער אויבנדערמאנטער משל איז נאר א קלייניגקייט. אין פעלער ווען עס פעלן זיך אויס גרעסערע שריט און ערנסטע שינויים צו פאררעכטן דעטאלן וואס מ'האט פארזען, קען עס צומאל אנקומען ביז הונדערטער טויזנטער דאלארן אין שאדנס.

עס קען אויסקוקן אז צו מאכן דעטאלירטע פלאנירונגען איז א גרויסע הוצאה, אבער דאס געלט און עגמת נפש וואס מען שפארט זיך איז פיל מער ווי דעם...

אונזער הויפט ציל איז צו פארזיכערן אז דער קליענט וואס וועט למעשה וואוינען אין דעם הויז אויף א טעגליכן פארנעם, ער זאל ארויסקומען מיט דעם מאקסימום, און זיך שפארן דאס מערסטע קאפ-ווייטאג און געלט וואס שייך דורכאויס דער פראצעדור. מיר זענען נישט דא צו זיכער מאכן אז אונזער ארבעט צייגט פראכטפול פאר אלע פארבייגייער אדער באזוכער, און אז ווער עס באטראכט דאס הויז ביים חנוכת הבית זאל עפענען א מויל פול מיט התפעלות... אונזער ארבעט איז זיכער צו מאכן אז ווען אלעס זעצט זיך, די איבערראשונג און פרישקייט גייט פארביי און מען הייבט אן וואוינען און לעבן אין דעם הויז אויף א טעגליכן פארנעם, דאן זאל דער איינוואוינער קענען הנאה האבן און געניסן דאס מערסטע וואס שייך פון דעם הויז אין וואס ער האט אריינגעלייגט אזויפיל געלט און שוויס.

איר האט בעיקר גערעדט פון פריוואטע הייזער. קאנצענטרירט איר זיך בלויז אויף דעם, אדער סערווירט איר אויך אנדערע סארט קליענטן?

אונזער סערוויס איז אינגאנצן נישט באגרעניצט צו איין סארט קליענט. מיר סערווירן אלע סארטן קליענטן, פריוואטע הייזער, דעוועלאפער פון גרויסע פראיעקטן, קאמערציאלע געביידעס, בתי מדרשים, און סיי וואו איינער דארף אונזער סערוויס.

אין יעדן פאל און אין יעדן מצב איז עס א וויכטיגע זאך, און דער פלאן, הרחבת הדעת און רואיגקייט וואס מען פארדינט איז אלץ שייך - אפגעזען וועלכע סארט געביידע מען בויט.

וואלט איר אונז געקענט געבן א ביישפיל פון אייער ארבעט, ווי איר האט באוויזן צו צושטעלן פארן קליענט א פראדוקט וואס ער וואלט נישט באקומען אן אייער סערוויס?

דער אמת איז אז ס'איז שווער צו געבן ביישפילן, ווייל די ביישפילן וואס מ'קען ווייזן איז ווען זאכן גייען נישט ווי געפלאנט... דאס פאסירט כסדר, און דאן קען מען צייגן וואס עס האט נישט געטויגט. ווידעראום ווען מען פלאנירט אלעס פון פאראויס און מ'מאכט זיכער אז מ'זאל זיך נישט אנשטויסן אין קיין פלאנטער, איז נישטא וואס צו צייגן ווייל דער פלאנטער איז דאך פארמיטן געווארן לכתחילה...

איך וועל אבער יא געבן א ביישפיל, ווי מיר האבן געהאלפן א קליענט אויף גאר א שטארקן פארנעם, צו אויסשטעלן א פראיעקט און ארויסנעמען דערפון דעם מאקסימום, אויף א וועג וואס איז זייער קונצליך אויסגערעכנט, און ס'איז קלאר אז דאס וואלט מען נישט געקענט ערגרייכן ווען מען מאכט דעם פלאן אויף דער געוועינליכער פראצעדור.

דעם פלאן האבן מיר געמאכט פאר א נייעם פרעכטיגן ביהמ"ד אין לעיקוואוד. די פלענער האבן אריינגענומען א גוואלד פון קאפ און מחשבה, און גאר קאמפליצירטע חלקים וואס מ'האט געדארפט אויסרעכענען אז ס'זאל שטימען, כדי צו צופרידנשטעלן און נאכקומען אלע געברויכן וואס דער קליענט האט פארלאנגט.

איך וועל נישט אויסשמועסן מיט א ברייטקייט יעדן פרט דערפון, אבער איין וויכטיגער טייל וויל איך צייגן אויפן פלאן, און דאס איז דער וועג וויאזוי מיר האבן אויסגעשטעלט דעם היכל הביהמ"ד.

די בויער פון דעם שול האבן געהאט אן אייגנארטיגן פארלאנג איבער דעם אויסשטעל. נעמליך, זיי האבן געוואלט מאכן שטיבלעך וועלכע זאלן עווענטועל קענען ווערן געעפנט צו זיין טייל

↵

.1

דער שול פלאן
אויסגעשטעלט מיט די
ריקעדיגע ווענט



.2

דער שול במלוא הדרו
אוועקגעריקט די ווענט

פונעם היכל, אבער זיי האבן עס נישט געוואלט האבן גלייך ביים עפענען דעם ביהמ"ד, נאר אז עס זאל געבויט ווערן אויף א וועג אז ווען דער ציבור וועט זיך צואוואקסן זאל מען עס קענען צולייגן.

די עצם זאך פון מאכן שטיבלען וואס מ'קען עפענען צום היכל איז מעשים בכל יום, און געוועגליך טוט מען דאס מיט פראוויזארישע ווענט וואס מ'קען אוועקנעמען און צוריקלייגן. אבער דא איז עס נישט געווען שייך, ווייל זיי האבן דאס נישט געוואלט. זיי האבן געוואלט אז סיי יעצט און סיי אינעם עתיד ווען מ'וועט אויסברייטערן דעם ביהמ"ד זאל עס אויסקוקן ווי א פארטיגע און נארמאלע זאך כלול בהדרו.

איר קענט זען אויפן פלאן ווי מיר האבן עס אויסגעשטעלט אז יעצט זאל עס זיין א הערליכן און פארטיגן היכל, און די צוויי שטיבלעך פון הינטן זאלן זיין אינגאנצן אפגעזונדערט. דאן האט מען אויסגערעכנט אז די ווענט פון די שטיבלעך זאלן זיין אינגאנצןליידיג פון סיי וועלכע עלעקטריק, פלאמבינג, אדער סיי וועלכע זאך וואס וועט צוריקהאלטן דאס אוועקנעמען די ווענט, אזוי אז ווען עס קומט די צייט עס צו עפענען זאל מען עס קענען מסדר זיין אן קיין פראבלעמען. און דאן האט מען ספעציעל אויסגערעכנט אז דער קארידאר זאל אויך זיין אויסגעשטעלט אויף א וועג אז ס'זאל עווענטועל קענען ווערן אריינגענומען אלס טייל פונעם היכל, אזוי אז ס'זאל נישט אויסקוקן ווי א היכל מיט צוויי זייטיגע פליגלען... און איינמאל מ'נעמט אוועק די ווענט האט מען דא א הערליכן און פארברייטערטן היכל, אויף א וועג פון לכתחילה שבלכתחילה.

זייער אינטערעסאנט! איר האט דערמאנט אז ס'איז אריין נאך אסאך קאפ און מח אין דעם ביהמ"ד, און דער חלק פונעם היכל איז בלויז איין דעטאל. וואלט איר געקענט אויסשמועסן וואס נאך איר האט אלץ אהערגעשטעלט דארט?

דער אמת איז אז ס'איז נישט שייך צו אויסשמועסן יעדע זאך באזונדער, ווייל ס'איז פיל מער ווי דער פאפיר קען פארנעמען. אבער איך וועל אויסרעכענען א טייל פון זיי אויפן שפיץ גאפל:

מ'האט געדארפט אויסרעכענען אז פרויען זאלן קענען קומען צו א ברית אין ביהמ"ד גלייך פונדרויסן, אן דארפן דורכגיין אנדערע חלקים פון אינעווייניג. מאכן א פלאץ צו עסן פרישטאג אין קאווע שטיבל. א פלאץ פאר א מצה אויוון, און וואס ס'זאל אויפנעמען אסאך פלאץ. מאכן א צימער פאר קידושים נעבן דעם ווייבער שול, און גלייכצייטיג זאל מען קענען נוצן דעם ווייבער שול צו געבן שיעורים און מ'זאל קענען עפענען דעם קידוש צימער צום ווייבער שול פאר די שיעורים. די מקוה זאל זיין צוטיילט, באזונדער א טרוקענער חלק און באזונדער דער חלק פון די שויערס און בורות, אזוי אז ווען מ'קומט אריין אין מקוה זאל מען זיך נישט אנשטויסן אין א נאסער פאדלאגע.

דאס אלעס און נאך פיל מער האבן מיר ב"ה אויסגעשטעלט און נאכגעקומען אלע פארלאנגען אויף הונדערט פראצענט.

באמת האט איר געזאגט אז ס'איז שווער צו צייגן ביישפילן... אבער היות א מערהייט פון די ליינער וועלן ליבערשט בויען אייגענע הייזער ווי בתי מדרשים, וואלט איך פארט געבעטן איר זאלט מיטטיילן איין שעפערישן ביישפיל פון עפעס וואס איר האט אהערגעשטעלט אין א פריוואטער היים.

א איד וואס האט געבויט א הויז איז געקומען צו מיר, און ער האט געוואלט האבן ווי מער צימערן אינעם אונטערשטן שטאק אז ווען עס קומען די

דער צימער אפן אלס א פלעירום

דער צימער פארמאכט אלס א בעדרום

קינדער אויף שבת אדער יו"ט זאל זיין גענוג פלאץ פאר יעדן. איך האב אים אבער מסביר געווען אז ס'איז א שאד אלעס צו ווידמען פאר שלאפצימערן און נישט איבערלאזן קיין פלאץ זיך צו שפילן פאר די אייניקלעך וכדו'.

דער גאנצער שטאק איז געווען גאר שמאל - דאס ברייטסטע ארט איז געווען בלויז צען פיס ברייט! און דאס האט עס געמאכט זייער שווער צו קענען אהערשטעלן א פלאן וואס זאל צושטעלן ביידע געברויכן אין דעם שמאלן ארט.

מיר האבן אבער באוויזן אויפצוקומען מיט א פלאן אז ער זאל קענען געניסן פון ביידע: סיי אז ס'זאל זיין א פלאץ זיך צו שפילן, און סיי אז ווען ס'פעלט אויס זאל עס קענען ווערן פארוואנדלט אין א שלאפצימער.

מיר האבן געמאכט א פלאן צו לייגן ספעציעלע בעטן, וואס ווען מ'נוצט עס נישט קען עס ווערן אויפגעהויבן און צוזאמגעלייגט אלס א בענקל, און ווען מ'נוצט עס קוקט דאס אויס ווי א געהעריגער בעט. אזוי אז ווען מען שלאפט נישט דארט לייגט מען עס צוזאם און מ'קען זיך דארט שפילן. דאן האבן מיר געמאכט אזעלכע פראוויזארישע ווענט וואס מ'קען לייגן ווען מ'דארף עס נוצן צו שלאפן, אז מ'זאל דאן קענען פארמאכן דעם צימער און ס'זאל זיין פולשטענדיג פריוואט.

■ **לויט ווי איך פארשטיי איז עס בעיקר געאייגנט בעפאר מען הייבט אן מאכן פלענער, צו זיכער מאכן אז אלעס איז גוט אויסגערעכנט פון דער ערשטער מינוט. וואס טוט זיך ווען א מענטש טרעפט זיך שוין אין דעם פראבלעם, מ'האלט שוין אינמיטן בויען און מ'זעט אז זאכן שטימען נישט, איז דאס א פאל וואו איר קענט זיין בייהילפיג?**

אוודאי איז בעסער אז מען קומט תיכף פון אנהויב, און אויף דעם וועג איז אונזער סערוויס דאס מערסטע אפעקטיוו. אבער מיר קענען אויך צומאל אריינקומען אין בילד ביי א שפעטערדיגער פאזע, אויב עס פעלט אויס.

מיר האבן געהאט לעצטנס א מעשה מיט א קליענט וואס איז געקומען מיט א פארטיגן פלאן פאר זיין הויז וואס ער האט געמאכט ביי א נישט-אידישן ארכיטעקט. ער האט שטארק געוואלט האבן הענגעדיגע שטיגן וואס זאלן לויפן דורכאויס אלע שטאקן, און דער פלאן איז טאקע געווען אזוי אויסגעשטעלט. ער איז געקומען בעטן אז מ'זאל אים מאכן א פלאן אז ער זאל קענען האבן א דיינונג רום פון פערציג פיס. מיר האבן אים אבער געוויזן אז לויט דעם יעצטיגן פלאן פון די שטיגן קען עס נישט ארבעטן, ווייל עס לויפט דורך פונקט אויף דעם פלאץ וואו מ'וואלט געדארפט מאכן דעם דיינונג רום.

עס האט אים טאקע געבאדערט אז ער וועט דארפן אויפגעבן די שטיגן, אבער ער האט זיך געפרייט אז ער איז געקומען צו אונז און אזוי איז געלונגען דאס צו כאפן באצייטנס, און ער האט פארמיטן דעם עגמת נפש פון דארפן אוועקנעמען די שטיגן נאכן בויען און ארומדרייען אלע פלענער, וואס וואלט אפגעקאסט ריזיגע געלטער און גרויס עגמת נפש.

■ **א גרויסן דאנק ר' דוד פאר אייער צייט, און פאר דעם אינטערעסאנטן און שטארק אינפארמאטיוון שמועס.**

הצלחה רבה! k

צו קאנטאקטן ר' דוד קענט איר רופן אדער אימעילן:

929.450.5343
info@SmashPlan.com

▼ שיינע דעזיינס צוגעשטעלט דורך ר' דוד'ס פירמע



+admarkny.com
פיתום ורעמסט
א גרויסע טיעם
פאר גרויסע חלומות...
Target team goes above and beyond to help your big dreams come true. With our extensive knowledge and expertise servicing Monsey and the surrounding areas, we are here to support you throughout the entire process of buying your dream home.
א כשר'ן פרייליכן פסח,
אליעזר פארקאש, אייזיק לעבאוויטש, מענדי יענקאוויטש,
אברהם וויינבערגער, אלי האפמאן, משה לעפקאוויטש, יואל ראטענשטיין
845.424.1014 // office@targetreteam.com
TARGET
TEAM
Of Keller Williams Valley Realty

NEW
Potty Training?
Bed Wetting?
100% Leak proof
Accidents Happen!
Protect your beds
& save your sanity!
Stop changing all the bedding every morning.
Pick up your Improvia Bed pads at your local store.
HSA & FSA
Covered by Most Insurances
Super Absorbent
500+ Washes
Improvia
Eco Incontinence Solutions
For Wholsale inquries: 1-800-418-0361 Ext 2 B2B@improviausa.com
www.improviausa.com

We're ready with
1000's of marked
Kosher L'Pesach
pharmacy & beauty
products.

פסח
יריד

CHAIMKRAUSZDESIGN

BORO
PHARMACY

You can now contact us thru
Text, **WhatsApp** or **Email:**
718.878.7333

OPEN & ON TIME
DELIVERY TILL
12:00 AM

5027 New Utrecht Ave
T. **718.878.7333** F. **718.878.7334**
E. **rxboropharmacy@gmail.com**
E. **otcatboropharmacy@gmail.com**

Grand Opening
SALE
שפאגל
נײ
פונקט ווי אייער טלית.
קויפט א נייע הערליכע טלית אין אונזער
נייע געשעפט פאר די פרייז פון קלינען.
skymediaco.co
ROYAL
TALEISIM
We specialize in custom חתן packages
718.269.2092 • 5205 New Utrecht Ave. Brooklyn NY 11219
תפילין בייטלעך • טלית בייטלעך • טליתים • עטרות • עכט זילבער געפלאכטענע עטרות • קיטלעך • גארטלעך
טלית קטן • ציצית • חלה דעקלעך • מענטלעך • פסח סעטס • מיר מאכען איבער עטרות און רייניגען טליתים ווי ניי

WIN
A MONTH-SUPPLY FREE!
845-209-1480
Enter our weekly raffle
SHOW
KOSHER
SKINNYSHOT™

A SKINNY SHOW
by kosher skinny shot

HI EVERYONE, WELCOME TO MY SHOW.

It's Kalmy Skinner here.

I had such an amazing experience with Kosher Skinny Shots, that I felt that I couldn't just stay quiet about it.

In this show, we'll meet regular people just like us and hear their life-changing stories of losing weight and becoming more healthy with Kosher Skinny Shots. Follow along every week wherever you find our ads...:)

Trust me. This is something you don't want to miss!

#staytuned

FAST ACTION WEIGHTLOSS INJECTIONS, STARTING AT $149/MONTH

KOSHERSKINNYSHOT™

845.209.1480 / KOSHERSKINNYSHOTS.COM

Elevate your
tile experience

AMBER
STONE

718-795-4455

123 Louisa St Brooklyn NY

Info@amberstonetile.com

@amberstonetile

Call or email us to schedule a visit - Parking available at 1317 36 Street

אן אימפעריע פון חינוך פאר יעדן שטאפל

'איחוד מוסדות החינוך' - א צוואנציג-יעריגע אימפעריע מיט אן אויסגעטרעטענע מהלך צו ברענגן יעדע קינד, פון זיין שטאפל צו זיין מאקסימום פאטענציאל.

CHEVRAYA AFTER SCHOOL PROGRAM · Masmidim מתמידים · Nechmudim נחמדים · ישיבה אהבת התורה · Ahuvim אהובים · שטראלן · חמודים

pentagon group
איחוד
מוסדות
החינוך

כל התורה כולה

מיטן נייע סקעננער!

אנשטאטס צו טייפן, טייפן און טייפן ביים איבעראַרבעטן דעם ספר

איין 'סקען' און דאס ספר איז גרייט!

מכון תוצאות טוט איבערזעצן ספרים און קובצים צו אן אפענע טעקסט אויסשטעל, דורכן אריינברענגען אין באנוץ א העכסט ווירקזאמע סקען סיסטעם אויסגעשטאט מיט שפאגל-נייע טעכנאלאגישע מיטלען. פון יעצט אהן, דארפט איר מער נישט טייפן. איין סקען, אייער ספר איז גרייט. אייער חלום פארווירקליכט זיך.

סקאנען | טייפן | פינטלען | אויסשטעל (עימוד) | מפתחות | דעזיין | פרינטן

שיינע הנחה מיטן דערמאנונג פון "אינגערמאן"

tozhaot.co.il
m0504131411@gmail.com
718-337-8895

תוצאות

בס"ד

ברענגט אריין א שמחה

אין שטוב פון אונזערע טייערע ברודער אין ארץ ישראל!

ליידיגט אויס אייער

רבי מאיר בעל הנס פושקע

אונזער 3.5 מיליאן דאלער'דיגע

פסח חלוקה

איז אנגעוויזן אויף אייער

פושקע געלט!

איר קענט

אויסליידיגען אייער פושקע

אין דעם

צענטראלע לשכת הכולל

4802-A 12th AVENUE

יעדן טאג פון 10:00 ביז 5:30

אדער רופט פאר א פיק-אפ

718-633-7112

ווי אויך קענט איר אויסליידיגען אייער פושקע

24 שעה א טאג מיט א קרעדיט קארד

MasterCard VISA AMERICAN EXPRESS DISCOVER

דורך אריינרופן אונזער אויטאמאטישער סיסטעם: 718-633-7112

Zelle admin@chibasjerusalem.com

נוסד בשנת תק"צ
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת
על קבר רבי מאיר בעל הנס
קמחא דפסחא

צדקת רבי מאיר בעל הנס כולל חבת ירושלים

4802-A 12th AVENUE / 718-633-7112

מיר וואונטשען אלע אונזערע תומכים און כלל ישראל א חג כשר ושמח ואלקא דמאיר ענני


CENTER OF HEALTH. CENTER OF CARE.
Primary care
Urgent Care
Pediatric
OBGYN
Endocrinology
Gastroenterology
Optometry
Cardiology
Urology
Nephrology
Dermatology
Podiatry
Lyme
Mental Health
Pain Management
Physical Therapy
Healthy Lifestyle
friedcomedia.com
חג כשר ושמח
PARCARE
Community Health Network
WILLIAMSBURG
445 Park Avenue | 718.963.0800
Between Kent & Franklin Avenues
BORO PARK
4714 16th Avenue | 718.840.3535
Entrance on 48th St
KIRYAS YOEL
ParCare Rambam
Forest Cor Strelisk | 845.783.1234
BENSONHURST
ParCare Quality First
6010 Bay Parkway | 718.475.1700
WOODBOURNE
SUMMER LOCATION
ParCare Maimon
432 Rt 52 | 845.436.6666
MONTICELLO
SUMMER LOCATION
ParCare Ichud
240 Forestburgh Rd | 718.500.0369

נתייסד שנת תשע"ו

ללמד
LEARNING CENTER
בונים יסודות להצלחה

בהדרכת הרב מרדכי זאב רוקח שליט"א

718.943.8998
info@lelameid.com
www.lelameid.com

For Ages 8-21

ללמוד מה זה ללמד

- פאזיטיווע רעזולטאטן גאראנטירט ביז אכט וואכן
- אינדארסירט ביי די גרעסטע מנהלי המוסדות שליט"א
- An especially-tailored program for each student
- Progress tracking portal for every student

פאר מער פרטים רופט אדער אי-מעילט צו באקומען א Brochure

לשה"ק וארמית | הבנה | התנהגות | קריאה

Servicing The Brooklyn and Monsey Area

PROMOTION · ORGANIZER · PROMOTION
A beautiful kitchen is great.
A functional one is even better.
Get both, on us.
A kitchen is more than cabinets and counters, it's where life happens.
That's why, we're covering the cost of a professional organizer to keep yours effortless and beautiful.
Get your order in before Pesach to take advantage of this limited-time offer.
c kitchens™
Chaim Furth
718.971.1677 CALL OR TEXT
ckitchensny@gmail.com
71 S 11th Street
Brooklyn, NY 11249

ATTENTION NON-PROFITS
Drive funds.
Without breaking the bank.
Build your non-profit website for only $79/month
Your Branding
Your Mission
Dynamic Images
Enhanced Donation Options
UPGRADED OPTION AVAILABLE
simplefundraising SOLUTIONS
SIMPLEFUNDRAISING.ORG
INFO@SIMPLEFUNDRAISING.COM

THE MONROE FAMILY VILLA

MONROE, NY

Plan your next family gathering at the Monroe Family Villa. With **12 bedrooms, 11 bathrooms, a large family room and dining room** - our spacious retreat is where you want your memories made. Reserve your weekend for 40+ people starting at $4,999.

- 2 MINUTE WALK TO MINYAN AND MIKVAH
- ABOVE GROUND POOL
- HOT TUB
- PLAYGROUND
- OUTDOOR FURNITURE AND GRILL
- FIRE PIT

Now booking for summer 2025.

845-208-4979
845-799-2723
info@monroefamilyvilla.com
www.monroefamilyvilla.com

Virtual walkthrough of the Monroe Family Villa

dartmedia.us

WHERE WILL YOU SPEND YOUR SUMMER?

How about at your brand-new home in Monsey?

Buydown Options:
Save significantly on your mortgage payments for the first 2 years.

845.517.4732 Ext 7
sglick@sapphirevent.com

GARDEN
ESTATES

- PRIVATE ENTRANCES.
- SMART, EFFICIENT LAYOUTS.
- PREMIUM-QUALITY CONSTRUCTION.
- ENVELOPED BY LUSH GREENERY.
- BRIGHT, SPACIOUS WALKWAYS.
- FINISHED BASEMENTS AVAILABLE.

Have your dream home a reality just in time for the Summer!

- 4,000+ SQ FT 2.5 Acre
- More space in basement/ bonus room
- 7 minutes drive to KJ
- Close to Shul and Mikva

Ready to move in

For Sale
By Owner

Don’t miss this oppertunity! Reach out fast!

offices3838@gmail.com

914.432.2130

RUSH
ALWAYS
IN A RUSH
RUSH
RUBBISH REMOVAL
718-208-7933 | INFO@RUSHRUBBISH.COM | RUSHRUBBISH.COM
friedcomedia.com

בס"ד

dartmedia.us

היימישע פילאנטראפן און זייערע צדקות

א נאנטערער **אריינבליק אין די פארמעגנס, געשעפטן, ביאגראפיע** און **מעשי חסד** פון צענדליגער **היימישע מולטי-מיליאנערן** און **ביליאנערן**

שלמה קליין

וואו מיר גייען און וואו מיר שטייען זענען מיר ארומגענומען מיט ריזיגע בתי מדרשים, מוסדות התורה, און אומצאליגע וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס וועלכע זענען דא מיט'ן בלויזן ציל צו העלפן און צושטעלן די צרכים פונעם היימישן ציבור - וואס זענען אלע צושטאנד געקומען א דאנק די ווארעמע הערצער פון אונזערע געטרייע נדבנים, כל אחד בשמו הטוב יבורך.

זענט איר אמאל דורכגעפארן פארק עוועניו, פינפטע עוועניו, אדער וואל סטריט אין מאנהעטן? אויב יא האט איר זיכער באמערקט די גרויסע הויכע וואלקנקראצער, די גלאנציגע רעסטוראנטן, די לוקסוריעזע "לימאזינס" מיט די אפענע דעכער, און נאך הבלי עולם הזה וואס דער גוי פארשוועדט אויף שוואוילטאג. להבדיל, א גאס אין די היימישע געגנטער שרייט פון יעדן ווינקל ארויס דער ריזיגער אונטערשייד, און די דערהויבנקייט פון דעם אידישן לעבן וואס דרייט זיך ארום תורה און מצוות. און דאס איז אין גרויס טייל צו פארדאנקען אונזערע נדבנים וואס זייער געלט איז בלויז א מיטל צו פארמערן כבוד שמים.

די טיפע השפעה וואס היימישע נגידים האבן אויף אונזער לעבן איז אומבאגרייפליך. עס איז ממש נישט מעגליך צו באשרייבן אין ראם פון א קורצן ארטיקל וויפיל מיר געניסן פון דער גוטהארציגקייט פון די בעלי צדקה. אבער פרובירט נאר אריינצוטראכטן פאר איין מינוט וויאזוי וואלט אויסגעזען אייער לאקאלע בית המדרש און מוסדות ווען נישט די הילף פון ברייטהארציגע נדבנים...

די פארמעגליכע אידן ביי אונזער ציבור זענען א חידוש נישט בלויז אין אונזערע אויגן, נאר אפילו אין דער אלגעמיינער גאס קען מען נישט פארשטיין וויאזוי מענטשן וועלכע האבן שווער געארבעט פאר זייער געלט עפענען זיך די טאשן און לאזן זיך קאסטן שווערע מיליאנען פאר אלע ערליי צוועקן און נויטבאדערפטיגע - אפט מאל מענטשן וואס זיי קענען אפילו נישט. אבער ביי אונז איז גאר פשוט אז דער אויבערשטער גיבט נישט קיין עשירות דאס צו פארשוועדן אויף שטותים, נאר כדי צו טון גוטס און צו זיין א שליח פון הימל צו דערפרייען אנדערע אידן. מ'דארף נישט קוקן צו ווייט: בלויז אין די לעצטערע וואכן בעפאר דעם יעצטיגן יום טוב פסח האבן אידן זיך געלאזט קאסטן צענדליגער מיליאנען דאלארן, כדי קיין שום איד איבער דער וועלט זאל נישט צוקומען צו א מצב אז ער האט ח"ו נישט וואס צו עסן אדער אנטון אויף יום טוב.

אין דעם ארטיקל וועלן מיר כאפן א בליק אויף א רייע באקאנטע נדבנים וועלכע לאזן זיך קאסטן שווערע געלטער פאר צדקה יעדן יאר. אין זייער זכות זענען פארהאן טויזנטער אלמנות וועלכע ווייגען נישט ווען עס קומט צו צאלן רענט; טויזנטער יונגעלייט וועלכע קענען זיצן און לערנען על מי מנוחות; הונדערטער טויזנטער תשב"ר וועלכע האבן א דאך איבער'ן קאפ און געטרייע מלמדים; טויזנטער חתנים און כלות וועלכע ווייסן אפילו נישט וויאזוי זייער חתונה איז באצאלט געווארן; הונדערטער ארגאניזאציעס פון וועלכע מיר אלע געניסן; און די ליסטע איז נאך ווייט פון פארטיג.

עס איז וויכטיג צו באמערקן אז די נעמען וואס ווערן דערמאנט אינעם ארטיקל זענען בלויז א קליינע צאל פון נאך הונדערטער גרויסע בעלי צדקה וועלכע ווערן נישט דערמאנט. אונזער ציל איז נישט צו שאצן ווער עס איז רייכער, אדער ווער עס גיבט מער, ווייל באמת האבן אלע בעלי צדקה דעם זעלבן ציל. אזוי אויך איז דער סדר וויאזוי די נעמען ווערן אויסגערעכנט בלויז א צופאל, און לייגט נישט איינעם העכער פונעם צווייטן. מיר ברענגען בלויז ארויס די גרויסע זכותים פון אידן וועלכע האבן שכל וויאזוי צו נוצן דאס געלט וואס דער אויבערשטער האט זיי געשאנקען, אלס א שליחות צו העלפן אנדערע און מרבה זיין כבוד שמים. זאל דער זכות זיי ביישטיין אינאיינעם מיט אלע נדיבי לב.

הר"ר אליעזר קעסטנבוים שליט"א
וויליאמסבורג

הר"ר אליעזר קעסטנבוים שליט"א איז פון די גאר באקאנטע בעלי צדקה אין וויליאמסבורג, וועמענ'ס נאמען גייט צוזאמען מיט יעדן דבר שבקדושה – פון ריזיגע בנינים ביז כוללים, זאַלן, ארויסגעבן ספרים, און נאך אומצאליגע צדקה פראיעקטן. זיין פארמעגן קומט הויפטזעכליך פון ריעל עסטעיט אינוועסטירונגען, און די באקאנטע ODA העלט-קעיר צענטערן אין וויליאמסבורג וועלכע זיין טאטע, הרה"ח ר' צבי ז"ל, האט געבויעט.

ר' אליעזר פארמאגט אן אייגנארטיגן צוגאנג ביים פארטיילן צדקות, מיטן גרינדן סיסטעמען וועלכע העלפן אסאך מענטשן אויפאמאל. איין ביישפיל איז דאס ארייננגיסן מיליאנען דאלארן אין אויפבויען עטליכע פראכטפולע חתונה זאלן מיט ספעציעלע תקנות, וועלכע שניידן דראסטיש די קאסטן פון חתונות פאר הונדערטער משפחות יעדן יאר. אזוי שפּאָרט ער איין מענטשן פון דארפן בעטן, און העלפט זיי אויף א מכובד'יגן אופן.

ר' אליעזר איז געווען א נאנטער מקורב צו כ"ק אדמו"ר בעל ברך משה מ'סאטמאר זצ"ל, און ווי א געטרייער סאטמארער חסיד האט ער שטענדיג געגעבן זיין הארץ און נשמה פאר אלע סאטמארער פראיעקטן. ער איז געווען פון די ערשטע וועלכע האבן געהאלפן ביים אויפבויען שכונת "קרית ויואל משה" אין ירושלים, און אויך שפעטער ביי פארשידענע אנדערע סאטמארער בנינים און מוסדות איבער דער וועלט.

טראץ זיין שטארקער צוגעבינדנקייט צו דער סאטמארער קהלה און מוסדות, פארטיילט ר' אליעזר געוואלדיגע סכומים פאר מוסדות התורה פון אלע שיכטן און קרייזן, און שווערע טויזנטער איבער דער וועלט האבן שוין גענאסן פון זיין ברייטע הארץ.

אן אינטעגראלער טייל פון ר' אליעזר'ס לעבן איז זיין ריזיגע כולל נעץ "דמשק אליעזר". זייענדיג זעלבסט א גרויסער תלמיד חכם און יודע ספר וואס פארברענגט שעות אין בית המדרש יעדן טאג, פארשטייט ער די וויכטיגקייט פון שטיצן לומדי תורה. ער האלט אויף א צאל כוללים אין וויליאמסבורג, קרית יואל, און ירושלים, וואו הונדערטער יונגעלייט זיצן און לערנען מיט התמדה.

ר' אליעזר איז אויך באקאנט מיט זיין ליבשאפט צו ספרים. ער האט שוין ארויסגעגעבן צענדליגער ספרים מיט גאר רייכע תוכן, וועלכע זענען געווארן פאפולער אין אלע ישיבות און בתי מדרשים. איבערהויפט די "דמשק אליעזר" סעריע. די ספרים זענען נישט בלויז נאך א צדקה פראיעקט, נאר א רעזולטאט פון זיין אייגענער ליבשאפט צו תורה און זיין רצון צו פארשפרייטן די רייד פון דער תורה צו נאך אידן.

מוה"ר בנציון פרישוואסער הי"ו
לאנדאן

ר' בנציון פרישוואסער איז פון די גרעסטע גבירים אין לאנדאן – א איד וואס זיין נאמען ווערט דערמאנט מיט רעספעקט אין דער גאנצער אידישער וועלט. זיין פארמעגן, וואס ווערט געשאצט אויף ארום פינף ביליאן דאלער(!), מאכט אים אלס איינער פון די רייכסטע חרד'ישע אידן איבער דער גארער וועלט. אבער פון וואו קומט אזא עשירות?

ר' בנציון שטאמט פון א מיוחס'דיגער משפחה, אן אייניקל פונעם הייליגן קדושת ציון פון באבוב זצ"ל הי"ד. די יסודות פון דער משפחה'ס עשירות זענען געלייגט געווארן דורך זיין פאטער רבי יהושע ז"ל, וועלכער איז אנגעקומען קיין לאנדאן בעפאר דער צווייטער וועלט-קריג. ער האט ליידער פארלוירן זיין גאנצע משפחה דורכאויס דער ביטערער מלחמה, און נאך דער קריג האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט א טאכטער פונעם קדושת ציון.

ר' בנציון האט ווייטער אויסגעברייטערט די פאמיליע ביזנעס וואס זיין טאטע האט געבויט, צוזאמען מיט זיין יונגערן ברודער ר' שלמה ישראל, מיט וועמען ער ארבעט האנט-ביי-האנט. היינט-צוטאגס פירט ר' בנציון א גרויס טייל פון די געשעפטן, הויפטזעכליך ריעל עסטעיט און אנדערע אינוועסטירונגען, בשעת זיין ברודער איז פארנומען מיט תורה'דיגע און קהל'ס אנגעלעגנהייטן, דינענדיג אלס רב פון דער סאסוב'ער קהילה אין לאנדאן און אלס ראש ישיבה פון דער חסיד'ישער ישיבה "חיי עולם".

די פרישוואסער ברידער זענען באקאנט פאר זייער "קבלת קהל". יעדן זונטאג שטייען ארום פיר הונדערט משולחים אויסגע'שורה'ט פארנט פון זייער באשיידענעם הויז אין דעם "גאלדערס גרין" געגנט אין לאנדאן. צומאל ווערן די רייעס זיך ציען ביז די פריע פארטאגס שטונדן. מענטשן קומען און גייען, יעדער מיט זיין צוועק, און קיינער גייט נישט אוועק מיט ליידיגע הענט. אסטראנאמישע סומעס ווערן פארטיילט אין געציילטע שטונדן, און אזוי גייט עס שוין אן פאר לאנגע יארן.

ר' בנציון האט געהאט א באזונדערע נאנטשאפט צו זיין פעטער, כ"ק אדמו"ר מ'באבוב זצ"ל (מהר"ש), און פלעגט אסאך פארן קיין בארא פארק זיך מסתופף צו זיין בצלו. דער דערהויבענער גייסט פון באבוב האט זיכער איבערגעלאזט זיין רושם אויף ר' בנציונ'ס אייגענער נשמה, ווייל ווען עס קומט צו צדקה און חסד איז ער פון די גרעסטע נדיבים.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז טראץ זייער ריזיגן פארמעגן, לעבן די פרישוואסער ברידער זייער פשוט, אן קיין גרויסע הייזער אדער רייכע אויטאס. זייער צדקה נעמט אריין אלעס: פון שטיצן מוסדות התורה איבער דער וועלט, בויען שולן און מקוואות, ביז הילף פאר חתן-כלה און חולי ישראל.

הר"ר אליעזר קעסטנבוים מיט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

מוה"ר בנציון פרישוואסער מיט כ"ק אדמו"ר מבאבוב-45 שליט"א

כנפי בגדיהם לדורותם...

משכן התכלת

בהשגחת הבד"ץ
העדה החרדית
ירושלם

DISTRIBUTED BY:
AMJudaica

באזונדער ווערט זייער נאמען דערמאנט אין באצוג צו דעם "מעייני הישועה" שפיטאל אין בני ברק, וואס ווערט גערופן נאך זייער פאטער.

מוה"ר משה שמואל גאלדשטיין הי"ו
מאנסי

ר' משה שמואל גאלדשטיין פון מאנסי האט אנגעהויבן זיין ביזנעס קאריערע אלס א פשוט'ער ארבעטער אין דעם אייקאנישן B&H פאטא געשעפט, און מיט די יארן ארויפגעקלעטערט דעם לייטער, ביז ער איז געווארן א שותף מיט'ן אייגנטימער ר' הערשל שרייבער. אינאיינעם האבן זיי פארוואנדלט דאס געשעפט אין א ריזיגער אימפעריע וועלכע שטייט מיט שטאלץ צווישן די מאנהעטן וואלקנקראצער, און ציט שווערע טויזנטער קליענטן פון איבער'ן גאנצן לאנד, דרייענדיג איבער א ביליאן דאלאר אין סעילס יעדן יאר! אין צוגאב צו גאר אסאך ריעל עסטעיט.

דאס בארימטע B&H געשעפט זאגט עדות איבער אירע בעלי בתים. טראץ וואס זיי וואלטן געקענט פארדינען מיליאנען אויב זיי וואלטן אפן געלאזט זייער אנליין געשעפט אום שבת און יום טוב, זענען די צוויי שותפים אנטשלאסן צו האלטן פארמאכט זייער געשעפט גאנץ שבת, יום טוב, און אפילו חול המועד! א קליענט וואס וועט באזוכן דעם אנליין געשעפט דורכאויס שבתים און ימים טובים וועט זיין באשטעלונג נאר אנגענומען און באהאנדלט ווערן נאך שבת און יום טוב.

דער שארפער קאנטראסט צווישן ר' משה שמואל'ס פינאנציעלע מעגליכקייטן און זיין פשוט'ן לעבנסשטייגער איז ווערד צו באטראכטן. טראץ זיין הויכן שטאנד אין דער ביזנעס וועלט, לעבט ער ווי אן עכטער פארצייטישער חסיד'ישער איד, ווייט אוועק פון אלע סארטן לוקסוס און מאדערנקייטן.

היינט זענען מיר געוואוינט צו זען מענטשן מיט פיל ווייניגער געלט וועלכע ווערן אינגאנצן איבערגענומען פון זייערע עשירות, אבער ביי ר' משה שמואל איז ענגצליך א פארקערטע מעשה. יעדן יאר ווען ר' משה שמואל מוז פארן קיין לאס-וועגאס מיט זיינע ארבעטער פאר ביזנעס צוועקן – א פלאץ וואס פארקויפט נישט מער ווי נידריגע עולם הזה – בלייבט ער מיט זיין חסיד'ישן לבוש און כאראקטער פונקט ווי ער וואלט געווען אין וויליאמסבורג. היות עס קומען דארט נאך א צאל היימישע ביזנעסלייט, ברענגט ער מיט א היימישן קעכער מיט א שטרענגער השגחה וואס קאכט אפ די מאלצייטן פאר'ן ציבור. ר' משה שמואל פארפיגט זעלבסט אויף דער אונטערנעמונג פון צושטעלן עסן, און מאכט זיכער אז יעדער עסט צו דער זעט.

און דאס איז דאך נישט קיין סוד אז נאנט צו טויזנט היימישע פאמיליעס לעבן אויף דעם געהאלט וואס זיי פארדינען פון ר' משה שמואל, אין דער B&H פירמע. ווי אויך האלט ער אויס א צאל תלמידי חכמים און זארגט זיך פאר אלע זייערע געברויכן. ער צאלט זיי אויס גראסערי ארדערס, שכר לימוד, און אפילו שמחות. אלעס גייט דורך דער ברייטהארציגער B&H קאסע, אן דעם וואס מענטשן זאלן מיטהאלטן און וויסן.

אבער דא קומט די איבערראשונג: טראץ זיין אייגענע עשירות, גייט ער אליין ארום יעדע נאכט נאך געלט פאר אנדערע אידן! עס הערט זיך אומגלויבליך, אבער יעדער קען מיטהאלטן ווי ר' משה שמואל גייט ארום ביי חתונות און אנדערע געלעגנהייטן פון איין איד צום צווייטן, און בעט געלט פאר צדקה. מיט א געוואלדיגער איבערצייגונגס-קראפט לאזט ער קיינעם נישט זיך ארויסדרייען מיט תירוצים, און אזוי שטעלט ער צוזאם שיינע סכומים.

ר' משה שמואל איז אויך באקאנט מיט זיין "מעטשינג" סטראטעגיע; פאר געוויסע צדקה צוועקן זאגט ער צו צו געבן די זעלבע סומע וואס קומט אריין פון אנדערע. ווען ער וויל מחייב זיין א פריוואטן נגיד צו געבן א גרעסערע נתינה, וועט ער אים אנבאטן אז ער וועט "מעטשן" זיין סכום. דאס האט א געוואלדיגע השפעה אויף וויפיל מענטשן געבן, וויסנדיג אז יעדער דאלאר ווערט געדאפלט.

הגה"צ רבי יצחק ארי' ווייס שליט"א
מאנטשעסטער

כ"ק אדמו"ר מהארעדענקא שליט"א איז א פערזענליכקייט וואס פארמאגט א זעלטענע קאמבינאציע פון תורה וגדולה במקום אחד. אין דער וועלט פון הוראה און פסק הלכה שיינט זיין נאמען פון מאנטשעסטער ביז צו די הייליגע גאסן פון ירושלים, וואו ער דינט אלס דיין און מורה צדק אין דער עדה החרדית. יעדע קאמפליצירטע שאלה ווערט אויטאמאטיש אריבערגעפירט צום רב מיט א טעלעפאן רוף, און ער ענטפערט אויף אלעם מיט א קלארקייט.

דער רב שליט"א שטאמט פון א גאונ'ישער דינאסטיע. ער איז א זון פון הגאון האדיר רבי פנחס ווייס זצ"ל, און א ברודער פון הגאון רבי חיים יוסף דוד ווייס שליט"א סאטמארער דיין אין אנטווערפן. ביזן היינטיגן טאג קען זיך דער רב שליט"א נישט אפרייסן פון די באליבטע בלעטער גמרא, און קוים וואס ער גיבט זיך אפ מיט זיינע געשעפטן. עס איז אן אפטע ערשיינונג אז דער רב ווערט פארשוואונדן פאר עטליכע טעג, זיך ארויינזעצנדיג אין א קליין בית המדרש וואו ער הארעוועט אכצן שעה נאכאנאנד מיט א געוואלדיגן אהבת התורה.

פאר'ן רב שליט"א איז געלט בלויז א מיטל צו העלפן אנדערע אידן. צענדליגער מיליאנען דאלארן ווערן יערליך פארטיילט פאר פארשידענע צדקה צוועקן, און טויזנטער בני תורה און ארימע פאמיליעס ווערן אויסגעהאלטן דורך זיינע צדקות אן דעם וואס דער רב זאל נעמען קרעדיט פאר זיינע מעשים

די הויפטקווארטירן פון בי. ענד עיטש. פאטא אין מאנהעטן



הגה"צ רבי יצחק ארי' ווייס שליט"א מיט כ"ק אדמו"ר מוויזניץ שליט"א

PERLMAN PRODUCTIONS PRESENTS
אידא דארץ ישראל
חסידישע פארבריינג
3
ר׳ וועלוועל פעלדמאן
שירה
MUSIC MADE VOCAL™
Shea Kaller
ספעציעלע גאסט פון ארץ ישראל
אברהם בלטי
מיטוואך, ב׳ דחוה"מ פסח תשפ"ה | באולם הגדול בעלזא | 1240 37TH STREET
FOR MEN ONLY
PERLMANPRODUCTIONS.COM | 845.422.5200
EVENT SPONSORS
BROOKLYN SQUARE
EVENT SQUARE
Ctrue
Care with a true vision™
hoopla!
fingercheck
GOLDEN Taste
Swift Staffing
גאלד
clickandmarket.com

INQUIRIES **WHATSAPP** 718-704-0057 - **EMAIL** SALES@MAJESTICTZFAT.COM - MAJESTICTZFAT.COM

HERE, THERE IS *Majesty* TO CALL YOUR OWN

ptex group ✕ Majestic at Tzfat

CONSTRUCTION IS OFFICIALLY UNDER WAY · NOW SELLING PHASE 2 RESIDENCES

טובים.

נישט ווייט פון מאנטשעסטער האט דער רב אויפגעשטעלט די באקאנטע קימפעטארן היים אין "חאלדודנה", וואו יעדע אידישע קימפעטארין אין ענגלאנד קען גיין זיך אפרוען און קומען צו די כוחות, פאר פולע צוויי וואכן געצליך אומזיסט.

אויך האט ער איינגעשטעלט א סיסטעם וואס פארטיילט קארטלעך פאר נויטבאדערפיגע פאמיליעס אין ארץ ישראל, מיט וואס די משפחות קענען ארייגגיין אין געשעפט און איינקויפן א גאנץ יאר. טייל דערפון ווערט געדעקט פון לאקאלע קהילות און דאס איבריגע ווערט געדעקט פון זיין טאש.

אבער זיין נאמען וועט מען נישט טרעפן אויף קיין שום געביידע, נישט קיין מזל טוב אדער באגריסונגען אין צייטונגען, אא"וו. ווייל אלס איינער וואס לעבט מיט א העכערן ציל, ווייסט ער אז דאס אלעס טראגט נישט קיין ווערד.

דער רב שליט"א איז באשאנקען געווארן מיט אן אויסערגעווענליכן גאונות וואס העלפט אים אויך ארויס אין דער ביזנעס וועלט. אבער קיין שום געלט אין דער וועלט וועט נישט קענען טוישן דעם רב'ס איידעלן כאראקטער און ליבשאפט וואס ער ווייזט ארויס פאר יעדן איד און משולח.

האחים ר' שלמה יהודה און ר' ישראל זאב רעכניץ
לאס אנדזשעלעס

ווען מען רעדט פון גרויסע בעלי צדקה און פילאנטראפן, איז עס ביי דעם רעכניץ צווילינג אין יעדן זין פון ווארט. ר' שלמה יהודה און ר' ישראל זאב זענען אידענטישע צווילינג ברידער, און זענען אויך אידענטיש ווען עס קומט צו זייערע ווארעמע הערצער ארויסצוהעלפן אנדערע אידן.

מיט נאנט צו דרייסיג יאר צוריק זענען די ברידער אויפגעקומען מיט אן אייגנארטיגן וועג פון צושטעלן מעדיצינישע געצייגן און צוגעהער פאר שפיטעלער און נוירסינג היימען אויף א שנעלן, ביליגן און ווירקזאמען פארנעם, און אזוי ארום איז זייער – שוין היינט וועלט בארימטע – TwinMed פירמע אויסגעוואקסן אלס איינע פון די גרעסטע מעדיצינישע סופלייערס אין אמעריקע.

ר' ישראל זאב פירט אן מיט דער ביזנעס, בשעת ר' שלמה יהודה איז דער באקאנטער פנים ביי אידישע פארזאמלונגען און פירט אן מיט די ריזיגע צדקה אפאראטן. דאס איז די סיבה פארוואס מען הערט מער פון ר' שלמה יהודה, אבער דער צווילינג שיידט זיך קיינמאל נישט; זיי טוען געשעפטן אינאיינעם און טיילן די אסטראנאמישע צדקות צוזאמען.

מיט א פארמעגן געשאצט אויף העכער א ביליאן דאלער, קענען די צווילינג זיך ערלויבן צו לעבן ווי קעניגן. אבער וואס ערשטוינט יעדן איינעם איז זייער אויסערגעווענליכע איינגעהאלטנקייט. זיי וואוינען אין געווענליכע, באשיידענע הייזער אין דעם חרד'ישן געגנט פון לאס אנדזשעלעס, און קיין שום איבערגעטריבענע לוקסוס.

זייער צדקה-אפאראט איז פשוט אטעם-פארכאפנד. דער "קרן שלמה ותמר רעכניץ" שטיצט איבער עלף-הונדערט מוסדות און ארגאניזאציעס פון אלע שיכטן און קרייזן.

דער פאפיר איז צו קורץ צו באשרייבן אלע צדקות פון די ברידער. עס איז באקאנט אז זיי האבן בייגעשטייערט עטליכע געביידעס פאר ישיבת מיר אין ירושלים, אין צוגאב צו א נתינה פון פינף מיליאן דאלער. אזוי אויך איז זייער טאש אפן פאר סיי וועלכן צוועק, א שטייגער ווי ווען זיי האבן זיך געלאזט קאסטן א מיליאן דאלער צוריקצובויען מוסדות התורה אין ניו יארק נאך הארריקעין סענדי.

יעדן מוצאי שבת זיצט ר' שלמה יהודה אין זיין היים מיט א טשעק-בוך אין האנט, ווען א לאנגע ליניע פון משולחים און נצרכים ווארטן ביי זיין טיר. ער הערט אויס יעדנ'ס צוועק מיט אן אפן הארץ און אויער, און דאן שרייבט ער טשעקלעך מיט געוואלדיגע סכומים.

וואס שטארט באזונדער ארויס ביי די רעכניץ ברידער, איז אז זיי געבן נישט בלויז מיט דער האנט, נאר מיט'ן גאנצן הארץ. ווען זיי געבן א נדבה פאר א איד ווערן זיי ווי נאנטע חברים מיט דעם נצרך, און האבן אלעמאל א ווערטל אויף די ליפן צו פארגרינגערן א צווייטנ'ס מצב.

הגה"ח ר' אליש ענגלענדער שליט"א
לאנדאן

דער בארימטער נגיד און איש החסד רבי אליהו ענגלענדער שליט"א - בעסער באקאנט אלס ר' אליש, איז פון די מערסט באקאנטע בעלי צדקה וועלכער פארפיגט איבער א ריזן צדקה אפאראט.

זיין פארמעגן ווערט געשאצט צו שטיין ביי דער גיגאנטישער סומע פון א ביליאן פונט, אבער קיינער וואלט עס נישט געגליבט פון בלויז זען זיין פשוט'ע אויפפירונג, זיין באשיידענעם לבוש און הדרת פנים.

די ענגלענדער משפחה זענען וועלט-בארימט אלס גרויסע שטיצער פון אלע מוסדות התורה, און א רייע בתי מדרשים און ישיבות אין לאנדאן און איבער דער וועלט וואלטן ווארשיינליך נישט געקענט עקזיסטירן אן זייער כסדר'דיגער שטיצע.

טראץ זיין הויכן עלטער וואס דערגרייכט שוין איבער די שמונים עמו"ש,

האחים ר' שלמה יהודה און ר' ישראל זאב רעכניץ

הגה"ח ר' אליש ענגלענדער

LOS ANGELES · LAKEWOOD · BROOKLYN · AMERICAN DREAM MALL* · FIVE TOWNS*

One bite and you are hooked.

FISH™ GRILL
simply the freshest
· EST. LOS ANGELES 1986 ·

FAMOUS FOR OUR FISH AND EVERYTHING ELSE.

FISHGRILL.COM

SCAN TO ORDER ONLINE

*NEW LOCATION COMING SOON

סוקסעס!

ENROLLMENT NOW OPEN

THE
REAL ESTATE
ACADEMY

LED BY
MOSHE SHERIZEN

▶ Preview Online

THE
GUITAR ACADEMY

LED BY
NACHMEN DREYER

▶ Preview Online

THE
PHOTOGRAPHY
PORTRAIT AND PRODUCT TRACKS
ACADEMIES

LED BY
HUDI GREENBERGER

▶ Preview Online

דעת אקעדעמיע, די וועגווייזער פאר א סוקסעספולע קאריערע אין ביזנעס.
לערן פון פראפעסיאנאלן, אויף דיין אייגענע וועג. זיי א מוצלח.

רופט אדער טעקסט 718.400.9877

דעת DAASS

WWW.DAASS.COM

Getzy | With Heart

INTERIOR DESIGN

AND ARCHITECTURAL DESIGN

ACADEMY

LED BY

YOSSI·G

CREATIVE VISIONARY. THE YOSSI-G TEAM

YossiG is a premier design firm renowned for transforming luxury homes and high-end spaces.

To YossiG - it's not just about designing spaces - but creating exceptional spaces that tell a story.

Gain exclusive access to the expertise behind YossiG and learn the principles of extraordinary design, from concept to completion.

DESIGN · SPACE PLANNING · ARCHITECTURE · BUSINESS

DAASS

Submit your application to join the waitlist

זעצט ר' אליש פאר מיט זיין אויסטערלישער געטריישאפט צו כלל ישראל, איבערצייגנדיג אז דאס גדלות פון א איד ווערט נישט געמאסטן לויט זיין באלאנס אין באנק קאנטע, נאר מיט זיין תורה, עבודה און גמילות חסדים.

ר' אליש האט אן איינגעשטעלטן סדר ביים צדקה געבן: אדמו"רים זענען בארעכטיגט צו באקומען צענדליגער טויזנטער דאלארן, ראשי ישיבות און רבנים באקומען באדייטנדע סכומים פון טויזנטער דאלארן, און גבאי צדקה און משולחים גייען אהיים מיט שיינע סומעס אין די הונדערטער. יעדן מיטוואך, אן אויסנאם, עפנט ר' אליש די טירן פון זיין היים, ווען הונדערטער עסקנים און משולחים פון איבער דער וועלט שטייען אין א רייע, ווארטנדיג צו געניסן פון זיין ברייטהארציגקייט. דאס איז סיידן וואס ר' אליש טיילט אויך צדקות אין ביהמ"ד נאכ'ן דאווענען.

אלס א דורכגעווייקטער חסיד'ישער איד, איז ר' אליש א געטרייער חסיד פון בעלזא-מאכנובקא רבי'ן שליט"א, אבער זיין הארץ איז אפן פאר יעדן ערליכן איד און זיין הויז שטייט אלץ אפן פאר גדולי ישראל וועלכע באזוכן די בריטישע הויפטשטאט. ספעציעל איז ר' אליש באקאנט מיט זיין ברייטער שטיצע פאר דעם פשעווארסקער הויף אין אנטווערפן, און געניסט פון א שטארקער קירבה ביים רבי'ן שליט"א.

ר' אליש'ס שווער, דער באקאנטער סאטמארער פילאנטראפ ובעל צדקה הרה"ח ר' געציל בערגער ז"ל, איז געווען א פיאנער אין אויפבויען די חסיד'ישע קהילה אין לאנדאן, און האט געהאלפן זיין איידעם אנהויבן זיין גרויסע ביזנעס.

אן אינטערעסאנטע לעגענדע ווערט דערציילט אויף ר' אליש, אז פאר צענדליגער יארן צוריק האבן די בענק אין לאנדאן זייער לייכט געגעבן מארטגעדזשעס צו קויפן הייזער, און ר' אליש האט געוואוסט אויסצוניצן די געלעגנהייט, דאן ווען די פרייזן זענען געווען א וויץ, איינצוקויפן נאך און נאך הייזקעלעך... היינט איז די "ענגלארד גרופ" א מעכטיגער פינאנציעלער נעטווארק וואס פארמאגט הויפטזעכליך ריעל עסטעיט, אין צוגאב צו א קייט פון גאז סטאנציעס איבער דעם גאנצן לאנד.

טראץ זיינע פארצווייגטע געשעפטן, גיבט ר' אליש שטענדיג אוועק צייט פאר לימוד התורה, פארברענגענדיג שעות ביי דער גמרא. איבער אלעם שטארצט ארויס זיין פשטות און גוט הארץ, ווען מ'קען אים אפטמאל טרעפן גיין נאך געלט פאר אנדערע נויטבאדערפטיגע אידן!

הר"ר יואל לאנדא שליט"א

וויליאמסבורג

ר' יואל לאנדא איז אין די לעצטערע יארן באקאנט געווארן איבער דער גאנצער היימישער וועלט אלס א חידוש'פולער פילאנטראפ וואס איז זעלטן צו טרעפן. די אסטראנאמישע ציפערן וואס ער פארטיילט פאר צדקה איז א חידוש אין דער וועלט פון פילאנטראפיע, און לאזט זיך ממש נישט גלייבן. אבער זיין גרויס פארמעגן איז בלויז א מיטל צו העלפן ווי מער אידן.

ר' יואל'ס מח ארבעט פיבערהאפטיג פון אינדערפרי ביז בייַנאכט אויפצוקומען מיט נאך און נאך געדאנקען צו העלפן ווי מער אידן. אנגעהויבן פון גיגאנטישע חלוקות אין וויליאמסבורג אין ווערד פון פינף מיליאן דאלער אין לויף פון די לעצטע פאר יאר, ביז שווערע מיליאנען פאר אלמנות און יתומים, ביליגע חתונה זאלן, כוללים, בתי מדרשים, אויפוואכונגען איבער קדושת בית המדרש און פירוש המילות פון דאווענען פאר קינדער, און אזוי ווייטער און ווייטער אן אפשטעל.

ר' יואל איז א רעלאטיוו - וואס מ'וואלט אנגערופן - "יונגער עושר", אבער זיינע שטוינענדע צדקות און חידוש'פולע רעוואלוציעס שאקלען וועלטן. ר' יואל איז געבענטש געווארן מיט א ברילאנטענעם מח און ווארעם הארץ וואס שטופט אים צו טון ווי מער חסד טאג און נאכט. ער וועט זיך נישט אפשטעלן מיט בלויז געבן געלט פאר א צוועק, נאר וועט אויסצאלן גאנצע פראיעקטן, אדער אוועקשטעלן סיסטעמען פאר נצרכים כדי זיי זאלן נישט דארפן צוריקקומען צו אים.

ר' יואל האט אנגעהויבן זיין קאריערע מיט עטליכע געלונגענע ריעל עסטעיט געשעפטן, הויפטזעכליך ווען ער האט געשלאסן א דיעל ביים קויפן די נאכגעלאזטע "קעבס נורסינג-היים" אין "בעדפארד סטייוועסענט", און פארוואנדלט דעם שטח אין א מולטי-מיליאן דאלערדיגער וואוינונג-געביידע.

פון דארט און ווייטער האט ער געגרינדעט עטליכע ריזיגע "נורסינג היימען" פירמעס וועלכע פארמאגן טויזנטער ארבעטער. ער שטייט אין שפיץ פון "די אלור גרופ" וועלכע ספעציאליזירט זיך אין איבערנעמען און אויפארבעטן נוירסינג היימען וועלכע זענען אין געפאר פון זיך פארשליסן.

טראץ וואס ער איז פון די גרעסטע עשירים צווישן אידן, וועט ער יעדן יאר פורים פערזענליך באזוכן די הייזער פון אלמנות און צעבראכענע אידן און זיי פערזענליך משמח זיין, און פארשטייט זיך - איבערלאזן א פעטן טשעק.

סיידן זיין ביזנעס קאריערע איז ר' יואל א דורכגעווייקטער חסיד'ישער איד און א בן תורה. ווי אויך האט ער א באזונדערע געפיל פאר כבוד ביהמ"ד, וואס שטארצט ארויס מיט די אויפטוען פון "קרן תוספות יום טוב" אויף מערערע פראנטן. איבערהויפט זיין אינטערנאציאנאלער "נקדישך" גליון וואס האט שוין מחזק געווען טויזנטער אידן איבער דער וועלט זיך פארצונעמען נישט צו רעדן ביים דאווענען.

אויך בויט ער אצינד א גראנדיעזן מאיעסטעטישן ביהמ"ד און מקוה אין ניי-וויליאמסבורג, אין וואס ער האט שוין אינוועסטירט איבער פערציג מיליאן

הר"ר יואל לאנדא אין א טאנץ מיט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

האחים ר' דוד לייבוש און ר' אברהם בער יאקאבאוויטש

דאלער, עס אהערצושטעלן מיט דער שענסטער פראכט ווי עס פאסט זיך פאר'ן באשעפער'ס הויז.

איבערהויפט האט ר' יואל אריינגעברענגט א רעוואלוציע מיט דער מערסט פאפולערער קינדער אויסגאבע אויף אידיש, "שטענדערל", וואס ווערט געליינט דורך צענדליגער טויזנטער קינדער איבער דער וועלט. איבער פערציג טויזנט קינדער האבן זיך שוין איינגעשריבן אלס "עובדים" וועלכע האבן איינזינען פירוש המילות און דאווענען ווי עס דארף צו זיין, און געניסן פון א רייע פראגראמען און גורלות.

באזונדער האט ר' יואל אונטערגענומען א פרישן פראיעקט פון אריינברענגען אין קינדער א געשמאק אין דער מצוה פון "כיבוד אב ואם". א קינד וואס נעמט זיך אונטער צו מקיים זיין און זיך פארבעסערן אין דער גרויסער מצוה פון כיבוד אב ואם באקומט דעם טיטל א "בן מלך", און געניסט פון רייכע פראגראמען.

האחים ר' דוד לייבוש און ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו

וויליאמסבורג

די יאקאבאוויטש ברידער פון וויליאמסבורג זענען ברייט באקאנט מיט זייערע גרויסארטיגע צדקות פאר אלע סארטן צוועקן, איבערהויפט מיט די פראכטפולע סטאמארער בתי מדרשים וואס זיי האבן מנדב געווען אין וויליאמסבורג, קרית יואל, און בלומינגראוו, לע"נ זייער פאטער ר' יעקב נחמי' יאקאבאוויטש ז"ל. צווישן די "בניני יאקאבאוויטש" אין וויליאמסבורג ציילט זיך דער ליע גארדענס ביהמ"ד, א פולשטענדיגע רענאוואציע אויף דעם קליימער ביהמ"ד, און דער פראכטפולער ביהמ"ד אויף מוירטל עוועניו. אזוי אויך א הערליכער בית המדרש אין בלומינגראוו.

די יאקאבאוויטש ברידער האבן געי'רשנ'ט א גרויס פארמעגן פון זייער פאטער ר' יעקב נחמי', וועלכער האט פארמאגט א גרויסע טעקסטיל פאבריק אין ניו יארק וואו מ'האט פראדוצירט סחורה אין ווערד פון מיליאנען דאלארן פאר גרויסארטיגע אמעריקאנער פירמעס. ווען ער איז נפטר געווארן האבן די צוויי עלטסטע ברידער געי'רש'נט זיין גרויס פארמעגן, און אויך זיין ברייט הארץ וואס איז געווען אפן פאר יעדן צעבראכענעם איד און צדקה צוועק. זיי האבן אינוועסטירט דאס געלט אין ריעל עסטעיט אינעם וויליאמסבורגער אומגעגנט און אין מאנהעטן, און פון דארט איז זייער פארמעגן געוואקסן צו פילצאליגע מיליאנען דאלארן.

ר' אברהם בער איז באקאנט אלס דער סגן ראש הקהל פון סאטמאר און א מקורב ביים רבי'ן שליט"א, זייענדיג גרייט צו העלפן בגוף ובממון פאר אלע עסקנות'ן און קהל'ישע אנגעלעגנהייטן. ר' אברהם בער איז אויך דער גרינדער פון UJC אין בלומינגראוו, וואס ער דעקט פון זיין טאש, אין צוגאב צו די טויזנטער דירות וואס ער גרייט זיך צו בויען דארט דורכאויס די קומענדיגע פאר יאר.

ר' דוד לייבוש איז באקאנט אז זיין טיר איז אפן פאר יעדן איד, און מיט זיין ווארעמען הארץ פארטיילט ער שווערע געלטער פאר צדקה. ספעציעל איז ר' דוד לייבוש שטארק מקורב צו כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א, און מערערע מאל דורכאויס דעם יאר באזוכט ער ביים רבי'ן שליט"א און פארטיילט גרויסע סכומים פאר צדקה.

מוה"ר רפאל (ראלף) הערצקא הי"ו

ר' רפאל, באקאנט אין דער אמעריקאנער ביזנעס וועלט אלס "ראלף", איז דער גרינדער און פירער פון דער בארימטער "מערידיאן קעפיטאל גרופ", וואס ווערט באטראכט אלס איינע פון די מערסט דערפאלגרייכע מארטגעדזש בראוקער פירמעס אין די פאראייניגטע שטאטן. זיין פינאנציעלע אימפעריע באשטייט פון הונדערטער ארבעטער לענגאויס גאנץ אמעריקע און ספעציאליזירט זיך אין קאמערציאלע מארטגעדזשעס, אינוועסטירונגען און ריעל עסטעיט.

ראלף הערצקא האט שוין דורכגעפירט טויזנטער ריעל עסטעיט טראנזאקציעס וועלכע באטרעפן אינאיינעם די פאנטאסטישע סומע פון 65 ביליאן דאלער!

כאטש די שטוינענדע ציפערן וואלט אים געוויס געברענגט ערנסטע מידיא אויפמערקזאמקייט, ערשיינט ער זעלטן אין צייטונגען און זוכט קיינמאל נישט מ'זאל רעדן פון אים. פארט אבער איז ער לעצטנס באצייכנט געווארן אלס איינער פון די "פופציג וויכטיגסטע מענטשן אין קאמערציאלע ריעל עסטעיט פינאנץ".

רבי רפאל איז אויפגעוואקסן אין א ווארעמער חסיד'ישער שטוב, און טראץ זיין געוואלדיגן עשירות צייכנט ער זיך אויס מיט זיין יראת שמים און פשטות. טראץ וואס ער איז א שטארק פארנומענער מענטש, זייענדיג דער פירער פון אזא פארצווייגטער פירמע, קען מען אים טרעפן יעדן טאג אין ביהמ"ד אריינכאפן א שיעור תורה פאר'ן גיין צו זיינע געשעפטן.

זיין פארמעגן ווערט געשאצט אויף עטליכע הונדערט מיליאן דאלער, אבער פאר אים איז דאס געלט נישט מער ווי א מיטל צו קענען אויספירן זיין ריכטיגע ציל: צו העלפן אידן און אידישקייט.

רבי רפאל שרייבט גרויסע טשעקס פאר פילצאליגע ארגאניזאציעס אין

אמעריקע און אין ארץ ישראל, און ווידמעט זיין צייט און ענערגיע צו פארשפרייטן אידישקייט. ער נעמט אן אקטיווע ראלע אין קירוב, רייזנדיג צו קאלעדזש קאמפוסן לענגאויס אמעריקע צו האלטן שיעורים און רעדן צו סטודענטן איבער אידישקייט. ווי אויך טרעט ער אויף ביי דינערס און מעמדים, און זיין אפענע הויז איז אן אכסניא פאר בני תורה, ארעמעלייט, און אידן פון אלע שיכטן און קרייזן.

מוה"ר יודא מאנדל הי"ו

וויליאמסבורג

ר' יודא מאנדל, באקאנט בפי כל אלס "ר' יודי", איז איינער פון די גרעסטע בעלי צדקה אין ניו יארק. א איד וואס האט געמאכט פון צדקה און חסד זיין לעבנס-אויפגאבע, און עס איז פשוט נישט מעגליך צו רעדן פון די וויליאמסבורגער בעלי צדקה אן צו דערמאנען ר' יודא'ס נאמען.

ר' יודא'ס טיפער פארשטאנד אין ביידע וועלטן, דער עולם התורה און להבדיל די ביזנעס וועלט, איז א שם דבר איבעראל. אין דער ביזנעס וועלט איז ר' יודא באקאנט אלס א ריעל עסטעיט מומחה מיט א שארף אויג פאר גוטע געלעגנהייטן, אבער גלייכצייטיג וועט ער גלייך אויפשפרינגען צו יעדן דבר שבקדושה.

יודעי דבר וויסן צו זאגן אז ר' יודא האט מסיים געווען גאנץ ש"ס נאך אלס בחור, זיך פארדינענדיג דערביי דעם טיטל "דער ש"ס בחור". און אפילו היינט, צווישן זיינע פילצאליגע ביזנעס אקטיוויטעטן, איז זיין הארץ ביי דער גמרא בעפאר אלעם.

ר' יודא איז באקאנט אלס א גרויסער שטיצער פון מוסדות התורה, אבער זיין הילף פאר יחידים איז ווייט נישט הינטערשטעליג. ער גיסט אריין צענדליגער מיליאנען דאלארן יערליך צו שטיצן ישיבות און כוללים, הכנסת כלה, און אנדערע צדקה פראיעקטן. ר' יודא האט אויך א באזונדערע חיבה צו אלטע ספרים און כתבי ידות פון גדולי הדורות און האט שוין ארויסגעגעבן פילצאליגע כתבים לאור עולם, צו מזכה זיין כלל ישראל מיט די אוצרות.

אלס א סאטמארער חסיד איז ר' יודא א מוסטער פון א ווארעמער חסיד'ישער איד. טראץ זיין ברייטן עשירות וואס דער אויבערשטער האט אים געשאנקען, איז ר' יודא געבליבן דער זעלבער איינפאכער חסיד וואס גייט צופוס צום בית המדרש, מיטהאלטנדיג יעדן שיעור און דאווענענדיג מיט אזא ווארימקייט אז עס באאיינפלוסט אלע ארומיגע.

ר' יודא איז א חידוש אין די דרכי הצדקה - ער ווארט נישט ביז מען קומט צו אים, נאר גייט זעלבסט זוכן די אידן וואס דארפן הילף. אסאך דערציילן איבער זיינע געוואלדיגע מעשי החסד, ווען ער האט פערזענליך אנגערופן בעלי שמחה און נויטבאדערפטיגע פארצושלאגן זיין הילף, און צומאל וועט ער אפילו אראפגיין צו די הייזער פון נצרכים און איבערלאזן א ברייטן טשעקל מיט א שמייכל.

מוה"ר אליעזר (לואי) שיינער הי"ו

מאנסי

ר' אליעזר (לואי) שיינער איז א באקאנטער עושר אין דער אמעריקאנער אידישער וועלט, וועלכער נוצט זיין פארמעגן מזכה צו זיין אידן און פארשפרייטן אידישקייט. כאטש ער שטאמט פון א ליטווישן אפשטאם, האט ער א ספעציעלע ווארעמע געפיל פאר חסיד'ישע אדמורי"ם ורבנים און ער רירט זיך נישט אן זיך אדורכרעדן מיט א דעת תורה. ר' אליעזר איז באקאנט מיט זיין נאנטשאפט צו ברסלב און ברסלב'ע משפיעים, אבער האט אויך א באזונדערן קשר מיט להבחל"ח דעם הייליגן טאהש'ער רבי זצ"ל, הרה"ק מריבניץ זצ"ל, און נאך פריערדיגע צדיקים, א שטייגער ווי הרה"ק ר' ישעי'לע פון קערעסטיר זי"ע אין וועמענ'ס נאמען ער פארטיילט גרויסע צדקות.

איבער זיין שייכות מיט הרה"ק מ'טאהש, ווערט פארציילט אן אינטערעסאנטע געשיכטע וויאזוי ער האט דערגרייכט צו דעם עשירות: עס איז דאן געווען א געוויסער גביר וועלכער פלעגט דינגען ר' אליעזר אז ער זאל אים פירן קיין טאהש צום רבי'ן פון צייט צו צייט, און אז ער איז שוין געווען אין טאהש איז ער שוין פארשטייט זיך אויך אריין צום טאהש'ער רבי'ן. ביי איינעם פון זיינע באזוכן האט ער געבעטן דעם רבי'ן זאל אים געבן א ברכה פאר עשירות, און דער רבי האט אים געזאגט אז אויב ער וועט זיך אונטערנעמען צו דאווענען דריי מאל א טאג מיט מנין חוק ולא יעבור, וועט ער זיין א גרויסער עושר. ווען ער איז שוין געווען אויפן וועג ארויס האט אים דער טאהש'ער רבי צוריקגערופן און געזאגט אז נישט סתם אן עושר, נאר גאר א גרויסער עושר. דערנאך האט ער אים צוריקגעקופן נאכאמאל און געזאגט אז ער וועט זיין א מיליאנער. אזוי איז עס געגאנגען עטליכע מאל, ווען יעדעס מאל וואס דער רבי האט אים צוריקגערופן האט ער געהעכערט זיין הבטחה.

וכך הוה, ער האט עס גענומען אויף זיך, און דאן איז ער אריין אין ביזנעס און האט ב"ה גאר שיין מצליח געווען. ווי באקאנט האט ער טאקע א מנין אידן וועם ער צאלט א שטייגערליכע געהאלט אז זיי זאלן מיטקומען מיט אים וואו אימער ער פארט, אזוי ארום נישט צו פארפאסן א תפילה בציבור אויף קיין פאל.

זיין הויפט ביזנעס איז אין דער העלט-קעיר אינדוסטריע, וואו ער האט אויפגעבויט א ריזיגע נעץ פון נורסינג היימען און העלט-קעיר צענטערן, וואס האט אים געברענגט א באדייטנדע הצלחה. ער האט אויך אינוועסטירט שווערע

מוה"ר יודא מאנדל מיט כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א

מוה"ר אליעזר שיינער

NOW THERE'S A WAY
DOCUMENT-FREE LOANS NOW UP TO $1 MILLION—EXCLUSIVELY AT EVEREST.
Get a mortgage on any investment or business property—without a sea of paperwork. From shuls to vacant buildings to raw land, we make it happen. We've already closed more than $7 billion in "impossible" loans.
Yours can be next.
EVEREST EQUITY
COMMERCIAL AND RESIDENTIAL MORTGAGES
EVERESTEQUITY.COM // 800.923.0031 // INFO@EVERESTEQUITY.COM
The Everest Equity Company, Inc. 2 Executive Blvd, Suite 201, Suffern, NY 10901. Registered Mortgage Broker New York State Department of Financial Services. Mortgage Broker Licensed by the New Jersey Department of Banking and Insurance. Licensed Mortgage Broker CT, PA, FL, TX and NC Banking Departments. We do not make any mortgage loan commitments or fund any mortgage loans. MORTGAGE BROKER ONLY, NOT A MORTGAGE LENDER OR MORTGAGE CORRESPONDENT LENDER. Loans are arranged through third party providers. Company NMLS ID 12484.
EQUAL HOUSING OPPORTUNITY
KIRUMSTUDIO.COM

מיליאנען אין ריעל עסטעיט, וואס ברענגט אים אריין א פארמעגן וואס ער נוצט אויסצופירן גרויסע פראיעקטן לטובת הכלל.

באזונדער איז ר' אליעזר באקאנט מיט זיינע גיגאנטישע פראיעקטן אין שטאט אומאן, אוקריינע, סמוך ונראה צום ציון הקדוש פון הרה"ק ר' נחמן פון ברסלב זי"ע, וואו ער האט אויפגעבויט א הערליכע שול פאר די צענדליגער טויזנטער אידן וואס קומען זיך משתטח זיין אויפן ציון דורכאויס דעם יאר און איבערהויפט ראש השנה. יעדן יאר ראש השנה, ווען צענדליגער טויזנטער אידן פון איבער דער גארער וועלט שטראמען קיין אומאן, שטעלט ר' אליעזר צו איבער צען טויזנט פארציעס עסן פאר א מינימאלן אפצאל, צו שפייזן די טויזנטער אידן, און זיין כח הנתינה שפירט זיך אין יעדן ווינקל פון אומאן בשעת דעם גרויסן קיבוץ.

ר' אליעזר האט אויפגעבויט א שיינעם ביהמ"ד אין מאנסי, וואס דינט אלס א מרכז תורה ותפילה און גיגאנטישער מנינים צענטער פאר די ארטיגע איינוואוינער. ער שטיצט פילצאליגע תלמידי חכמים וואס זיצן דארט אויף א געהאלט, און איז מחזיק א גאנצע נעץ פון שיעורים און לימודים. אין די לעצטערע יארן האט ער אויך אנגעהויבן שטיצן פראיעקטן אין ארץ ישראל, וואו ער האלט אויס משפחות פון תלמידי חכמים.

מיט א שטיק צייט צוריק האט ער אנאנסירט א פרישע אונטערנעמונג צו מחזק זיין לומדי תורה, וואס האט זיך אנגעהויבן ווען איניאינעם מיט עטליכע שותפים לדבר מצוה האט ער צושטאנד געברענגט אז מ'זאל דראסטיש העכערן די כולל תמיכה פאר די טויזנטער לומדים אין ביהמ"ד גבוה לעיקוואוד. און כמעשהו בראשונה איז ער געגאנגען מחיל אל חיל, ווען ער האט זיך אונטערגענומען צו דאפלען דאס געהאלט פאר די הונדערטער לומדי כולל וויזניץ מאנסי, וואס האט אריינגעברענגט א פרייד און הרחבת הדעת אין די שטיבער פון די פילע לומדי תורה.

ר' אליעזר פירט זיך מיט א געוואלדיגן פשטות, און מען קען אים טרעפן ווי א פשוט'ער איד צווישן די מתפללים אין זיין בית המדרש, אדער ווי ער טיילט אויס עסן מיט זיינע אייגענע הענט פאר די באזוכער אין אומאן. זיינע חסדים דערגרייכן אויך צו אומצאליגע נויטבאדערפטיגע אידן, א גרעסערע טייל דערפון וואס מענטשן ווייסן נישט, אין א בחינה פון מהודר'דיגע מתן בסתר.

מוה"ר יחזקאל דוד בערקאוויטש הי"ו

וויליאמסבורג

ר' יחזקאל דוד איז דער ראש וראשון ווען עס קומט צו העלפן די סאטמארער מוסדות אין וויליאמסבורג און אין קרית יואל, און פון די הויפט שטיצער פונעם סאטמארער רבי'ן שליט"א איבער אלע עניני הכלל והפרט. די סאטמארער מוסדות האבן ביי אים א באזונדערן ארט אין הארצן, און זיין נאמען איז פארבינדן מיט פילצאליגע בנינים און פראיעקטן וועלכע האבן געהאלפן אויסברייטערן די וואוקס פון דער קהילה. איבערהויפט האט ער געהאלפן איבערפרישן און בויען די סאטמארער מוסדות אין וויליאמסבורג, וואו ער האט אריינגעגאסן איבער צוואנציג מיליאן דאלאר פאר די בנינים.

זיין עשירות האט זיך אנגעהויבן אין דער נורסינג היים אינדוסטריע, וואו ער האט אויפגעבויט א גרויסע נעץ פון נורסינג היימען. דורך זיינע ביזנעסער באשעפטיגט ער צענדליגער היימישע יונגעלייט, און שענקט זיי פרנסה בדרך כבוד.

זיינע אויסטערלישע צדקות גייען אסאך ווייטער ווי פאר עניני הכלל. יעדן פרייטאג פארטיילט ער גרויסע געלטער פאר משולחים און נויטבאדערפטיגע וואס שטייען אין דער רייע צו באקומען זיין הילף, און זיין ברייטהארציגקייט האט שוין ארויסגעהאלפן הונדערטער משפחות במשך די יארן.

הרה"ח ר' בערל ווייס שליט"א

לאס אנדזשעלעס

רבי בערל ווייס שליט"א איז א וועלט-בארימטער בעל צדקה וואס וועט קיינמאל נישט אפזאגן צו געבן א שיינע סומע פאר סיי וועלכן איד אדער צוועק. ר' בערל איז א זון פון ר' משה ווייס ז"ל, א ווארעמער סאטמארער חסיד וועלכער איז געווען שטארק מקושר מיט'ן סאטמארער רבי'ן זי"ע, און האט מנדב געווען די מזרח וואנט אין דעם ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל וואו עס פיגורירט נאך זיין נאמען ביז'ן היינטיגן טאג. ר' משה האט געהאט א חזקה צו קויפן דעם זכות פון "אתה הראת" פאר'ן סאטמארער רבי'ן הברך משה זי"ע און האט זיך כסדר געלאזט קאסטן אומגעהויערע סכומים.

אלס יונגער בחור האט ר' בערל געלערנט אין ישיבת תורה ודעת וואו ער האט זוכה געווען צו א ספעציעלער קירבה ביי זיין משגיח הרה"ג ר' משה וואלפסאן זצ"ל, מנהיג קהילת "אמונת ישראל" אין בארא פארק, ביי וועמען ער האט געוויילט אויף שבתים במשך דריי יאר. ר' בערל באטראכט זיך אלס תלמיד פון הרב וואלפסאן, און אפילו היינט-צוטאגס ווען ער געפינט זיך אין ניו יארק דאווענט ער אין "אמונת ישראל", וואו די תפילות געדויערן אפט מער פון צוויי שעה.

נאך זיין פאטער'ס פטירה האט ר' בערל איבערגענומען זיין ביזנעס און עס פילפאכיג פארברייטערט. וואס האט געברענגט ר' בערל צו א מאסיוון פינאנציעלן סטאטוס און אים פארוואנדלט אין איינעם פון די רייכסטע מענטשן אין שטאט.

הר"ר יחזקאל דוד מיט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

קרדיט: יואל פריעדמאן

הרה"ח ר' בערל ווייס

G C N Y
די בחורל האט
פיין באקיקט
יעדע בלעטל
פון די מרור
BECAUSE HE HAD THE
RIGHT CONTACTS.
STOCK UP NOW!
10% OFF ALL LENSES
from Rosh Chodesh until Pesach!
*Restrictions Apply
CALL OR TEXT
718.624.6911
Therightcontact@gmail.com
THE RIGHT
CONTACT

ר׳ בערל׳ס צדקות זענען א שם דבר אין דער גאנצער אידישער וועלט. יעדן מיטוואך איז פארהאן א קבלת קהל ביי אים אינדערהיים, וואו ער טיילט אויס פענאמענאלע סכומים פאר פארשידענע צרכי צדקה. מען דערציילט אז איידער ר׳ בערל טיילט אויס צדקה גייט ער אין מקוה, און ער פלעגט אויך אנרופן דעם סקולענער רבי׳ן זצ״ל צו בעטן א ברכה ער זאל נישט גורם זיין קיין צער פאר א איד.

צווישן די מענטשן וואס קומען אהין קען מען טרעפן רבנים, ראשי ישיבות, און אידן פון אלע סארטן וועלכע ווערן אויפגענומען מיט אפענע ארעמס. די אידן באקומען טשעקס פון צענדליגער און הונדערטער טויזנטער דאלארן מיט א רואיגקייט און א שמייכל וואס מ׳זעט זעלטן.

אזוי אויך האט ער א ספעציעלע ווארעמע געפיל פאר מוסדות על טהרת הקודש אין ארה״ק און שטיצט די הייליגע מערכות ישראל אין אמעריקע און ארץ ישראל. איבערהויפט שטיצט ער די סאטמארער מוסדות גלאבאל און אלעס וואס איז פארבונדן מיט סאטמאר, וואס ער האט נאך געירשנ׳ט פון זיין פאטער.

רבי בערל שליט״א איז באקאנט אלס א דורכגעווייקטער חסידי׳שער איד תלמיד חכם און מקורב צו גדולי ישראל, און פארברענגט אפט אין לערנען ביז די שפעטע נאכט שעות מיט ראשי ישיבות. ער איז געווען שטארק פארבונדן מיט׳ן סקולענער רבי׳ן, וועלכער האט אמאל פארברענגט צוויי חדשים אין זיין הויז נאך א שווערער אפעראציע. דאן האט ר׳ בערל אפגעלאזט אלע זיינע פארצווייגטע געשעפטן און באדינט דעם רבי׳ן מיט געטריישאפט.

מוה״ר ישראל (איזי) ענגלענדער הי״ו

מאנהעטן

ר׳ ישראל (איזי) ענגלענדער איז פון די גרעסטע פינאנציעלע מאגנאטן אין דער אידישער וועלט, און איינער פון די רייכסטע מענטשן אין אמעריקע. ר׳ איזי איז אויפגעוואקסן אין קראונהייטס, און האט צוביסלעך אריינגעטראטן אין דער פינאנציעלער וועלט, וואו ער האט אויפגעבויט איינע פון די מערסט סוקסעספולע ״העדזש פאנדס״ איבער דער וועלט.

היינט שטייט ר׳ איזי אין שפיץ פון אן אינוועסטמענט אימפעריע וואס פארפיגט אויף איבער פופציג ביליאן דאלער, און זיין פערזענליכע פארמעגן ווערט געשאצט אויף איבער פערצן ביליאן דאלער, לויט ״פאָרבס״. טראץ זיין אומגלויבליכן עשירות, איז ר׳ איזי באקאנט מיט זיין אויסערגעווענליכן פשטות און דאס אנהאלטן א נידריגן פראפיל. ער פארמיידט מידיא אויפמערקזאמקייט, און ווערט באטראכט אלס איינער פון די מערסט פריוואטע פיגורן אין דער פינאנציעלער וועלט.

ר׳ איזי פירט זיין העדזש פאנד מיט אן אייגנארטיגן מאדעל, וואו ער שטעלט אריין פארשידענע מענעדזשערס וועלכע ארבעטן אומאפהענגיג איינער פון צווייטן, אבער אלע אונטער זיין איבערזיכט. דער אייגנארטיגער מאדעל האט צוגעפירט צו אויסערלישע געווינסן און סטאביליזירט דעם פאנד קעגן מארקעט שאקלונגען.

ר׳ איזי איז א גרויסער שטיצער פון דעם באבובער הויף. ער האט א טיפן קשר מיט׳ן באבובער רבי׳ן שליט״א, און איז באקאנט אלס איינער פון די הויפט פילאנטראפן וואס העלפט אויפהאלטן די גרויסע נעץ פון באבובער מוסדות איבער דער וועלט.

ווען דער באבוב׳ער בית המדרש אין בארא פארק האט געדארפט ווערן רענאווירט און פארברייטערט, איז ר׳ איזי געווען צווישן די ערשטע ארייננצוקומען מיט א ריזיגער נדבה. יעדן יאר פאר די ימים טובים שיקט ר׳ איזי באדייטנדע סכומים קיין באבוב, און אויך פאר דער נייער ישיבה אין באבוב האט ער בייגעשטייערט אן אסטראנאמישע סומע פון עטליכע מיליאן דאלער. ער פארט אפט צום באבוב׳ער רבי׳ן פאר עצות און ברכות, און דורכאויס ימים טובים קען ער אפילו מאכן צופוס דעם לאנגן וועג פון מאנהעטן קיין בארא פארק מיטצוהאלטן דעם רבינ׳ס עבודה.

ר׳ איזי׳ס נדבות איז נישט באגרעניצט צו איין ספעציפישן קרייז, נאר ער טיילט צענדליגער מיליאנען דאלארן יערליך פאר צדקה אינסטיטוציעס - פון ישיבות און חדרים ביז קהל׳ישע ארגאניזאציעס. ער האט אויך געגרינדעט א ספעציעלן פאנד וואס העלפט אידישע ארגאניזאציעס און מוסדות, און אין איינעם פון די יארן איז באריכטעט געווארן אז ער האט געשאנקען צוואנציג מיליאן דאלער פאר דעם פאנד.

מוה״ר מרדכי קאהן הי״ו

מאנטריאל

ר׳ מרדכי קאהן שליט״א איז א מוסטער פון תורה וגדולה במקום אחד. ער דינט אלס דער ראש הקהל פון ק״ק סאטמאר מאנטריאל און ווערט פארערכנט צווישן די פרנסי העיר, און פון די גרעסטע בעלי צדקה אינעם היינטיגן דור.

ר׳ מרדכי׳ס גרויס פארמעגן קומט נאך פון זיין טאטן, דער באקאנטער בעל צדקה הרה״ח ר׳ חיים אביגדור ז״ל, וועלכער האט אויפגעבויט א פאבריק וואו מען פראדוצירט פלאסטיק געצייג, און פון דארט און ווייטער איז עס געוואקסן צו א מולטי מיליאן דאלערדיגער פירמע. פאר נישט לאנג צוריק איז באקאנט געווארן אז ר׳ מרדכי האט פארקויפט די פאבריק פאר א ביליאן דאלאר!

מוסדות און משולחים פון ארץ ישראל געניסן פון א באזונדערער הארציגער

ר׳ איזי ענגלענדער אין א טאנץ מיט כ״ק אדמו״ר מבאבוב שליט״א

א געלונגענע
קרן הבנין
באגלייט דורך ציבור פרא פונעם חלום ביזן חנוכת הבית
תן סוי דיין טעמפל שירה
בנין בית חינוך
אנטוויקלט אייערע פלענער
מיטן היימישן קאנסאלטענט.
צו אויסקלארן אייער וויזיע און
אויסארבעטן די סטראטעגיע.
מרדכי משולם זושא שינטלער
ציבור פרא
FINANCIAL CONSULTING
718.427.6650 | TZBURPRO.COM
PROJECTS@TZIBURPRO.COM
dartmedia.us

באהאנדלונג פון ר' מרדכי. שווערע הונדערטער משולחים פון ארץ ישראל קומען יעדן יאר קיין מאנטריאל, בלויז צו באגעגענען דעם ווארעמען שמייכל פון ר' מרדכי און געניסן פון זיין ברייטהארציגער שטיצע. ווי אויך וועלן מוסדות התורה פון ארץ ישראל על טהרת הקודש באקומען פאנטאסטישע סכומים.

ר' מרדכי איז געווען פון די הויפט נדבנים פון דעם פראכטפולן ביהמ"ד ייטב לב אויף רחוב יואל אין ירושלים, און אין זיין זכות האבן הונדערטער אידן א טעגליכער פארגעניגן צו דאווענען אין איינעם פון די שענסטע בתי מדרשים אין ירושלים, נאך לאנגע יארן וואס דער ביהמ"ד איז געווען אין א נאכגעלאזטן צושטאנד. דאס איז סיידן וואס ר' מרדכי'ס הארץ איז שטענדיג אפן ארויסצוהעלפן די מוסדות אין ירושלים וועלכע געניסן נישט פון קיין שטיצע פון דער ציוניסטישער רעגירונג און מוטשענען זיך אנצוגיין פינאנציעל, און איז אלעמאל דער ערשטער צו שטיצן די מערכות אין ארץ ישראל.

מוה"ר אברהם יודא גאלדבערגער הי"ו
קרית יואל

ר' אברהם יודא, באקאנט בפי כל בלשון חיבה אלס "ר' יודי", איז פון די גאר גרויסע בעלי צדקה אין קרית יואל, און איז גלייכצייטיג טיף פארמישט אין גרויסארטיגע עסקנות'ן ארויסצוהעלפן אידן.

איבערהויפט איז ער באקאנט מיט דעם גרויסארטיגן פראיעקט וואס ער האט גענומען אויף זיך, צו צוזאמשטעלן שווערע מיליאנען פון אידן נדיבי לב בעפאר די ימים טובים פסח און סוכות, און דערמיט אריינשיקן מכובד'יגע טשעקס פון גאנצע אכצן הונדערט דאלער פאר פילע משפחות אין קרית יואל אז זיי זאלן קענען אריינברענגען דעם יו"ט בהרחבה. ר' יודא זעלבסט איז שטארק אקטיוו דאס צו צושטאנד ברענגען, און ער נעמט א גרויס טייל אין דער אונטערנעמונג, סיי בממון און סיי בגוף.

טראץ וואס ער זעלבסט פארמאגט א גרויס פארמעגן איז ער נישט פארנומען צו זוכן כבוד, און ער זעט נישט קיין שום בושה ארומצוגיין נאך געלט ווען די רעדע איז פון העלפן אנדערע אידן.

אויך איז ער באקאנט מיט א רייע אנדערע ברייטהארציגע נדבות וועלכע גייען ארויס פון זיין טאש פאר מוסדות התורה, און אזוי אויך פאר אידן נצרכים וועלכע נויטיגן זיך אין פינאנציעלער הילף.

ר' יודא האט געלאזט אויפבויען א פראכטפולן ביהמ"ד אין צענטער פון ק"י, ביהמ"ד תפילה למשה, וואס דינט אלס א מקום תורה ותפילה פאר די פילע מתפללים און אידן פונעם אומגעגנט. דער גאנצער פראיעקט פון אויפבויען דעם פרעכטיגן בית לה' איז פולשטענדיג געדעקט געווארן פון זיין טאש, און אזוי אויך דעקט ער אלע הוצאות פון אויפהאלטן דעם ביהמ"ד דורכאויס דעם יאר.

מוה"ר מענדל שווימער ובניו הי"ו

ר' מענדל שווימער איז פון די גאר גרויסע און באקאנטע בעלי צדקה אין קרית יואל. לאנגע רייעס משולחים און גבאי צדקה שטייען ביי זיין טיר יעדן טאג, און ספעציעל מוצאי שבת און דינסטאג נאכט, ווען ער פארטיילט הונדערטער טויזנטער דאלארן פאר צדקה. דאס איז סיידן וואס ער טיילט אויס איידער די ימים טובים גרויסע געלטער פאר אלע שיכטן און קרייזן.

ר' מענדל באשעפטיגט זיך הויפטזעכליך מיט גרויסע ריעל עסטעיט דעוועלאפמענטס אין ניו יארק.

נאך זיין חתונה האט ער אנגעהויבן ארבעטן אין עלעקטראניקס, און דאן האט ער אויפגעכאפט דעם פאך פון פארערכטן עלעקטראנישע מאשינדלעך. זיין רייכטום האט זיך אנגעהויבן נאך אן אינשורענס פירמע האט פון אים אפגעקויפט די פירמע Super Sonic וואס ער האט געגרינדעט, וועלכע איז דאן געווען די איינציגסטע "ריפורבישינג" קאמפאני אין אמעריקע.

נאכ'ן פארקויפן די פירמע פאר גרויס געלט, האט ער אינוועסטירט אין ריעל עסטעיט. און פאר עטליכע יאר צוריק האט ער, אינאיינעם מיט זיינע שותפים, אפגעקויפט א קאמפלעקס פון נאנט צו זעקס טויזנט אפארטמענטס אין ברוקלין פאר איבער א ביליאן דאלער!

טראץ זיין גרויס עשירות וואוינט ר' מענדל אין דער זעלבער דירה שוין איבער פינף-און-צוואנציג יאר אן קיין שום ספעציעלן לוקסוס. ער שטייט אין שפיץ פון דער סאטמארער קהלה און מוסדות אין קרית יואל וואו ער האט שוין זעלבסט בייגעשטייערט מיליאנען דאלארן.

ווי עס שיינט גייט ר' מענדל'ס צדקות איבער צו זיין פאמיליע, און זיינע קינדער און אייניקלעך זענען פון די גרויסע בעלי צדקה אין וויליאמסבורג.

זיין זון ר' יוסף איז פון די גרעסטע צדקה געבער אין בארא פארק, און ר' יחזקאל פון וויליאמסבורג איז פון די גרויסע בעלי צדקה אין שטאט און בויט יעצט א בנין אין ארץ ישראל פאר ייטב לב דסאטמאר אין ירושלים. ווי אויך האט ער א ספעציעלע ווארעמקייט פאר מוסדות על טהרת הקודש אין ארץ ישראל. ר' יחזקאל שטיצט אסאך מוסדות אין ניו יארק וועלכע געניסן נישט פון רעגירונגס-שטיצע, און צוויי מאל א וואך נעמט ער אויף פילצאליגע משולחים און בעלי צדקה פון איבער דער גאנצער וועלט, און זיין גוטהארציגקייט גייט ווייטער צו ברייטפארצווייגטע עסקנות'ן און צדקה פראיעקטן.

ר' יחזקאל'ס זון, ר' יעקב, איז אויך פון די גרויסע בעלי צדקה אין וויליאמסבורג, און איז ספעציעל באקאנט געווארן זייענדיג פארמישט אין דעם

ר' אברהם יודא מיט אביו הר"ר ישראל

ר' מענדל שווימער מיט ראשי ק"ק סאטמאר

THE EXPERTS IN NO-DOC LOANS

Fund your investment smoothly

avrumy.com

- Residential & commercial
- No income needed
- Fast and reliable
- Get funded in 14 days

No-Doc DSCR Loans: Unique Financing Options

- 75% Cash-Out Refinance: Access up to 75% of your property's value immediately after closing, with no seasoning period required.
- 85% Loan-to-Value (LTV): Secure up to 85% financing for both purchases and rate-and-term refinances.
- Bridge & Construction Loans: Obtain up to 90% LTV for property purchases and 100% financing for construction costs (experience required).

YS CAPITAL
GROUP

718-635-0277

NMLS ID: 2609746

REACH OUT TODAY TO GET YOUR NO-DOC LOAN STARTED

Yehuda Bochner
YEHUDA@YSCAPGROUP.COM | 929-722-3362

Samual Stein
SAMUAL@YSCAPGROUP.COM | 347-988-8722

Shlome Katz
SOLOMON@YSCAPGROUP.COM | 845-324-3818

Yosef Cohan
YOSEF@YSCAPGROUP.COM | 347-461-8924

JOIN THE YS CAPITAL TEAM
email: join@yscapgroup.com

YS Capital Group is a licensed mortgage broker. NMLS ID #2609746. All loans are subject to approval based on creditworthiness, property evaluation, and other underwriting criteria. This is not a commitment to lend. Terms and conditions are subject to change without notice. 'No income needed' refers to specific loan programs and may require DSCR verification or other qualifications. Funding timelines, including 'Get funded in 14 days,' are subject to delays based on borrower, property, and program-specific conditions. Equal Housing Opportunity. Loans are not available in all states—contact us to verify eligibility in your state. For more information, visit www.yscapgroup.com. YS Capital Group offers a Price Match Guarantee on all loan programs. Terms and conditions apply. To qualify, borrowers must provide a valid, written offer from a licensed lender or mortgage brokerage. Price Match Guarantee does not constitute a commitment to lend and is subject to underwriting and eligibility criteria.

EQUAL HOUSING OPPORTUNITY

פראיעקט צו העכערן דאס געהאלט פון מלמדים און כלי קודש אין די סאטמארער מוסדות, אינאיינעם מיט הנגיד ר' יואל לאנדא.

מוה"ר שלמה פעדער הי"ו
וויליאמסבורג

צווישן די רעלאטיוו יונגע עשירים אין וויליאמסבורג שטארצט ארויס דאס איידעלע געשטאלט פון ר' שלמה פעדער, א יונגערמאן פול מיט אמביציע און חידושים אין דער וועלט פון צדקה. ר' שלמה'ס פארמעגן באשטייט בעיקר פון גרויסע קאנסטרוקציע אין ריעל עסטעיט פראיעקטן.

ר' שלמה איז באקאנט מיט זיין אפענער טיר פאר יעדן איינעם, איבערהויפט פאר גדולי ישראל וועמען ער נעמט אריין און שטיצט אויף א גרויסן פארנעם. ר' שלמה'ס השגות צו דערפרייען און זעטיגן אידן איז א שם דבר איבעראל, אנגעהויבן פון זיין אפענער טיר אין וויליאמסבורג, ביז דער ווייטער אוקריינע.

זייענדיג מקורב מיט'ן גאנצן הארץ צו הרה"ק ר' נחמן פון ברסלב זי"ע, האט ר' שלמה געבויעט א חסד אימפעריע אין דער ווייטער אוקריינע, וואס נעמט אריין א גרויסע באקוועמע קאך וואו מען שטעלט צו עסן אומזיסט פאר שווערע טויזנטער באזוכער דורכאויס דער וואך פון ראש השנה - א פראיעקט וואס קאסט אים אפ פינף מיליאן דאלער יעדן יאר!

הינטער זיין הויז אין וויליאמסבורג האט ער געבויעט א ביהמ"ד "בית יצחק" וואס פיבערט א גאנצן טאג מיט תורה, אין ראם פון א כולל וואס גייט אן א גאנצן טאג פון אינדערפרי ביז ביינאכט, מיט די חשוב'סטע יונגעלייט פון שטאט וועלכע קענען זיצן און לערנען על מי מנוחות א דאנק ר' שלמה'ס צדקות. הרה"ג ר' מאיר צוויבל און הרה"ג פייוול קליין שליט"א זענען די ראשי הכולל, און די יונגעלייט לערנען דורך ש"ס און הלכה מיט א גרויס התמדה.

אזוי אויך פארמאגט ר' שלמה א חסד-קאמפלעקס אין טשעסטער וואס נעמט אריין א שיין ביהמ"ד מיט עטליכע הייזער וואו ער איז מחזק לבבות נשברות און פילצאליגע אידן זענען זיך מחי' דאס הארץ.

מוה"ר אברהם יהודה ראזענבערג הי"ו
וויליאמסבורג

ר' אברהם יהודה איז פון די גאר בארימטע בעלי צדקה אין וויליאסבורג, וועלכער נעמט אויף יעדן איד מיט א שמייכל און לאזט זיך קאסטן אסטראנאמישע סכומים פאר צדקה. אינאיינעם מיט זיין ברודער להבחל"ח ר' יצחק ע"ה, סאטמארער ראש הקהל, האבן זיי געבויעט די באקאנטע "בניני ראזענבערג", און זייער שטיצע פאר די סאטמארער מוסדות ווייסט נישט פון קיין גרעניצן. ר' אברהם יהודא איז אויך באקאנט מיט זיין שטיצע פאר מוסדות דינוב, וואו ער האט בייגעשטייערט פאנטאסטישע סומעס צו בויען דעם דינוב'ער ביהמ"ד אין וויליאמסבורג.

זיין ביזנעס האט ער אנגעהויבן אינאיינעם מיט זיין ברודער, מיט וועם ער האט געעפנט א גרויסן "לאמבער יארד". פון דארט און ווייטער האט ער אויסגעברייטערט די געשעפטן צו גרויסע ריעל עסטעיט טראנזאקציעס.

אפגעזען די עקאנאמישע אויפשאקלונגען און קריזיסן האט ר' יודא אלעמאל פארגעזעצט מיט זיינע גרויסע צדקות און מיט גרויס סייעתא דשמיא באוויזן איבערצוהיפן אלע שטרויכלונגען, ביז'ן היינטיגן טאג ווען טויזנטער אידן זענען זיך מחי' מיט זיינע צדקות און וואוילטעטיגע ביישטייערונגען פאר'ן כלל ופרט.

אויך איז ר' יודא באקאנט מיט דעם ריזיגן היכל התורה "היכל ראזענבערג" אין קרית יואל וואס ער האט געבויעט אינאיינעם מיט זיין ברודער ר' יצחק ע"ה, וואס איז בשעתו געווען דער ערשטער פון דעם סארט באגריף, וואו טויזנטער אידן זיצן און לערנען מדי יום ביומו רונדע דעם זייגער מיט א געוואלדיגן הרחבת הדעת.

מוה"ר חיים הערש פריעדמאן הי"ו
מאנטריאל

ר' חיים הערש (הערשי) פריעדמאן פון מאנטריאל, איז היינט איינער פון די גרעסטע חרדי'שע ביזנעסלייט און פילאנטראפן אין צפון אמעריקע. זיין פארמעגן ווערט געשאצט אויף מערערע ביליאנען דאלארן, און זיינע ברייטהארציגע צדקות אין די הויכע מיליאנען יערליך.

ער איז געבוירן אין מאנטריאל צו א חסיד'ישער משפחה וואס האט געהערט אין סאטמאר און בעלזא, און ווען ער איז געווען בלויז צען יאר אלט איז זיין פאטער ליידער טראגיש אומגעקומען פון א קאר עקסידענט. זיין מוטער האט דאן איבערגענומען דער משפחה'ס טעקסטיל געשעפט, און דארט האט ר' חיים הערש געמאכט זיינע ערשטע טריט אין דער ביזנעס וועלט.

זיין ערשטער גרויסער ביזנעס סוקסעס איז געווען אין יאר תשמ"ב, ווען ער האט אפגעקויפט א פלאסטיק פעקעדזשינג פירמע וואס האט געהאלטן ביים גיין באנקראט. אין די קומענדיגע יארן האט ער צוגעקויפט נאך צוועלף ענליכע פירמעס, און זיי אלע פאראייניגט אונטער איין דאך.

היינט איז זיין פעקעדזשינג אימפעריע דאס גרעסטע אין צפון אמעריקע, און זי פראדוצירט פעקעדזשינג פאר גרויסע פירמעס ווי פעפסי, נעסטעל, און מערערע באקאנטע עסנווארג פירמעס.

שפעטער איז ר' חיים הערש אריינגעגאנגען אין דעם ריעל עסטעיט מארקעט אין ארץ ישראל, אויסקויפנדיג א ריזן פראיעקט פאר אכציג מיליאן

ר' שלמה פעדער מיט כ"ק אדמו"ר סאטמאר שליט"א

ר' אברהם יודא מיט הגאון הגדול רבי משה שטערנבוך שליט"א

מוה"ר חיים הערש פריעדמאן

שקל, די היסטארישע "ארזה" פראפערטי פאר הונדערט פופציג מיליאן שקל, און די "אזורים" בוי פירמע פון א חרדי'שער ביזנעסמאן.

זיין מערסט-באקאנטע ביזנעס אונטערנעמונג איז זיין אריינטריט אין דער כשר'ער פלייש אינדוסטריע, ווען מיט ארום פופצן יאר צוריק האט זיין פירמע "SHF Industries" איפגעקויפט די "Agriprocessors" פלייש פאבריק אין אייאווע און אינוועסטירט מיליאנען דאלארן צו הייבן דער פירמע'ס סטאנדארטן, אויפן פארלאנג פון רבנים וועלכע האבן געבעטן ער זאל העלפן פארזיכערן אז א צווייטע פירמע זאל נישט קאנטראלירן דעם גאנצן כשר'ן פלייש מארקעט.

אבער באמת דארפן מיר נישט דערציילן פאר קיינעם ווער ר' חיים הערש איז, ווייל יעדער קען דעם נאמען, זייענדיג דער הויפט שטיצער פון דעם מהדורות תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי, שולחן ערוך און משנה ברורה פון מכון "עוז והדר", וועלכע זענען באקאנט אלס "מהדורת פריעדמאן" אויף זיין נאמען. איבריג צו זאגן אז יעדעס מאל מיר עפענען א גמרא און מיר קענען לערנען אין שיינע געדרוקטע בענדער, איז עס אין זיין זכות, נאך וואס ער האט געמאכט א רעוואלוציע אין דעם עולם התורה מיט זיינע ברייטהארציגע צדקות.

דאס איז חוץ וואס ער גיבט אומגלויבליכע סכומים פאר צדקה, אריינגערעכנט פאר מערערע שפיטעלער און ישיבות איבער דער וועלט.

מוה"ר עקיבא הערש קליין הי"ו

קרית יואל

ר' עקיבא הערש איז פון די גרעסטע בעלי צדקה אין קרית יואל, וועלכער האט שוין בייגעשטייערט ריזיגע סכומים פאר צדקה אויף א פארנעם וואס איז באמת שווער צו באגרייפן. א ריזיגער פראצענט פון די בנינים וואס זענען געבויט געווארן די לעצטע פאר יאר פאר די סאטמארער מוסדות אין קרית יואל איז דירעקט צו פארדאנקען ר' עקיבא הערש.

איבערהויפט איז זיין נאמען באקאנט געווארן מיט זיין גרייטקייט צו דערלייגן אין איין מינוט א פערטל ביליאן דאלאר! אלס טייל פון זיין צושטימונג צו דער בקשה פון סאטמארער רבי שליט"א צו שניידן דראסטיש די פרייזן פון טויזנט דירות וועלכע ער גרייט זיך צו בויען אין קרית יואל.

צווישן אנדערע האט ר' עקיבא הערש געשאנקען די אסטראנאמישע סומע פון צען מיליאן דאלער פאר דעם נייעם בנין בית רחל אין קרית יואל, אכט מיליאן פאר'ן תלמוד תורה "בנין קליין", צוואנציג מיליאן פאר'ן ביהמ"ד הגדול אין שכונת ויואל משה, צען מיליאן פאר'ן בית המדרש אין עיקערס ענקלעיוו, און א מיליאן דאלער פאר דעם בנין הבית המדרש ברך משה אין ירושלים וואס האלט אצינד אינמיטן געבויט ווערן.

אין ביזנעס איז ער בעיקר באקאנט מיט זיינע מאסיווע ריעל עסטעיט פראיעקטן, אבער אויסער דעם איז ער אויך דער אייגנטימער פון C+A Global - א ריזיגע פירמע וואס האט אונטער זיך נאנט צו דרייסיג ברענדס, צווישן זיי עטליכע גאר גרויסע און שטארק באקאנטע.

מוה"ר יחזקאל בראן הי"ו

בארא פארק

ר' יחזקאל איז פון די גרעסטע מולטי מיליאנערן אין בארא פארק, און האט שוין אויסגעטיילט שווערע מיליאנען צדקה פאר אלע ערליי צוועקן. זיין פארמעגן קומט הויפטזעכליך פון ריעל עסטעיט געשעפטן וואס ער האט געמאכט לאנגע יארן צוריק.

א באזונדערן קשר האט ר' יחזקאל געהאט מיט די אדמו"רים לבית סאטמאר, און האלט ווייטער אן זיין קשר מיט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א צו שטיצן די מוסדות אין בארא פארק. ר' יחזקאל האט בייגעשטייערט צוויי מיליאן דאלאר פאר דעם סאטמארער ביהמ"ד אין בארא פארק, און האט אויך אוועקגעגעבן א מולטי מיליאן דאלערדיגן שטח צו בויען א מקוה טהרה.

איבער דער אנדערער זייט אקעאן, צווישן די מאה שערים געסלעך פון דעם תולדות אהרן הויף, איז כמעט נישטא קיינער וואס האט נאכנישט געהערט און געניסן פון ר' יחזקאל. ער ווערט פאררעכנט אלס דער גרעסטער שטיצער פון תולדות אהרן, און יעדער יונגערמאן אין תולדות אהרן איז בארעכטיגט פאר א טשעקל פון ר' יחזקאל וואס העלפט זיי שטעלן די ערשטע טריט אין לעבן.

ר' יחזקאל האט אויך בייגעשטייערט מיליאנען דאלארן צו בויען דעם גיגאנטישן תולדות אהרן ביהמ"ד אין מאה שערים.

ר' עקיבא הערש קליין מיט כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

כ"ק האדמורי"ם מסאטמאר ותולדות אהרן אין שטוב פון ר' יחזקאל בראן

מוה"ר דן גערטלער הי"ו
בני ברק

ר' דן גערטלער איז איינער פון די מערסט באקאנטע היימישע ביזנעסלייט און באדייטנדע בעלי צדקה אין ארץ ישראל וועלכער האט אויפגעבויט אן אימפעריע אין דער רויע מאטעריאלן אינדוסטריע, ספעציעל אין דעם רעפובליק פון קאנגא. ער איז געבוירן צו א משפחה וואס האט זיך באשעפטיגט אין דיאמאנטן האנדל. זיין זיידע איז געווען ר' משה שניצער, דער פרעזידענט פון דער דיאמאנטן בערזע אין א"י, און זיין טאטע ר' אשר און פעטער ר' שמואל זענען אויך געווען לאנגע יארן אין דער אינדוסטריע.

ר' דן האט פארגעזעצט די משפחה ביזנעס, אבער מיט טריט וואס האבן אים געפירט ווייטער צו נאטירליכע קוועלער אין אפריקע. דורך זיין הויפט פירמע, "דן גערטלער אינטערנאציאנאל", האט ער ערווארבן באדייטנדע אינוועסטמענטס אין דיאמאנטן, קופער, קאבאלט און גאלד. זיין ספעציעלער צוגאנג צו אנטוויקלען ביזנעס באציאונגען האט אים געברענגט פארבינדונגען מיטן פרעזידענט פון קאנגא און ער איז שנעל געווארן פון די וויכטיגסטע אינוועסטירער אין לאנד, און האט געהאלפן אנטוויקלען די ארטיגע עקאנאמיע.

זיין פארמעגן ווערט געשאצט אויף עטליכע ביליאן דאלער אויף "פאָרבס", און ער איז געווארן באקאנט נישט נאר אלס אן ערפאלגרייכער ביזנעסמאן, נאר אויך אלס א באדייטנדער בעל צדקה. ר' דן גערטלער'ס פילאנטראפישע אקטיוויטעטן ציען זיך פון די היימישע קהילות אין ארץ ישראל, ביז צו מאסיווע הומאניטערישע פראיעקטן אין קאנגא וואו עס איז פארהאן באגרעניצטע צוטריט צו לעבנסוויכטיגע סערוויסעס.

ער האט אויפגעשטעלט די "דן גערטלער פאונדעישאן", וואס קאנצענטרירט זיך אויף געזונטהייט און בוי פראיעקטן, הויפטזעכליך אין געגנטער וואו זיינע ביזנעסער זענען אקטיוו. זינט איר גרינדונג אין יאר 2004 למס' האט די גערטלער פאנדעישאן אינוועסטירט צענדליגער מיליאנען דאלארן אין געזונטהייט, בילדונג, אינפראסטרוקטור, מעדיצין, עסן, קליידער, ריינע וואסער, עמערדזשענסי הילף, און אנדערע פראיעקטן אין אלע שטעט איבער קאנגא.

אבער דאס איז נאך גארנישט קעגן דער שטיצע פון וואס טויזנטער אידן אין ארץ ישראל געניסן פון ר' דן. ר' דן שטיצט פארשידענע תלמודי תורה, ישיבות און חסד ארגאניזאציעס, און פארמאגט אויך אן אייגענעם כולל אין בני ברק וואו עס לערנען גאר גרויסע תלמידי חכמים וועלכע ווערן אויסגעהאלטן דורך אים. אויך האט ער געהאלפן בויען א צאל נייע בתי מדרשים און חינוך אנשטאלטן אין ירושלים און בני ברק.

ר' שמואל (ראני) וויליאם

כאטש מיר האבן נישט אזויפיל געהערט דעם נאמען, איז ראני וויליאם א באקאנטע פערזענליכקייט אין דעם "העלטקעיר" סעקטאר פון דער שטאט סינסינעטי אין אהייא, באוואוסט מיט זיין פירערשאפט אין לאנגטערמיניגע קעיר סערוויסעס און זיין אקטיווער שטיצע פאר אידישע מוסדות.

ראני איז אויפגעוואקסן אין א פשוט'ער שטוב אין פילאדעלפיע, און האט פארלוירן זיין טאטן ווען ער איז געווען אין ישיבה. זיין מאמע האט שפעטער חתונה געהאט מיט א רייכן סינסינעטי ביזנעסמאן, און דורכדעם האט ראני געגרינדעט זיין ביזנעס דורכן קויפן א גראסערי געשעפט אינאיינעם מיט א שותף, וואס האט אים געברענגט צו ווייטערדיגע ביזנעס געלעגנהייטן. זינט ער איז אויפגעוואקסן אן זיין טאטע און זיין משפחה האט זיך געמוטשעט, האט ער א ספעציעל ווארעמע געפיל צו העלפן נויטבאדערפטיגע און לומדי תורה.

ער דינט אלס פרעזידענט פון דער לאנגטערמיניגער קעיר אפטיילונג ביי "קאמוניקעיר פעמילי אוו קאמפאניס", און זייט ער האט זיך אנגעשלאסן אין "קאמוניקעיר" האט ער געשפילט א וויכטיגע ראלע אין דער אויסברייטערונג פון דער פירמע אין דער העלטקעיר וועלט.

מיט זיינע גרויסע צדקות האלט ער אן די אידישע אקטיוויטעטן אין שטאט, אריינגערעכנט די בתי מדרשים, כוללים, און מוסדות התורה. ווי אויך טוט ער אסאך אויף אויפ'ן פאליטישן פראנט ווען עס קומט צו העלפן ארטאדאקסישע אידן איבער אמעריקע.

ר' דן גערטלער

עֵץ־חַיִּים הִיא
לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ
וְתֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר

You want us in your passenger seat.
Let’s ride together.
GCNY
Branding and marketing for electrifying companies → gcnymarketing.com

בעזהשי"ת

FOR SALE

3 FORSHEE STREET

Monroe, NY 10950

וויניגער ווי א מינוט פון די הערליכע
באוואוינטע העלף האללא געגנט





3,858 + SQ.FT // 0.189 Acre
5 Bedrooms // 4 Bathrooms
10' ceiling // + Many more

Asking price: *Only* **$1,299,000**

SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL
Since 2011
RESIDENTIAL
ONE CALL DOES IT ALL

MK REALTY
Residential & Commercial

845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com

48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY

LISTING AGENT
משה שמחה קויפמאן
לייסענס# 10311206102
845.537.0475

LISTING AGENT
אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס# 10401304475
845.782.0205 x108

דוד לייב קרויס
לייסענס# 10401317322
845.274.3765

נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס# 10401300864
845.728.1429

אברהם חיים לעווי
לייסענס# 10401327281
845.238.1162

אברהם הערש גפן
לייסענס# 10401378950
845.837.0943

At Brazen, you get a
good paying tenant
on day one.
FOR RENT
BRAZEN
MANAGEMENT
RENTED
avrumy.com
WE OFFER
insurance
coverage
ON YOUR
RENTAL
INCOME
BRAZEN
MANAGEMENT
YOUR INVESTMENT, OUR PRIORITY
When you own an investment property, every month's rent matters. That's why the Brazen team ensures you get reliable, well-paying tenants quickly, so you never miss a month of rent roll.
Contact us today.
908.944.7244 | info@brazenmanagement.com
SERVING
Union, Essex, Hudson Counties.
specializing in Linden, Roselle, Rahway areas

א ביזנעס
אויף פליגל

ען

שרייבער פונעם וועכנטליכן "פינאנצמאן" קאלום טיילט מיט
נוצליכע געדאנקען וויאזוי צו "פירן" אייער ביזנעס פון זיין
פערזענליכער **ערפארונג אלס א פילאט** | משמים הביט

חיים ווייסבערג

א פראבלעם? ווענדט זיך פאר וועמען...

זענט איר שוין אמאל געווען אויף א פליגער און ארויסגעקוקט פון פענסטער? אויב יא האט איר געוויס באמערקט אז אלעס זעט אויס זייער קליין. יעדע געביידע, און אפילו גרויסע שטעט, זעען מיטאמאל אויס ווי בלויז נאך א קליינע פינטעלע אין דעם גרויסן בילד פון טויזנטער פינטלעך.

ווען מען זאל אייך זאגן אז אין איינעם פון די פינטלעך זיצט א מענטש וואס זארגט זיך אז עס רעגנט אריין פון זיין דאך, וואלט איר עס באטראכט ווי א קליינער פראבלעם, "ס'איז בלויז נאך איין פיצל הויז פון אזויפיל אנדערע הייזער, ווי גרויס קען שוין זיין דער פראבלעם?"... אבער פאר דעם מענטש וואס זיצט אין דעם הויז און קוקט זיך ארום ווי זיין פארמעגן ווערט נאס און קאליע, קוקט עס אויס ווי א געפערליכער פראבלעם, אזש די וועלט גייט זיך ענדיגן.

דאס איז וויבאלד יעדער פראבלעם זעט אויס אנדערש אויב מען באטראכט דאס מיט א בליק פון דער הייך. מ'זעט אסאך מער און מ'קען מאכן בעסערע באשלוסן, האבנדיג א גרעסערע און ברייטערע בילד פאר די אויגן.

אט דאס איז איינער פון די געדאנקען וואס איז מיר אדורכגעלאפן אין קאפ פליענדיג מיט מיין עראפלאן העכער בארא פארק... סיידן מיין אקאונטינג ביזנעס פארמאג איך אויך א לייסענס צו פירן אן עראפלאן, און בשעת מיר זענען אלע פארנומען צו טראכטן פון אונזערע פראבלעמען פלי איך אין דער הייך און באקום א ברייטערן בליק אויף דעם האריזאנט. פון מיין פילאט קאבינע קוק איך צומאל אראפ אויף די מענטשעלעך וואס זארגן זיך, און עס פליט מיר אדורך די מחשבה אין קאפ: 'ביים אנדערן עק שטאט זיצט א צווייטער מיט די זעלבע דאגות; ער זעט בלויז זיינע ד' אמות און כאפט נישט אז דער באשעפער איז גרעסער פון דעם.'

צוביסלעך האב איך אנגעהויבן באמערקן אז מ'קען זיך אפלערנען אסאך וויכטיגע זאכן פון פירן א פליגער. די געדאנקען קענען צונוצקומען ווען עס קומט צו פירן א ביזנעס, פירן א משפחה, אדער ווען עס קומט צו סיי וועלכע נסיונות און שוועריגקייטן מיט וואס יעדער פארמעסט זיך אין לעבן.

אין דעם פאלגנדן ארטיקל וויל איך מיט אייך מיטטיילן עטליכע פון די געדאנקען און עצות וואס זענען מיר אריין טיף אין קאפ פליענדיג מיטן פליגער, און צונוצגעקומען דורכאויס מיין קאריערע אלס אקאונטענט, ווי אויך אין פריוואטן לעבן.

ליינט און האט הנאה!

פירנדיג דעם ערעפלאן אין די העכערע ספערן

פאַרגעסט נישט פונעם פולן בילד

דאס וועט יעדער מודה זיין, אז רעדנדיג פון ביזנעס אין אלגעמיין, איז וויכטיג צו באטראכטן די האנדלס־וועלט מיט א בליק פונדרויסן. ווען א מענטש געפינט זיך אין זיין אייגענער וועלט וועט ער אפטמאל פארפעלן צו זען דאס פולע בילד, און דאס וועט דירעקט אפעקטירן זיינע באשלוסן און מהלך המחשבה אויף וויכטיגע אנגעלעגנהייטן.

צום ביישפיל, ווען איר זאלט ווען צוגיין צו דער "עמפייער סטעיט" געביידע אין מאנהעטן און פרובירן ארויפקוקן, וועט איר מעגליך זען א היבשע צאל שטאקן, איר וועט מעגליך רעאליזירן אז די געביידע איז עטוואס העכער ווי אנדערע געביידעס, אבער איר וועט נישט קענען ארויסהאבן דאס פולע בילד איבער דער ווירקליכער הויכקייט פון דער געביידע. ווייל איר האט עס נישט באטראכט מיט א בליק פון דער הייך, אין פארגלייך צו די אנדערע געביידעס אויפ'ן האריזאנט.

דאס זעלבע איז אין ביזנעס. אן ארבעטסגעבער וואס מוטשעט זיך מיט א שווערן קליענט אדער סעזאן, וועט מעגליך באטראכטן זיין סיטואציע ווי די וועלט איז געקומען צו אן ענדע. אבער אויב באטראכט ער דאס פולע בילד, ער קוקט צוריק אויף די אלע יארן וואס ער האט זיך שוין פארמאסטן מיט שווערע מענטשן און מצבים, ער קוקט וויאזוי אנדערע פארמעסטן זיך, און קוקט אויפ'ן לאנגן טערמין, וועט ער צוגיין געזונטליך אנדערש צו זיין מצב.

דעריבער, ווען עס קומט צו א מצב אז מען פארמעסט זיך מיט סיי וואס אין ביזנעס, אדער אפילו אין טאג־טעגליכן לעבן, איז זייער וויכטיג מ'זאל קיינמאל נישט פארפעלן צו באטראכטן דאס גאנצע בילד און נישט קוקן קורצזיכטיג. אפילו ווען עס זעט אויס ווי די וועלט קומט צו אן ענדע, דארף מען געדענקען אז דאס איז בלויז רעלאטיוו צו אונזער שמאלן בליק, לויט וויאזוי מיר באטראכטן די געשעענישן, ווי ווייט אונזערע אויגן קענען זען.

אויב מיר וועלן זיך אויפהייבן און קוקן מיט א בליק פון דער הייך, וועלן זאכן באקומען א גענצליך צווייטן אויסקוק.

אט דער אויבנדערמאנטער כלל האב איך זיך איבערצייגט פון מיין פילאט קאַבינע. ווען עס קומט צו לאנדן אן עראפלאן איז איינע פון די

ווען מיר זעען א רעקלאמע פון א נייער ביזנעס ווערלן מיר נישט אריינטראכטן צו טיף אז דאס באדייט אז נאך א איד האט זיך ארויסגעלאזט אויף א נייער רייזע

שווערסטע זאכן צו טרעפן דעם לופטפעלד. ווען מ'קוקט אראפ פון דער הייך זעט מען בלויז פעלדער און וועלדער אדער שטעט און דערפער, און דער קונץ איז צו דערקענען די פונקטליכע לאקאציע פון דעם לופטפעלד זייענדיג אין דער הייך.

אויב איז די רעדע פון א שטאט וואס מ'באזוכט אפט איז איין זאך, אבער אויב מען פארט יעצט צום ערשטן מאל אויף א רייזע צו א פרעמדער שטאט, איבערהויפט אויב דער לופטפעלד איז צווישן באוואוינטע געגענטער, איז דאס שוין אינגאנצן א צווייטע מעשה.

ווי העכער מען געפינט זיך אין דער לופט, אלס גרינגער איז צו דערקענען דעם לופטפעלד, ווייל מ'האט א ברייטערן בליק אויפ'ן האריזאנט. אבער ווען מ'נידערט דעם עראפלאן צו לאנדן קען זיין שווער צו טרעפן דעם ראנוועי, ווייל דער אויסבליק ווערט קלענער און די שטאטישע גאסן ווערן גרעסערע.

איך האב באמערקט אז דאס איז פונקט ווי אין ביזנעס, ווען מ'דארף קענען קוקן מיט א בליק פון א פייגל. ווי מער מיר קענען ארייננעמען דאס פולע בילד אין קאפ צו באטראכטן אלע געשעענישן פון ארום און נעמען אלע דעטאלן אין חשבון, אלס מער פאטענציאל האבן מיר צו באקומען א קלארן בליק און נישט פארלוירן ווערן ווען זאכן גייען נישט ווי געפלאנט.

א ביזנעס רייזע

ב"ה אז דער היימישער ציבור וואקסט מיט הויכע פראצענטן בליעה"ר, און עס גייט כמעט נישט אדורך א טאג וואס מיר באגעגענען זיך נישט מיט פרישע היימישע ביזנעסער. אבער מערסטנס מאל ווען מיר זעען א רעקלאמע פון

א נייער ביזנעס וועלן מיר נישט אריינטראכטן צו טיף אז דאס באדייט אז נאך א איד האט זיך ארויסגעלאזט אויף א נייער רייזע וואס וועט געוויס קומען באגלייט מיט עליות און ירידות.

פון מיין קוק־ווינקל, איז עפענען א נייע ביזנעס ענליך צו א פלי־רייזע מיט אן עראפלאן פון ניו יארק קיין קאליפארניע. מ'דארף קענען פירן דעם עראפלאן, מ'דארף זיך קענען אויפהייבן און לאנדן אין אלע אומשטענדן, בלייבן אין דער לופטן, זיך פארמעסטן מיט שווערע וועטערס און סעזאנען אדער סיי וועלכע אומפאראויסגעזעענע אינצידענטן.

נאך א זאך מיט וואס ס'איז ענליך: ביים פירן אן עראפלאן ווייסט יעדער אז איין אומריכטיגער באשלוס קען חלילה זיין פאטאל. פונקט אזוי איז אויך אין ביזנעס, ווען א שלעכטער באשלוס קען באגראבן אפילו די געלונגענסטע פירמעס. דעריבער איז וויכטיג צו נעמען א לערער אלס דער ערשטער טריט אויף דער ריזיקאלישער רייזע.

יעדער פארשטייט אז מ'לערנט זיך נישט אליין צו ווערן א פילאט, נאר מ'גייט צו א לערער. און נישט סתם א לערער, נאר א מענטש וואס האט א ספעציעלן לייסענס אז ער האט ערפארונג מיט פליען און ער האט זיך באזונדער געלערנט צו זיין א לערער פאר אנדערע.

און אפילו שוין נאכן זיצן מיט'ן לערער אין דער פילאט קאבינע, קען זיך אפט מאל מאכן אז מען וועט מוזן טוישן און נעמען א צווייטן לערער, אין פאל מ'לערנט א געוויסע זאך אבער עס גייט נישט אריין אינעם קאפ פונעם תלמיד. עס קען זיך מאכן אז מ'פארשטייט זיך זייער גוט מיט'ן לערער, אבער זיצנדיג א שטיק צייט מיט'ן זעלבן מענטש וועט ער נישט קענען דערגרינטעווען פונקטליך וואס דער תלמיד פארשטייט נישט, און א פרעמדער וועט עס תיכף באמערקן.

דאס איז אויך א וויכטיגער כלל אין ביזנעס, אז ווען מ'וועלט אויס א ביזנעס קאנסולטאנט וכדו' זאל מען אוודאי נעמען עמיצן מיט ערפארונג, אבער אפילו אזוי דארף מען כסדר זיכער מאכן אז מ'נעמט אין באטראכט דאס "פולע בילד און מען איז קלאר אין אלעם. אויב זעט מען אז מ'בלייבט שטעקן ביי א געוויסער נקודה און מ'קען נישט ארויסקריכן, לוינט זיך צו הערן א צווייטע מיינונג.

אין זייער אסאך פעלער וועט א דרויסנדיגער מענטש קענען ארויסהעלפן צו באקומען

↵

קלארקייט. נישט דווקא ווייל ער איז בעסער, נאר דער פאקט אז ער קומט פונדרויסן און איז נישט פארמישט אין די איינצלהייטן וואו מ'איז שטעקן געבליבן, וועט אים געבן די מעגליכקייט צו כאפן וואס דא גייט פאר און וויאזוי מ'גייט ווייטער.

אין א וועלט פון היימישע ביזנעסלייט און היימישע עקאנאמיע זענען מיר ב"ה פארפלייצט מיט כל ערליי ביזנעס קאנסולטאנטס, קאוטשעס, אגענטן, פלאנירער און פינאנציעלע עקספערטן, יעדער מיט זיינע עצות און געדאנקען, סטראטעגיעס, ראט און טאט. דער דורכשניטליכער ביזנעסמאן וואס דארף כסדר מאכן באשלוסן און קאמוניקירן מיט ארבעטער און שותפים, וועט זיך טאקע נויטיגן אין אן אביעקטיווער מיינונג פון א דרויסנדיגן מענטש וואס זאל אים צייגן דאס פולע בילד. און געוויס איז וויכטיג צו הערן די מיינונגען פון ערפארענע מענטשן איידער מ'לאזט זיך אריין אין דער ביזנעס וועלט אדער ווען מ'שטייט איידער'ן מאכן וויכטיגע באשלוסן.

דער וועג ארויף איז אנדערש

יעדער מענטש ווייסט אז דער וועג אויף ארויף איז א פראצעדור וואס קומט באגלייט מיט שוועריגקייטן, אבער אלס פילאט האב איך באקומען א טיפערן אריינבליק אין דער נושא.

ביי אן עראפלאן ווייסט מען אז אויב מאכט זיך אמאל אז מען לאנדעט, און צוליב סיי וועלכער סיבה דארף מען זיך צוריק אויפהייבן, דארף מען שנעל ארומטוישן די גאנצע איינשטעלונג און סיסטעמען פונעם עראפלאן. דאס הייסט, ווען אן עראפלאן הייבט זיך, פארט עס אנדערש ווי ווען עס לאנדעט, און אויב מען וויל מאכן דעם טויש אין עטליכע סעקונדעס דארף מען בליץ שנעל טוישן די "פלעפס", לאנדונג און ברעיק סיסטעמען, און נאך פארשידענע זיכערהייט סיסטעמען - אלעס אין גאר א קורצער צייט.

עס מיינט נישט אז עפעס טויג נישט מיט'ן עראפלאן אדער פילאט, נאר אז מ'דארף נעמען אין באטראכט אז יעצט פארט מען ארויף, און זאכן אפערירן אנדערש ווי אויפ'ן וועג אראפ. עס איז בלויז נאך א כלל אין די כללים פון נאטור, און צייגט נישט אויף א טעות אדער פראבלעם.

מיט דעם קען מען פארשטיין אז ווען א ביזנעס וואקסט דארף מען טוישן דעם מהלך. מען דארף טוישן און אדאפטירן די מהלכים און סטראטעגיעס וואס מ'נוצט ווען מ'פארט אויף ארויף. אבער דאס מיינט בכלל נישט אז עפעס טויג נישט מיט דער ביזנעס אדער מיט'ן מענטש, נאר דאס איז פשוט דער וועג וויאזוי עס ארבעט. מ'דארף געדענקען אז דער וועג ארויף איז א שווערע, און אפערירן לויט די כללי הבריאה.

א שטילקייט אינעם שטורעם

דער שווארצער חלום פון יעדן פאסאזשיר ווערט גערופן "טורבולענס", נעמליך, דער עראפלאן שאקלט זיך שטארק צוליב די ווינטן.

ווען א פילאט פירט זיין עראפלאן אין רואיגע הימלען מיט א קלארן האריזאנט, וועט זיך טאקע נישט אויספעלן ער זאל זיין צו איבערגעשטערעגעט און פארנומען מיט זיין רייזע, אבער ווען זאכן הייבן אן פארן ווילד איז שוין א צווייטע מעשה. דאן וועט ער דארפן נוצן זיינע מענטשליכע אינסטינקטן אינאיינעם מיט זיין ערפארונג און אויסגעשארפטע אייגנשאפטן צו דערהאלטן זיך און אנגיין ווייטער מיט דער רייזע. ווי אויך וועט אויספעלן א שטארקע גרייטקייט צו קענען מאנעווורירן דעם עראפלאן אין די שווערע אומשטענדן.

רייזנדיג אלס פאסאזשיר אויף אן עראפלאן וועלן אסאך מענטשן כאפן א טויט-שרעק ווען זיי שפירן ווי דער עראפלאן הייבט זיך אן ווארפן אין דער לופט ווי אן אומסטאבילער פויגל. אבער דאן וועלן זיי הערן די רואיגע שטימע פונעם פילאט ווי ער מעלדט איין אז עס איז נישט עק וועלט, דער עראפלאן פארט איצט אדורך אין א שטורמישן וועטער, און ביז אפאר מינוט וועט זיך אלעס בארואיגן.

נו, וואס איז דער סוד פון פילאטן אז זיי ווערן נישט איבערגענומען פון א שטורעם?

איר קענט באטראכטן א גרופע פייגלעך אין אן אפענעם שטח וואו עס איז מער ווינטיג, וועט איר זען אז זיי נוצן די ווינט זיך צו הייבן העכער

אלזא, יעדער עראפלאן איז געבויעט אויף א וועג אז עס קען זיך האלטן אין דער לופט, אפילו אין שטורמישע אומשטענדן. ווען זאכן ווערן ווילד, וועט דער עראפלאן זיך ווארפן, אבער עס איז נישט צופיל אנדערש ווי ווען איר פארט מיט א קאר אויף אן אומאויסגעפלאסטערטן שאסיי. דער קאר שאקלט זיך טאקע, אבער איר זענט רואיג אז עס וועט זיך נישט איבערדרייען, ווייל עס איז דאך געבויעט געווארן צו פארנעמען "באמפס". איר ווערט נידערן די שנעלקייט, פרובירן אויסצומיידן ווי ווייט מעגליך די בערג און טאלן אויפ'ן שאסיי, ביז ווען דער שאסיי ווערט צוריק אויסגעגליכן.

אן עראפלאן איז זייער ענליך צו דעם. ווען מ'באגעגנט זיך מיט ווינטן איז עס ווי "באמפס" אויפ'ן שאסיי. מ'נידערט די שנעלקייט און מ'פרובירט זיך צו האלטן גראד ווי ווייט מעגליך, און איבער אלעם - מ'שלאגט זיך נישט מיטן מציאות. דער עראפלאן שאקלט זיך? פרובירט מען נישט צו פליען אראפ און ארויף, נאר מ'האלט זיך אין ליניע און מ'גייט מיט'ן פלוס.

האלט זיך רואיג, און לאז זיך פירן, און ביז אפאר מינוט וועט עס אריבערגיין.

איר קענט באטראכטן א גרופע פייגלעך אין אן אפענעם שטח וואו עס איז מער ווינטיג, וועט איר זען אז זיי פלאטערן נישט מיט די פליגלעך זיך צו שלאגן מיט דער ווינט, נאר אדרבה, זיי נוצן די ווינט זיך צו הייבן העכער. אזוי אויך קענט איר זען "גליידערס" וועלכע אפערירן אן א מאטאר און פארלאזן זיך אויף דער לופט זאל זיי פירן.

די לעקציע וואס מיר נעמען ארויס דערפון איז דאך איבעריג צו זאגן. וויפיל מאל זעען מיר מענטשן וואס פרובירן צו באקעמפן זייער שוועריגקייטן מיט די אייגענע כוחות, אבער פארפעלן צו אנערקענען אז זייער קאמף וועט זיי בלויז אויסמוטשענען, און וועט נישט ברענגען קיין רעזולטאטן. זיי לויפן ארום צו מענטשן און באגייען ווילדע שריט זיך ארויסצוזען פון זייער מצב, אנשטאט צו זיצן רואיג און לאזן דעם באשעפער פירן די וועלט.

אבער ווען מען פארלאזט זיך אויפן באשעפער וויסנדיג אז אפגעזען דעם מצב איז ער מיט דעם מענטש אויף יעדן ריה, מ'ווארט מיט געדולד ביז ער ברענגט די ישועה, און גלייכצייטיג נוצט מען די שוועריגקייטן זיך צו הייבן העכער, גייט די שווערע צייט אדורך פיל

שיינע סצענעס געכאפט פון מיין קאבינע העכער ניו יארק סיטי

רואיגער און געשמאקער בסייעתא דשמיא.

נעמט איבער דאס רעדל מיט א פעסטקייט

דער וועג וויאזוי עס גייט צו ווען מ'וויל באקומען לייסענס צו פירן א פליגער איז, אז צוערשט פליט מען אסאך שעות צוזאמען מיט א לערער, און ווען יענער זעט אז דער סטודענט איז שוין גרייט און גענוג טרענירט צו קענען פליען אליין, גיבט ער אים ערלויבעניש צו פליען אליין אן קיין באגלייטער פון איין פלאץ צום צווייטן, און נאר נאכדעם קען מען באקומען דעם לייסענס.

(בדרך אגב, דאס איז אן אינטערעסאנטער חילוק צווישן דער פראצעדור צו באקומען לייסענס צו דרייוון א קאר און דער פראצעדור צו באקומען פילאט לייסענס. א קאר טאר מען נישט דרייוון אליין ווילאנג מ'האט נישט קיין לייסענס, משא"כ א פליגער איז פונקט פארקערט - מ'קען נישט באקומען קיין לייסענס בעפאר מען דרייווט עס אליין.)

איך געדענק ווען איך בין געפארן מיט מיין לערער, ווען ער האט מיר געזאגט אז מיין קומענדיגע רייזע וועל איך מאכן איינער אליין. עס האט מיך געכאפט אן ערנסטן פחד; וואס טו איך אויב עס מאכט זיך חלילה א פראבלעם? א שטורעם? אן עמערדזשענסי? ביז דעמאלט האב איך געהאט די רואיגקייט אז דער לערער זיצט נעבן מיר און ער וועט מיר העלפן אויב עס קומט אונטער א פראבלעם, אבער ווען איך האב זיך געזעצט ביים קאנטראלער איינער אליינס האב איך געציטערט.

אט דעם פחד האב איך געדארפט דורכברעכן און אויסקלארן אין קאפ מיין גרייטקייט צו נעמען א ריזיקע, און גלייכצייטיג זיין רואיג אז איך האב זיך געלערנט דעם פאך און עס איז נישטא פון וואס מורא צו האבן. איך האב געוואוסט ביי מיר אז למעשה האב איך געלערנט לאנגע שעות צו פליען, מ'האט מיך טרענירט און גרייט געמאכט פאר אלע סארטן עמערדזשענסי פעלער, און אצינד דארף איך בלויז לייגן דעם פחד אין א זייט און טון וואס איך האב צו טון.

נאך א זאך וואס מ'לערנט אונז אויס איז נישט צו ווערן א פאסאזשיר אין דיין עראפלאן. נעמליך, אלס פילאט ליגט אויף דיר אן אחריות צו בלייבן אין קאנטראל א גאנצער צייט און אויסרעכענען די קומענדיגע שריט נאך איידער זיי פאסירן. דער לופט-טראפיק קאנטראלער ווארפט דיר כסדר אויפגאבעס, כדי דו זאלסט באקומען דאס געפיל פון אחריות און טראכטן פון פריער וואס דו וועסט טון ווען ער וועט דיר פלוצלינג הייסן צו טון אזוי און אזוי.

דעם אויספיר ווייסט איר דאך שוין... אין ביזנעס דארף מען קענען נעמען ריזיקעס, און גלייכצייטיג בלייבן רואיג און פארזיכערט מיט די באשלוסן וואס מען מאכט. די צייט צו קווענקלען איז איידער'ן מאכן א באשלוס, אבער איינמאל מען זיצט ביים רעדל - פארט מען!

נאך א זאך וואס מ'קען פון דעם ארויסנעמען: איר זענט אין קאנטראל פון אייער ביזנעס און קיינער אנדערש נישט. איר האט דעם אייגענעם אחריות פאראויסצוזען זאכן און תיכף נעמען שריט, נאך איידער איר וועט זיך געפינען אין א מצב ווען עס איז שוין צו שפעט.

בלייב פליען!

דורכאויס די טרענירונגען וואס פילאטן גייען אדורך, וועט דער לערער עטליכע מאל אויסלעשן די מאטארן אין דער לופט, און פארלאנגען דער סטודענט זאל לאנדן דעם

↵

עראפלאן מיט אויסגעלאשענע מאטארן. איך האב אויך אדורכגעמאכט אזעלכע מיסיעס, און געמוזט לאנדן מיין עראפלאן אן קיין מאטארן. דאס נעמט אריין קאנטראלירן די שנעלקייט מ'זאל נישט פארן צו שטייט און מוזן לאנדן אויף א פעלד, אדער צו שנעל און פארפעלן דעם ראנוועי, ווי אויך קאנטראלירן די הויכקייט - אלעס אן אקטיווע מאטארן!

פון דעם קען מען ווייטער ציען שטריכן צו דער ביזנעס וועלט, ווי אויבנדערמאנט. אין ביזנעס דארף מען צומאל קענען דרייוון אן מאטארן. נעמליך, מ'דארף זיך קענען באגיין אין קאמפליצירטע מצבים ווען מ'פארלירט די כוחות, מ'דארף קענען אנגיין איינער אליינס אפילו ווען מען באקומט נישט קיין שום הילף, און מ'דארף זיכער מאכן אז מען פליט נישט אראפ פון די שינעס אין אזעלכע פעלער.

באלאנסירן דעם בליק

ווען עס קומט צו ליינען די ספעציעלע מאפע אין דער פילאט קאבינע, וועט דער פילאט מוזן האבן די נויטיגע ערפארונג צו וויסן וויאזוי עס צו ליינען און זיין גרייט פאר א נויטפאל.

אויב מען וויל באקומען א ברייטערן בליק אויף דער מאפע און מ'מאכט קלענער די גאסן, וועט די מאפע אויטאמאטיש ארויסלאזן אסאך וויכטיגע דעטאלן איבער די געביידעס און גאסן פון שטאט, ווייל טאמער נישט וועט די מאפע בלויז איבערגעפילט ווערן מיט דעטאלן און ווערן אומקלאר צום ליינען. דאס איז פונקט ווי אויף א GPS וואס מען נוצט ווען מען פארט אין א קאר, וואס אויב מען "זומט" אריין זעט מען גרעסער די גאסן און מער גענויע דעטאלן איבער די נעמען פון די גאסן און וואס זיי אנטהאלטן, אבער עס ציינט א קלענערע צאל גאסן, און אויב מען "זומט" ארויס זעט מען מער גאסן אויפאיינמאל אבער ווייניגער קלארקייט איבער די דעטאלן. אזוי אויך אויפן פליגער, קען מען אדער זען מער פלעצער און ווייניגער דעטאלן, אדער קוקן מיט א נאנטערן בליק און זען ווייניגער גאסן און מער דעטאלן איבער וואס עס געפינט זיך אויף דער ערד אונטער זיך, ווי געביידעס אד"ג. דעריבער דארף מען קענען באלאנסירן צווישן דער גרויסער און קליינער מאפע, און ארייננעמען אלע דעטאלן בשעת מען מאכט זיכער צו פאקוסירן אויפ'ן גאנצן בילד.

אזוי אויך אין ביזנעס דארף מען באלאנסירן דעם בליק, ווען מ'דארף אלעמאל זיכער מאכן אז מ'האט ארויס די פילצאליגע קלענערע

שיינע סצענעס געכאפט פון מיין קאבינע העכער דעם ים

דעטאלן, און גלייכצייטיג נישט פארגעסן צו נעמען אין באטראכט דאס גרעסערע בילד.

נישט ווערן פארלוירן פון געפילן

די נושא פון אויג-פארבלענדעניש פארנעמט א מכובד'ג ארט ווען עס קומט זיך צו לערנען צו פירן אן ערעפלאן. ווען עס מאכט זיך א שווערן וועטער און מען פארט אין וואלקנס, קען מען גארנישט זען, און מ'קען נישט ארויסקוקן צו זען אין וועלכער פאזיציע מען געפינט זיך. ווען א מענטש זעט נישט, קען זיין דמיון אנהייבן שפילן. ער קען זיין גראד און מיינען ער איז שיף, ער קען זיין געוואנדן אויף ארויף און מיינען אז ער פארט אראפ.

צומאל ווען די נאז פונעם ערעפלאן איז געוואנדן אויף ארויף קען מען שפירן ווי מ'פארט אראפ, בשעת אין אמת'ן פארט מען ארויף. אפילו ווען מ'קוקט ארויס פון פענסטער קען זיך ווייטער דאכטן אז מ'פארט אראפ, וואס קען גורם זיין אז מ'זאל נאך מער ריכטן די נאז אויף ארויף, און פארקירעווען דעם ערעפלאן שטארק שיף אויף ארויף. וואס קען דאן פאסירן איז, אז דער ערעפלאן זאל ווערן כמעט גלייך אויף ארויף, און ער וועט פארלירן זיין כח, ווייל ווען ער פארט מער אויף ארויף ווי צו פארן ווייטער פאראויס, האט ער נישט גענוג לופט איבער די פליגלען צו פארן ווייטער, און ער קען אנהייבן פאלן. דאן הייבט מען אן שלעפן די קאנטראלערס און דער ערעפלאן קען פארלירן דעם באלאנס.

דעריבער לערנט מען אונז אויס זיך צו פארלאזן אויף די ספעציעלע קאמפיוטער סיסטעמען אויפ'ן ערעפלאן און אזוי מאכן באשלוסן, טראץ וואס עס ווייזט אנדערש ווי וואס מען פילט. ווייל די געפילן פון דעם מענטש פארנארן אים, צוליב דעם וואס ער קען נישט זען וואס עס טוט זיך אינדרויסן, און ממילא מוז ער גלייבן וואס דער קאמפיוטער ווייזט.

דאס איז נאך אן אינטערעסאנטער און וויכטיגער כלל פאר יעדן מענטש. צומאל מיינט א מענטש אז ער איז פולקאם אין קאנטראל פון זיין לעבן, ער זעט און שפירט אלעס ארום אים, אבער אין פאקט איז עס נישט מער ווי אן אויגן-פארבלענדעניש און באמת שפאצירט ער אין פינסטערניש. דאס איז אמת סיי אין דער ביזנעס וועלט און סיי אין דעם טאג-טעגליכן לעבן צווישן מענטשן, יעדער מיט זיינע באשעפטיגונגען.

ווען א מענטש זעט נישט, קען זיין דמיון אנהייבן שפילן. ער קען זיין גראד און מיינען ער איז שיף, ער קען זיין געוואנדן אויף ארויף און מיינען אז ער פארט אראפ

מען דארף אנערקענען אז די געפילן קענען אונז פארפירן און מיר קענען זיי נישט אלץ געטרויען, און דער איינציגסטער אויף וועם מ'קען זיך פארלאזן מיט בלינדע אויגן איז דער גרויסער באשעפער וואס פירט אלעס, און מיט אים איז מען פארזיכערט צו גיין אין דער גוטער ריכטונג.

ירידה לצורך עלי'

נאך אין דער סעריע וואס איך האב זיך געלערנט פון מיינע ערעפלאן רייזעס, איז דער פארשטענדליכער פענאמען אז יעדע עלי' קומט מיט א ירידה.

אויב איינער וויל למשל פארן פון ניו יארק קיין פלארידע, האט מען ווי פארשטענדליך די אפציע פון פארן מיט אן אויטא אויף די שאסייען ביז אהין. נאר וואס דען, פארוואס פארט מען מיט אן ערעפלאן? דער תירוץ איז פשוט, ווייל ווען מ'איז אין דער לופטן מיידט מען אויס אלע שטערונגען אויף דער ערד וועלכע מאכן לענגער די רייזע, און מ'קען פליען אין א גלייכער ליניע און פיל שנעלער אן ווערן צוריקגעהאלטן פון סיי וואס. ווען מ'פליט ארויף אין דער לופטן, קען מען פליען אויף צוויי הונדערט מייל א שעה, און אזוי מאכן דעם וועג פיל שנעלער.

אבער, מ'קען נישט תיכף אנהייבן מיט אזא שנעלקייט. ווען דער ערעפלאן מאכט דעם וועג ארויף פונעם לופטפעלד ביז דער הייך וואו ער דארף אנקומען, קען ער נישט פארן אזוי שנעל ווי ווען ער איז אויבן און האלט זיך אויפן זעלבן שטאפל.

די סיבה דערצו איז ווייל אנצוקומען אויבן נוצט דער ערעפלאן פיל מער כח ווי ווען ער פארט גראד, און ער קען נישט דאן פארן אזוי שנעל. דאס הייסט אז אויב ווען ער פליט גראד קען ער גיין אויף צוויי הונדערט מייל א שעה, וועט ער אויפן וועג ארויף נאר קענען גיין אויף הונדערט מייל א שעה, ווייל טייל פון זיין כח נוצט ער זיך ארויפצושטופן.

דאס באדייט אז פאר א ווײלע גיבט מען אויף טייל פון די כוחות און מ'לאזט נאך דערפון, מיטן ציל צו קענען אנקומען העכער און דאן אויסנוצן די כוחות צום מאקסימום. טראץ וואס אויף דער מינוט קען אויסקוקן ווי דאס איז א שוואכקייט און נאכגעלאזקייט, פארשטייט מען אז עס לוינט יעצט אביסל אויפצוגעבן כדי צו קענען אנקומען צום פלאץ וואו מ'וועט קענען פילפאכיג העכערן די שנעלקייט.

דער געדאנק איז אויך נוגע אין ביזנעס. צומאל דארף מען אויפן קורצן טערמין גיין שטייט און צוביסלעך און זיין גרייט אויפצוגעבן פון דער שנעלקייט, כדי אנצוקומען צו א פלאץ וואו דארט וועלן זאכן בעז"ה פארן שנעל און געשמירט אן קיין שטרויכלונגען אויפן וועג. איינמאל מ'האט זיך אפגעמוטשעט צו מאכן דעם וועג ארויף און מ'קומט שוין אן אויבן, דאן איז צייט צו שניידן די פירות.

ביז אהער זענען עטליכע געדאנקען וואס איך האב ארויסגענומען פון מיין ערפארונג אלס פילאט, און געטראכט זיי אפצושרייבן אויף פאפיר פאר די חשוב'ע "אינגערמאן" ליינער. איך האף אז מיינע ווערטער וועלן אייך העלפן צו באקומען דעם ריכטיגן בליק און אונטערנעמען די נויטיגע סטראטעגיעס אין ביזנעס, און איר וועט מצליח זיין צו גיין העכער און העכער בסייעתא דשמיא.

הצלחה רבה!

זיך צו פארבינדן מיט ר' חיים ווייסבערג, CPA, קענט איר רופן 718.475.1455 אדער שיקן אן אימעיל צו Info@mountaindeer.com.

The information provided in this article is for general informational purposes only and is not intended, nor should it be construed, as tax, legal, or regulatory advice. For specific advice related to your business, taxes, or regulatory matters, please consult a qualified professional.

From Our Family to Yours ... א פרייליכן יום טוב!

BROOKLYN

UPSTATE



LAKEWOOD



Leadership



Sales Manager | Sales Manager | Sales Manager | Director of New Business | Advanced Sales

General Agent | General Agent

MassMutual
Brooklyn

Insurance Representatives of Massachusetts Mutual Life Insurance Company (MassMutual), Springfield, MA 01111-0001, and its affiliated US Insurance companies. Local firms are sales offices of MassMutual, and are not subsidiaries of MassMutual or its affiliated companies. Insurance products issued by Massachusetts Mutual Life Insurance Company (MassMutual), Springfield, MA 01111, and its affiliated US insurance companies. Securities and investment advisory services offered through MML Investors Services, LLC, Member SIPC® and a MassMutual subsidiary. Supervisory Office: 5914 11th Avenue, Brooklyn, NY 11219. Phone: (718) 879-1700.

Financial Services Representatives are independent contractors and are not employees of MassMutual, its subsidiaries, or of General Agents with whom they contract.

© 2025 Massachusetts Mutual Life Insurance Company (MassMutual®), Springfield, MA 01111-0001. All rights reserved. www.MassMutual.com

COR2847 823 MM202608-306576

↗Maxify®

Start your website now

Full website for just $675

→ Writing → Design → Develop → SEO → Hosting

Get a professional, friendly website for your business for only $675.
Plus, enjoy worry-free hosting and maintenance for **just $49/month**.
We'll take care of everything, from design to updates, so you can focus on what you do best—running your business. → Your Website, Done.

845.925.5881
info@maxifyteam.com

↗Maxify®

→ Maxifyteam.com

פערזאן פונעם יאר
אינגערמאַן

אינגערמאן פרעזענטירט:

פערזאן פונעם יאר

דער אינגערמאן האט דעם כבוד איינמאל א יאר צו אויסקלויבן איין פערזאן וועלכער האט גענוצט זיין כח היחיד צו ברענגען א געוואלדיגן אויפטו אינערהאלב דעם היימישן אידנטום, א רעוואלוציע, עפעס אויף וואס יעדער איז איינשטימיג אז דאס איז אן אויסנאם און עפעס מער ווי סיי ווען בעפאר.

דער "פערזאן פון יאר" איז נישט בלויז א טיטל וואס ווערט געשאנקען – עס איז פיל טיפער ווי דעם. עס טוט אפצייכענען און ארויסהייבן די פעולות פון א יחיד וואס האט גענומען אויף זיך צו ברענגען א טויש און פארבעסערונג אין א געוויסן הינזיכט, אויף א פארנעם וואס האט דערגרייכט גאר ווייט און געשלאגן טיפע ווארצלען.

היי יאר צייכענען מיר אפ דעם אנהייב פון דער יערליכער טראדיציע, וואו מיר וועלן ארויסהייבן איין אינגערמאן וועלכער פארדינט זיך ערליך דעם "פערזאן פון יאר" טיטל. מיר קוקן ארויס צו קענען ממשיך זיין מיט דעם יאר-יערליך, און ברענגען די פאסיגע שעצונג פאר די וועלכע פארדינען זיך עס.

הרבני הנגיד המפורסם **ר' יואל לאנדא** שליט"א,
הרבני הנגיד **ר' אברהם יודא גאלדבערגער** שליט"א,
הרבני הנגיד **ר' יואל ישראל זופניק** שליט"א



די ליינער האבן גערעדט, די ליינער האבן געוועלט, די ליינער האבן אפגעגעבן זייער שטימע אין די מאסן, און די רעזולטאטן זענען קלאר: "נומער איינס" קומט אריין דער אלעמען-באקאנטער הרבני הנגיד ר' יואל לאנדא, וועלכער האט באקומען די מערסטע שטימען צווישן אלע קאנדידאטן וואס זענען געווארן ארויסגעשטעלט.

עס איז פאר קיינעם נישט קיין חידוש, ר' יואל פארדינט עס ערליך. עס איז העכסט ווארשיינליך נישט פארהאן קיינער צווישן אונז וואס האט נאכנישט געהערט פון ר' יואל - און נישט איינמאל, נאר מערערע מאל, ווען ביי יעדן פרישן אויפטו זיינעם ווערט דער נאמען אויפגעברענגט פונדאסניי. יונג און אלט שטייען און באוואונדערן די השגות און כח היחיד פון אן איינצלנעם מענטש, און ווי ווייט דאס האט דערגרייכט.

דער "פערזאן פון דעם יאר" טיטל פאסט אויף ר' יואל צוליב עטליכע סיבות באזונדער, און יעדע איינע פון זיי פאר זיך וואלט ווארשיינליך גענוג געווען אים צו קרוינען מיט דעם טיטל. דעריבער איז נישט קיין וואונדער אז א מערהייט האבן אויסגעקליבן זיין נאמען, און אלע פינגער טייטלען אין זיין ריכטונג.

בראש וראשון שטארט ארויס דער געוואלדיגער דורכברוך און רעוואלוציע וואס ר' יואל האט געשאפן מיט דעם "קרן תוספות יום טוב" ארגאניזאציע, וואס האט אין א צייט-אפשניט פון עטליכע יאר באוויזן איבערצודרייען דעם גאנצן ענין פון "מורא מקדש" מן הקצה אל הקצה, מאכנדיג דאס זיך צוריקהאלטן פון רעדן ביים דאווענען און מכבד זיין דעם אויבערשטנ'ס הויז אלס נחלת הכלל.

רוב ליינער וועלן ווארשיינליך געדענקען ווען דאס האט זיך אנגעהויבן, ווען צוערשט האט מען זיך באגעגנט מיט א נייעם באשיידענעם גליון "נקדישך", וואס האט דאן אנגעהויבן מעורר זיין אויף קדושת ביהמ"ד און אז מ'זאל זיין נזהר איבער דער הארבקייט פון רעדן בשעת התפילה. עס איז דאן באטראכט געווארן ווי "נאך א גליון..." און קיינער האט נישט געקענט פאראויסזאגן וואספארא מהפיכה איז אונטערוועגנס.

שטייענדיג היינט-צוטאגס מיט א צאל יארן פארביי, דארף מען שוין פאר קיינעם נישט פארציילן וואו דאס איז עווענטועל אנגעקומען,

קרעדיט: בחצרות סאטמאר



די זיבן מיליאן דאלאר חלוקה אין וויליאמסבורג מיט צוויי יאר צוריק



ווייל ס'איז נישט דא קיינער וואס האט דאס נישט מיטגעהאלטן.

פון עפעס וואס איז אמאל באטראכט געווארן אלס א זאך וואס געהערט פאר "יחידי סגולה", איז די נושא פון דאווענען ווי עס פאסט פאר'ן מלך מלכי המלכים געווארן א זאך וואס יעדער איינער באשר הוא שם, יונג און אלט, בעה"ב און בחורים, קינדער און עלטערע אידן, יעדער אין זיין מצב און זיין פלאץ, האט געהערט אוון דערהערט, געהערט און נתעורר געווארן, געהערט און זיך מקבל געווען הייליגע קבלות, און אזוי האט דאס גענצליך ארומגענומען אלע שיכטן און קרייזן איבער דער גארער וועלט.

איבערהויפט דארף ארויסגעברענגט ווערן די בארימטע "נסיעות" צום ציון פונעם הייליגן תוספות יום טוב, וואס ר' יואל האט גענומען אויף זיך און אויסגעצאלט טיקעטס פאר הונדערטער אידן וועלכע האבן אויף זיך מקבל געווען די הייליגע קבלה צו זיין נזהר אין מורא מקדש. די גרויסארטיגע נסיעות האבן געהאט א געוואלדיגע השפעה אויף דער גאנצער אונטערנעמונג, סיי פאר די אנוועזנדע און סיי פאר טויזנטער אידן איבער דער וועלט וועלכע האבן דאס מיטגעהאלטן, און האט בלי ספק געשפילט א באדייטנדע ראלע אין דער גרויסער אויפוואכונג.

באזונדער איז ברייט באקאנט דער "שטענדערל" פראיעקט וואס ר' יואל האט אונטערגענומען, אז אפילו קינדער זאלן שוין פון יונגערהייט אן לעבן דערמיט און וויסן וויאזוי מ'דארף דאווענען פארן בורא עולם. דער פראיעקט האט געפירט אז טויזנטער קינדער זאלן נעמען אויף זיך קבלות און זיך אויסלערנען פירוש המילות, וואס האט ממש געטוישט די גאנצע נושא פון דאווענען ביי זיי.

נאך א גאר שטארקע אונטערנעמונג פון ר' יואל, וואס וואלט בלי ספק געווען גענוג גענוג אים צו שענקען דעם "פערזאן פון יאר" טיטל, איז די באקאנטע יו"ט חלוקות אין וויליאמסבורג וואס ווערט אפגעראכטן אין די לעצטע עטליכע יאר אויף א מאסיוון פארנעם.

עס לאזט זיך זאגן אז ר' יואל האט אריינגעברענגט א נייעם באגריף אין דעם היניקט פון ארויסהעלפן אחינו בני ישראל אין די צייטן ווען עס קומט א יו"ט און די הוצאות צו אריינברענגען דעם יו"ט זענען זייער גרויס. די פאנטאסטישע חלוקות פון אזויפיל פראדוקטן אין ווערד פון מיליאנען דאלארן וועלכע ווערן אויסגעטיילט פאר פילצאליגע משפחות אין וויליאמסבורג, טוט יאר איין יאר אויס פשוטו כמשמעו אויפרעכטן די שטיבער פון פילע תושבי וויליאמסבורג אויף א פארנעם וואס איז נישט געזען און געהערט געווארן בעפאר, און עס גלייבט זיך אז מערערע ליינער האבן דאס געהאט אין מחשבה ביים אויסוועלן ר' יואל לאנדא אלס דער "פערזאן פון יאר".

בעפאר די צייטן פון ר' יואל'ס חלוקות איז געווען א מורא'דיגער חידוש אויב מ'האט געהערט אמאל אז א נגיד האט מנדב געווען הונדערט טויזנט דאלער אדער מער פאר א קמחא דפסחא אדער פאר איין ספעציפישן צוועק, און ס'איז געווען שווער צו טראכטן פון אזעלכע נומערן. אבער מיט דעם וואס ר' יואל איז אריינגעקומען מיט א שטארקייט און געצייגט אז פון זיין אייגענעם טאש נעמט ער ארויס זיבן מיליאן דאלער כדי צו העלפן תושבי וויליאמסבורג אריינברענגען דעם יו"ט, האט דאס ארויפגעברענגט די השגות ביי אסאך אנדערע וועלכע האבן זיך מיטגעכאפט מיט זיין ווארעמקייט, און דערמיט איז כלל ישראל ארויף מיט א צאל שטאפלען אין די באגריפן פון חסד און צדקה.

.2

הרבני הנגיד ר' אברהם יודא גאלדבערגער הי"ו

אויפן צווייטן ארט פון צווישן די טויזנטער שטימען פאר דעם "פערזאן פונעם יאר", איז אריינגעקומען הרבני הנגיד ר' אבהם יודא גאלדבערגער הי"ו פון קרית יואל, וועלכער איז אין די לעצטערע יארן באקאנט געווארן מיט זיינע געוואלדיגע דערגרייכונגען אין דעם היניזכט פון העלפן משפחות אריינברענגען דעם יו"ט מתוך עושר וכבוד, אויף א פארנעם וואס האט נישט זיינס גלייכן.

ר' אברהם יודא זעלבסט, טראץ וואס ער איז א פארנומענער ביזנעסמאן, האט פולשטענדיג גענומען אויף זיך די אויפגאבע פון פארזארגן די פילע משפחות תושבי קרית יואל צו אריינברענגען דעם יו"ט בהרחבה. פאר דעם צוועק האט ער געגרינדעט די "מפעל שמחת יום טוב" ארגאניזאציע, וועלכע שיקט ארויס צוויי מאל א יאר, בעפאר יעדן יום טוב, טשעקס פון גאנצע אכצן הונדערט טאלער צו די פאסט קעסטלעך פון א גרויסע צאל משפחות אין קרית יואל.

דערמיט האט ער געשאפן א רעוואלוציע און א געוואלדיגן דורכברוך אויף א פארנעם וואס מ'האט נאך קיינמאל נישט געהערט ביז היינט. דאס געלט ווערט פארטיילט מיט דער גרעסטער מאס דרך כבוד וואס שייך, יעדער באקומט א טשעק וואס ער קען נוצן וואו און וויאזוי ער שפירט פאר וויכטיג, און ס'איז איבריג צו זאגן אז אזא סכום נכבד לייכט און שיינט אויף אידישע שטיבער אויף אן אומגעהויערן פארנעם.

א גרויס טייל פון די הוצאות ווערן געדעקט פון זיין טאש, און ר' יודא האט שוין בייגעשטייערט א סך הכל פון אזויפיל ווי דריי מיליאן דאלער צו העלפן אידן אריינברענגען דעם יו"ט מיט א ברייטקייט! אבער חוץ פון וואס ער נעמט א גרויס חלק בממון, באגנוגט ער זיך נישט דערמיט און טוט אויך דעם איבריגן חלק בגוף.

בעפאר יעדן יו"ט רעכט ער אפ א גרויסארטיגע מסיבה פאר פילצאליגע נדיבי לב, וואו ער פערזענליך גייט ארום פון איינעם צום צווייטן צו אנווארעמען די הערצער פון די משתתפים, און אזוי שטעלט ער אליין צוזאם דאס גאנצע געלט וואס פעלט זיך אויס צו פארזיכערן אז די הונדערטער משפחות זאלן קענען באקומען דעם ברייטהארציגן טשעק אויף יו"ט.

נעמענדיג דאס אלעס אין באטראכט קען מען בלויז צושאקלען מיטן קאפ און צושטימען אז יא, ר' אברהם יודא פארדינט זיך ערליך דעם טיטל, זייענדיג א ריכטיגער מוסטער וואס עס באדייט א איד מיט השגות, נאך וואס ער האט מיט זיינע אייגענע צוויי הענט געשאפן אזא געוואלדיגע מהפיכה וואס טוט אויפרעכטן און אויפלייכטן אידישע שטיבער ווי קיינמאל בעפאר.

שטימען ציפערן:

הרבני הנגיד ר' יואל לאנדא
3791 שטימען אריינגעקומען
- USA 3354
- CANADA 166
- ISRAEL 197
- UK 51
- BELGUIM 23

הרבני הנגיד ר' אברהם יודא גאלדבערגער
2144 שטימען אריינגעקומען
- USA 1691
- ISRAEL 442
- CANADA 8
- UK 1
- BELGUIM 2

הרבני הנגיד ר' יואל ישראל זופניק
1930 שטימען אריינגעקומען
- USA 1734
- CANADA 91
- ISRAEL 48
- UK 39
- BELGUIM 23

הרבני הנגיד ר' יואל ישראל זופניק הי"ו

עס קען מעגליך הייבן ברעמען ווען מ'הערט אז ר' יואל ישראל זופניק איז אריינגעקומען אויפן דריטן ארט אלס דער "פערזאן פון יאר". טראץ וואס זיינע מאסיווע פעולות צו אויפרעכטן צענדליגער טויזנטער משפחות אין ארה"ק זענען שוין היינט עטוואס מער באקאנט, דאך איז דער נאמען פון ר' יואל ישראל נישט עפעס פון וואס מ'הערט טאג און נאכט. מען רעדט פון א שטילן מענטש וואס זיצט זיך אין זיין ווינקל, זוכט נישט קיין פרסום, און איז בכלל נישט דער וואס זוכט ארויסצושטארן אויפן אויבנאן.

ווי עס שיינט האט אבער כלל ישראל א גוטן שמעק, און אפגעזען וויפיל מען הערט אדער רעדט פון זיינע פעולות, כאפט מען זייער שנעל אויף אז דא רעדט מען טאקע פון עפעס אויסנאמליך. עפעס וואס פארדינט טאקע אזא מכובד'יגן ארט, און פארדינט עס ערליך.

ר' יואל ישראל האט געגרינדעט די "טובה וברכה" ארגאניזאציע אין ארץ ישראל, וואס איז פיל מער ווי בלויז נאך אן ארגאניזאציע צו ארויסהעלפן אחינו בני ישראל אין ארה"ק אריינברענגען דעם יו"ט אין שטוב. דאס איז אן ארגאניזאציע וואס האט ממש איבערגעשריבן און געטוישט דעם גאנצן מציאות פון ארויסהעלפן און אויפרעכטן אידישע שטיבער וועלכע מוטשענען זיך גאר שטארק מיט פרנסה.

דער הויפט פראיעקט איז די מאסיווע יו"ט חלוקות וועלכע קומען פאר צוויי מאל א יאר, בעפאר פסח און סוכות. די חלוקות ווערן אויסגעטיילט אויף א פארנעם וואס איז נאך קיינמאל ביז היינט נישט געהערט געווארן. וואו מ'האלט היינט קומט עס אן צו אידן אין אזויפיל ווי נאנט צו פופציג שטעט איבער דער לענג און ברייט פון ארץ ישראל!

און דאס זענען נישט קיין חלוקות וואו מען טיילט פראדוקטן, וואס קען צומאל זיין אומאנגענעם פאר געוויסע, נאר דאס ווערט פארטיילט אויף פארנעם מיטן גרעסטן דרך כבוד וואס שייך. יעדער וואס געניסט פון די חלוקות באקומט א קארטל וואס קוקט אויס פונקט ווי א געוועגליכן קרעדיט קארטל. דאס קארטל ווערט אנגענומען אין איבער טויזנט געשעפטן איבערן לאנד, וואו די אידן קענען אריינגיין און קויפן מיט דעם קארטל אויף א פארנעם וואס מאכט קיינעם נישט טראכטן פאר איין סעקונדע אז דער איד קויפט נישט מיט זיין געלט.

די יו"ט חלוקות זענען בלויז איין טייל פון דער ארגאניזאציע'ס פעולות. אין צוגאב זענען דא נאך א צאל אפטיילונגען וועלכע זענען געווידמעט פאר אנדערע וויכטיגע צוועקן, א שטייגער ווי זיך זארגן פאר אלמנות, יתומים, און קינדער פון צעטיילטע שטיבער; אן אפטיילונג וואס פארטיילט א וועכנטליכן געהאלט פאר אידן וואס תורתם אומנתם; אן אפטיילונג צו חתונה מאכן יתומים און יתומות, וועלכע צאלט אויס זייער חתונה פון א' ביז ת'; אזוי אויך אן אפטיילונג וועלכע העלפט אידן חתונה מאכן מיט גאר שיינע סומעס וואס ווערט געשאנקען פאר יעדער כלה; און באזונדער איז דא אן אפטיילונג וואס גיבט זיך אפ צו העלפן אידן ארויסקריכן פון פינאנציעלע שוועריגקייטן און חובות אין וועלכע זיי זענען אריינגעפאלן.

ועוד ידו נטוי' אויף ווייטער מיט מערערע גרויסע פלענער און פראיעקטן אויפן עתיד. ר' יואל ישראל באגנוגנט זיך ווייט נישט מיט דער מהפיכה וואס ער האט שוין באוויזן צו שאפן ביז היינט, נאר ארבעט אויף ווייטערדיגע פלענער וועלכע אנטשפרעכן צו ברענגען א געוואלדיגע איבערקערעניש לטובה אויף א פארנעם וואס קיינער האט נישט געקענט פאראויסזאגן.

ווען מ'קוקט אויף די ציפערן וואס ער פארטיילט יאר יערליך, בלייבט מען שטיין פארשטומט און אן לשון. עס איז ממש אומגלויבליך. דא רעדט מען פון דריי הונדערט מיליאן שקל - פינף-און-אכציג מיליאן דאלער א יאר! וואס קומט אן צו א סך הכל פון א פערטל מיליאן נפשות דורכאויס דעם גאנצן לאנד!

בס"ד

אפיקומן

B320 | B281 | B289 | B289 | B321 | B241 | B288 | B209 | B322

Brighten the lives of everyone around you with a
Personalized Nightlight that's as unique as they are!

Baby | Upsherin | Birthday | Bar Mitzvah | Graduation | Wedding | Anniversary | Teacher
Grandparents | Poems| Tenoyim| Parties | Photos | Business Logos & Messages | Camp Gift

LAC LARDÈ™

Call/Text

347.389.5551

www.LacLarde.com

LacLarde@gmail.com

Catalog available by text or email

Special Price: $45. Photo Light $65.

bloomingcenter

וואס איז Blooming Center?

אשטייגנדע נאכפראגע הערשט צווישן דעם היימישן ציבור איבער דער Blooming Center היים פאר Medical fragile קינדער אונטער פינף יאר אלט - דער סאמע ערשטער און איינציגסטער צענטער פון דעם סארט.

Blooming Center איז א ספעציעלער צענטער וואס איז געאייגנט פאר Medical fragile קינדער, וואו מען טוט יעדן טאג אויפנעמען און זיך אפגעבן מיט די קינדער מיט אן אויסטערלישער ווארעמקייט און סענסיטיווע באהאנדלונג, צוגעפאסט צו די געברויכן פון יעדן אינדיווידואלן קינד באזונדער.

שוין לאנגע יארן וואס עס איז דא א שטארקער חלל אין דעם הינזיכט, איבערהויפט ווען עס קומט צו קליינע קינדער מיט סענסיטיווע מעדיצינישע קאנדישאנס וועלכע פאדערן א שטענדיגער מעדיצינישער איבערזיכט און א באהאנדלונג וואס זאל קאמבינירן אן אמת'ע ווארעמע געפיל מיט דעם נויטיגן פראפעסיאנאליזם וואס עס פעלט זיך אויס זיך אפצוגעבן מיט אזעלכע קינדער.

עלטערן פון אזעלכע קינדער האבן זיך שטארק געמוטשעט דערמיט, און ביז די קינדער זענען אונטערגעוואקסן איז כמעט אוממעגליך געווען צו טרעפן א פאסיגן ארט וואו מ'זאל זיי קענען ארויסשיקן אז זיי זאלן קענען פארברענגען דעם טאג מיט א רואיגקייט אונטער א פראפעסיאנאלן און ווארעמהארציגן אויפזיכט.

ביז Blooming Center איז אריינגעקומען אין בילד און האט געטוישט דעם מציאות. די פארוואלטונג פון Blooming Center האט אנערקענט און דערהערט דעם שטארקן פארלאנג פון די געטרייע עלטערן וועלכע זוכן א פאסיגן ארט פאר זייערע ליבע קינדער וועם דער באשעפער האט באשאפן מיט מעדיצינישע שוועריגקייטן, און האבן זיך געאיילט צו אנטקעגנקומען די עלטערן מיט דער פאסיגער לעזונג צו אויפרעכטן זייערע שטיבער און אויפלייכן זייערע הערצער.

אין Blooming Center גיבט מען זיך אפ מיט יעדן קינד מיט אן אויסטערלישער הארציגקייט און איבערגעגעבנקייט. Blooming Center האט שוין היינט-צוטאגס צוויי לאקאציעס, אין קרית יואל און אין מאנסי, און שטעלט צו טראנספארטאציע פון טיר-צו-טיר פאר יעדן קינד, אקאמאדירנדיג דערביי די אייגנארטיגע מעדיצינישע געברויכן פון יעדן קינד באזונדער.

יעדעס קינד באקומט א לערערין, וואס איז געאייגנט אינגאנצן פאר אים און איז דא פאר אים יעדע מינוט וואס ער איז דארט צו צושטעלן אלעס וואס ער דארף אויף העכסטן און בעסטן פארנעם.

און די עלטערן? די עלטערן קענען נישט גענוג אויפהערן צו דאנקען און לויבן די געטרייע שלוחים פון Blooming Center פארן אריינטאנצן אין דעם קריטיש וויכטיגן פראיעקט, און אלע ווי איינער באדאנקען זיך מיט טרערן אין די אויגן ווי ווייט דאס האט זיי געהאלפן און ממש גערעטעוועט. די פארלייכטערונג אז זיי קענען ארויסשיקן די פיצלעך קינדער, וועלכע פאדערן א כסדר'דיגע איבערזיכט רונדע דעם זייגער און סענסיטיווע מעדיצינישע באהאנדלונג, איז עפעס וואס איז אוממעגליך צו ארויסברענגען אויפן פאפיר. די ווארעמע דאנק-ווערטער פון די עלטערן פול מיט איבערגענומענע געפילן, רעדט פאר זיך.

thepulse.group

ויסט...

אלעס ארום דרייוון, קויפן, ליעסן און פארערכטן קארס און טראקס

פישל גאלדבערגער

געברענגט צו אייך דורך:

Upstate Collision

123 Elm street. Monroe N.Y. 10950

845.599.9000 845.500.1400 845.373.3102

נייעס

יו יארק סטעיט איז איינס פון בלויז פופצן סטעיטס אין אמעריקע וואס פארלאנגען א יערליכן "קאר סעיפטי אינספעקשאן", און מ'קען ווערן אפגעשטעלט אויב דער סטיקער פון פאראיאר איז שוין אפגעלאפן.

טעקסעס האט אויך אמאל געהאט אזא געזעץ, אבער דעם יאנואר למספרם איז דארט אריין אין קראפט א נייע געזעץ וואס עלימינירט דעם קאר אינספעקשאן פארלאנג. אבער אויב זענט איר א טעקסעס איינוואוינער ווערט נאכנישט אזוי פרייליך: די "אינספעקשאן פי" וואס דער סטעיט האט פארלאנגט פאר יעדן אינספעקשאן, איז נישט געווארן עלימינירט, און מען דארף עס נאכאלץ באצאלן יערליך.

■

די אפיציעלע "אינספעקשאן פי" אין ניו יארק סטעיט איז ארום דרייסיג דאלער, און אינדוסטריע באאמטע זאגן אז דער פרייז, וואס איז נאכנישט געטוישט געווארן די לעצטע צוואנציג יאר, איז בלויז א דריטל פון די עכטע קאסטן פאר דער אונטערזוכונג ארבעט.

דער הויפט פון א מעכאניק פאראיין זאגט אז דער שפאטישער אפצאל וואס דער סטעיט פארלאנגט פאר די אינספעקשאנס שפיגלט אפ נאך א סיבה פארוואס דער סטעיט האט אזא מאנגל אין גוטע מעכאניקער.

■

א מער גרונטליכע איבערזיכט אויף דעם אינספעקשאן געזעץ ציילט אז ביים אינספעקשאן דארף מען אונטערזוכן די פאלגנדע: סיט בעלטס, ברעיקס, רעדל, רעדער, סוספענשאן, פרעים, באמפער, לייטס, פענסטערס, ווייפערס, פייפער, שפיגלען, געז סיסטעם - און גאנץ לעצטנס, אויך די לייסענס פלעיטס.

■

"הערץ" קאר רענטל האט ארויסגעשטעלט א גרויסע פלאטע פון "טאיאטע -4ראנער" אויטאס צו פארקויפן, אבער ווי מאדנע איז צו הערן אז די קאר רענטל פירמע בעט פאר דעם SUV - מיט טויזנטער מייל דערויף - מער געלט ווי עס קאסט צו קויפן א שפאגל-נייע...

די פירמע האט נישט געגעבן קיין אנטווארט אויף דער מאדנער סטראטעגיע, אבער זעט אויס די קאמפאני וויל פארמיידן די מאסיווע שאדנס פון עטליכע יאר צוריק, ווען הערץ האט איינגעקויפט הונדערט טויזנט טעסלא אויטאס, אבער האט שוין זינט דאן פארקויפט כמעט האלב פון דער גאנצער באשטעלונג, מיט א שאדן אויף יעדן איינציגן טעסלא.

■

קאר אינדזשענירן שפעקולירן אז די הערכע עקסידענט ראטע ביי SUV קארס קומט פון דעם וואס די צווייטע פאדערשטע "ביעמס" פון דעם קאר זענען פיל דיקער ווי אין קלענערע קארס און בלאקירט דעם דרייווערס פון זען געהעריג וואס טוט זיך פארנט פון דעם קאר און ארום.

פירמעס זאגן נאכנישט אז זיי וועלן ארבעטן צו רעדוצירן די ברייטקייט פון די פאדערשטע זיילן צו מאכן מער פלאץ פאר די פענסטערס, אבער עס איז דא א מעגליכקייט אז דאס וועט פאסירן, אויב דער געדאנק ווערט באשטעטיגט מיט מער באווייזן. ■

טיפס

באהאלטענע אינפארמאציע - 4 דער דרייווערס פרעגן אייביג: דארף מען "ראוטעיטן" די רעדער אדער מאכן אן "אוילטשעינדזש" ווי די אפיציעלע רעקאמענדאציע זאגן?

א נייע קראנטע שטודיע ציילט אז האלטן דעם קאר אין גוטן צושטאנד פארלאנגט בערך פיר-פינף הונדערט דאלער א יאר אין "מעינטענענס" - וואס מיינט טאקע די סארט זאכן, אויל טשעינדזשעס, אינספעקשאנס, ארומטוישן די רעדער, נייע ווייפערס, קאר וואשן, אא"וו.

■

"סיט בעלטס" אין קארס האבן שוין דעם יעצטיגן דריי-שפיציגן סיסטעם זייט עס איז ערפינדן געווארן דורך א וואלוא אינדזשעניר מיט הערכער זעכציג יאר צוריק. 94.11 פראצענט דרייווערס אין ניו יארק סטעיט נוצן עס שטענדיג, ווי דאס געזעץ פארלאנגט, און די איבריגע 5.89 פראצענט נוצן עס נישט, נאר אנשטאט העלפן זיי פינאנצירן די פאליציי דעפארטמענטס, לאקאלע געריכט הייזער, און DMV אפעראציעס.

■

קאר טעקנישאן ארבייט איז זייער שווער און נאך מער אונטערגעשאצט. צוויי-דריטל פון קאר טעקנישאנס פאלן דורך זייער ערשטן פרואוו צו באקומען זייער סטעיט מעכאניקער סערטיפיקאציע.

קומענדיגן מאל איר קומט ארויס פונעם מעכאניקער מיט א פאררעכטענעם פראבלעם, זאגט אים א דאנק...

TRI STATE SOLAR

TESLA POWERWALL CERTIFIED INSTALLER

Stay Powered During Outages!

The Tesla Powerwall 3 provides reliable backup power, keeping your home running even when the grid goes down. Sleek, efficient, and available now—get yours today!

We specialize in backup storage, rooftop solar, & reroofing, ***all at unbeatable prices.***

CALL US FOR YOUR QUOTE TODAY!

845.267.8851

Get **over 30% in savings** with state and federal incentives.

845.267.8851 | info@TristateSolarServices.com | TristateSolarServices.com

arjeedesignsny@gmail.com
All who are hungry can gather and dine
Under Premium's comfort, rain or shine.
Premium
AWNINGS
Wishing our customers
a chag kasher v'sameach,
845.494.8500 // hello@premiumawnings.com

בס"ד

Tagline | 845.824.1600

לאז מיך צורו

גיי טרעף
א דזשאב

Hireex Team

HIREEX: THE TALENT MATCHMAKERS YOU CAN TRUST

845-777-Team (8326) | Apply@hireexteam.com

חג כשר ושמח

צענדליגע געגענטער הונדערטער הייזער ווערן געבויעט און פארקויפט אין בלומינג גראוו
רופט איינער פון אונזערע אינגעלייט און מיר וועלן אייך באגלייטן בעז"ה
משה שמחה קויפמאן
לייסענס# 10311206102
845.782.0205 x101
אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס# 10401304475
845.782.0205 x108
דוד לייב קרויס
לייסענס# 10401317322
845.274.3765
אברהם חיים לעווי
לייסענס# 10401327281
845.238.1162
נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס# 10401300864
845.728.1429
אברהם הערש גפן
לייסענס# 10401378950
845.837.0943
אלימלך שטיינער
לייסענס# 10401379247
845.587.6654
MANFIELD DEVELOPERS
Developing Superior Living THE LIVLAND GROUP
Silver Group Developers
BERRY HILL DEVELOPMENT
MK REALTY Residential & Commercial
48 Bakertown Road Suite 504, Monroe NY
sales@mkrealtyusa.com
845.782.0205

א נחשון
אין אלקאַליין וואסער
vigigee.com
Clair
Natural Alkaline Water
Improves digestion
Boosts energy
Supports bone health
Relieves acidity
Helps with weight loss
א דורכברוך אויפ'ן מארקעט: כשרות, און געזונט.
דעם יו"ט פסח פילט אן אייער גלעזל מיט די פרישע דערקוויקענדע clair וואסער. א סימבאל פון געזונטהייט. א הידור אין כשרות.
CRC P
כשר לפסח

Always someone to talk to.
Always in control.

Geder – Smart Filtering
for Smart Businesses.

גדר Geder

718.384.3337 // GEDER.ORG

A new clinic.
A new kind of care.
COMING SOON
KAYGROUP.CO
kids compassion

Discover your ideal home in Linden, where family life thrives.

The W TEAM
Real Estate Professionals

Yossi Weisz
O 908.808.4881 Ext 2
C 845.729.1240
E Joseph@wteamnj.com

Benzion Weingarten
O 908.808.4881 Ext 3
C 917.474.1998
E Benny@wteamnj.com

Avrum Duvid Weller
O 908.808.4881 Ext 4
C 845.293.5537 (845AWELLER)
E Avrahom@wteamnj.com

New exclusive off market deals | Sign up to receive our listings

SERVING LINDEN, ROSELLE, RAHWAY, CLARK, COLONIA & MORE

908.808.4881 Home@wteamnj.com www.wteamnj.com

PINN REALTY — MLS

בס"ד

Okay, KJ.

KAYGROUP.CO

We're now managing properties in Monroe with the same care, consistency, and professionalism we're known for.

From collections and repairs to common areas and upkeep—we're local, reliable, and know exactly what your property needs.

CATSKILL MANAGEMENT

Property Management, Done Properly™

Manage My Property: 845.789.2323

בס"ד
די שענסטע געגענט אויף דער וועלט!!
דער חל
וואס איז ב"ה פארווירקליכט
LAST PHASE
in Golden Hills
55+ Development
ONLY 53
Houses Left!
WOODBURY VILLAS
GOLDEN HILLS
א געלעגנהייט וואס וועט מער קיינמאל נישט צוריקקומען!!

11 אקטיווע שיינע בתי מדרשים

7 הערליכע מקוואות

א שפאציר צו די באקאנטע וואודבערי קאמענס מאלל

א שפאציר צו צענטער קרית יואל

נענסטע דעוועלאפמענט צו ניו יארק סיטי

געיטעד קאמיוניטי מיט 24 שעה סורוועיליענס

SCEINIC VIEWS - אויסנאמליכע שיינע אויסבליק

א שפאציר צו אלע גרעסערע שאפינג סענטערס אין קרית יואל

2 הערליכע באקוועמע קאמיוניט סענטער'ס

גרעסטע פריוואטע געגענט מיט קרוב צו 500 משפחות

וועלט'ס-אייגנארטיגע דעוועלאפמענט פון עלטערע און יונגערע משפחות וואוינען צוזאמען אבער אפגעטיילט

ם

עווארן!!

MK REALTY
Residential & Commercial

48 Bakertown Road Suite 504, Monroe NY
sales@mkrealtyusa.com
845.782.0205

- פארפאסט דאס נישט!!

ווארט נישט ביזן ים סוף

יונה אדלער

"דו גייסט נישט ארויס פון דא אזוי שנעל!" האבן זיי זיך הילכיג צולאכט, בשעת זיי שמייסן אריין אינעם אומשולדיגן אינגעלע.

"וואס דארפן מיר פון זיין טאטן נאכאמאל?" האט מארק געפרעגט נאכ'ן אנגיסן נאך א גלעזעלע צו פייערן דעם געווינס.

"חכם וואס דו ביסט!" האט זיך דער פירער צושריגן. "האסט פארגעסן ווער זיין טאטע איז? דער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן! ער וועט אונז מוזן נאכגעבן אלע אונזערע פארלאנגען! לאמיר נישט פארגעסן, ס'איז זיין יונגסטער זון!"

"און וואס האסטו פון אים אנשמייסן? ער וועט אים וועלן צוריקבאקומען אין א גוטן צושטאנד," האט פאבלא געדרייעט מיט'ן פינגער.

"טראכסט גוט," האט דער גרויסער פירער געענטפערט, פאררויכערנדיג א לולקע, "אבער איך קען זיך נישט איינהאלטן. דאס איז פשוט אלס נקמה אין זיין טאטן, פארשאלטן זאל זיין זיין נאמען. ס'איז נישט קיין סוד וואס ער האט אונז אלע אנגעמאכט. ער האט אונז אלע געקייטלט, ארעסטירט, און צוריקגעשיקט צו אונזער היימלאנד. ווער מיינט ער, ער איז? סך הכל וואס ווילן מיר? טרעפן אן ארבעט און האבן א נארמאלן לעבן. און יא, זאל זיין זון ליידן דערפאר!"

"אבער דו ווייסט דאך, מיר זענען נישט ממש אומשולדיג."

"גייט מיר נישט אן, ער דארף דאס נישט וויסן!" האט דער פירער געשריגן, אויסגיסנדיג די משקה. "מיט מיר הייבט מען זיך נישט אן! ער גייט דא בלייבן, ביז... דער פרעזידענט וועט אונז אלע צוריקלאזן!"

■

"וואס הייסט פארשוואונדן? וואס איז געשען מיט די שלעסער?"

"אויפגעבראכן."

"די היטערס?"

"איינגעשלאפן."

"די לייב וועכטער?"

"אנגעטרונקען."

"די אויגעלעך וואס כאפן אויף?"

"אויסגעלאשן."

"העלפסט מיר זייער אסאך," האט דער פרעזידענט געשוימט, ארומשפאצירנדיג דעם אוועל אפיס מיט א פאר'דאגה'ט געזיכט. "וואו - איז - מיין - קינד?"

"מיין האר," האט דער לייב-וועכטער אים פרובירט צו בארואיגן, "פארוואס מיינסטו אז ער איז פארכאפט? דער פרעזידענט איז דאך אזא גוטער. ווער זאל אים דען וועלן אוועקכאפן?"

"דו הערסט אויף?" האט דער פרעזידענט געשריגן, מיט א פנים רויטער ווי סיי ווען. "יעצט איז נישט קיין צייט צו טרייבן שפאס! דו ווייסט וויפיל מענטשן האבן מיך פיינט? די לינקע, די מיטלסטע, די רעכטע, און ווער נישט? און לויט ווי איך האב נאכגעהערט אין מקוה, האבן שוין די אידן מיך אויך פיינט. חוץ אויב ס'איז פאלשע נייעס.

"בקיצור, עס זענען פארהאן אסאך אפציעס, אבער ס'איז נישט קיין חילוק. איך מוז טרעפן מיין קינד!"

א טויט שטילקייט האט געהערשט אינעם גאנצן ארום.

"ווייסטו וואס? רופסט אהער אלע אגענטורן, פון דער פאליציי ביז דער סי-איי-עי, עף-בי-איי, און דער עף-די-עי צוגלייך. זאלן זיי אלע זיין אויפן קעיס. אבער שוין!"

■

עס האט נישט געדויערט לאנג, און די אגענטורן זענען אלע געווען פארנומען מיט'ן טרעפן דאס קינד. לאנגע פארשונגען, חששות און קלערונגען זענען געזאגט געווארן פון אלע זייטן איבער וואו דאס קינד קען זיך געפונען, ביז איין חכם איז געקומען צום מסקנא.

"מעקסיקא!" האט ער אויסגעשריגן מיט א האק אויפ'ן טיש. "זיי רעגן זיך זיכער איבער דאס וואס מ'האט זיי צוריקגעשיקט. עס מוז זיין אז זיי שטייען אונטער דעם."

"ביסט דאך אזוי גערעכט!" האט דער פרעזידענט ענטוזיאסטיש רעאגירט. "עס מוז זיין אז ער איז דארט אהינגעקומען."

"אבער וויאזוי האבן זיי זיך דורכגעשווערצט די וואנט?" האט זיך דער פרעזידענט געוואונדערט. "איך האב עס דאך אזוי גוט פארמאכט."

"דאס איז נישט נוגע יעצט," האבן די ראטגעבער קלאר געמאכט. "מיר דארפן אונטערנעמען א מאסיווע רעטונג-אקציע און ארויסראטעווען דיין קליין צוקערל פון זייערע בארבארישע הענט."

אומר ועושה, מ'האט צוזאמגעשטעלט א געשוואלענע קאסע פון גרויסע סומעס געלט, נתנדב געווארן דורכ'ן פרעזידענט'ס שותף וועלכער פארמאגט אפאר גרינע, און ער האט באלד געשיקט זיין לעצטן מאדעל פליגער וואס איז נישט לאנג צוריק ערשינען.

דער פליגער איז געקומען און געגאנגען, דורכפירנדיג א בליץ רעטונג-אקציע וועלכע האט נישט געדויערט מער ווי צען סעקונדעס, און דער קרוין פרינץ האט זיך צוריק געטראפן אינדערהיים מיט זיין באליבטן טאטן.

אבער עס האט נישט געדויערט לאנג, און דער פרעזידענט האט צוריק איינגעשפאנט דעם פליגער.

"מיסטער פרעזידענט, וואס גייט פאר? אייער זון איז דאך שוין צוריק."

"אבער יעצט דארף איך נקמה," האט דער פרעזידענט קלאר געמאכט. "איך וועל נישט לאזן מיינע שונאים ארויסגיין ווייס און ריין אזוי גלייכגילטיג. אלעס קאסט א פרייז."

"און דו מיין קינד, דער געפאנגענער, קומסט מיט. איך וויל אז דו אליין זאלסט קענען מיטהאלטן די נקמה אין דיינע שלעגער. און גלייב מיר, ווען איך טו נקמה, טו איך עס לכתחילה."

און אזוי האט דער פרעזידענט אליין געמאכט דעם וועג צוריק אין לייבן גרוב מיט זיין קינד, האפנדיג אז אלעס וועט זיך אויסארבעטן.

אבער נישט אלעס איז געגאנגען ווי געשמירט, און מ'קען שרייבן א גאנצע בוך איבער וואס דארט איז פארגעגאנגען. אין קורצע שורות:

Kvation™

Booked on Kvation



Booked elsewhere

Instant Book on
kvation.com

(800) 999-4539

Got a rental?
Free for hosts

Kosher Vacation Rentals™

אנקומענדיג דארט, האבן די מאסן מערדער איינגעשפאנט אויך זייערע חברים, און ס'האט אויסגעבראכן אן ערנסטער געראנגל. עס האט שוין געהאלטן אזוי ווייט אזש דער פרינץ איז כמעט צוריק געפאנגען געווארן. עס האט געפעלט ממש א האר.

אבער מיטן באשעפער'ס הילף איז אין דער לעצטער מינוט געלונגען פאר די אמעריקאנער סאלדאטן צו מאכן סדר, און דער פרעזידענט און זיין זון זענען צוריק אהיימגעקומען גאנץ און געזונט.

■

שיינע מעשה, ניין?

עס וואלט ווען אפשר געקענט זיין אמת, חוץ איין זאך וואס שטימט נישט - די פשוט'ע פראגע וואס הייבט אויגן ברעמען.

אפילו דער גרויסער פרעזידענט ירום הודו מיט דער שטערקסטער מאכט אין לאנד, וואלט געטראכט צוויי מאל איידער ער לייגט צוריק אריין זיין ליב קינד אין א סכנה פון וואס ער האט אים נארוואס גערעטעוועט. דאס ברויך באמת אסאך חיסור דעת. קיין איין נארמאלער באזעסענער מענטש וואלט דאס נישט געטון.

אבער לא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם. דער בורא האט אונז ארויסגעראטעוועט פונעם שרעקליכן ארץ מצרים. טומאה און שנאה האט מען דארט יעדן טאג געזען, און ס'איז געקומען די צייט אונז אויסצולייזן. ענדליך, זענען מיר ארויסגעקומען פון דארט. און דאן, שיקט דער אויבערשטער די מצרים נאך אונז - טאקע מיטן חשבון אז אין דער ענדע וועלן מיר זיי פארלענדן, אבער דערביי ווערן די אידן אריינגעלייגט אין א גרויסער סכנה, ציטערנדיג פאר דאס ארגסטע.

דער באשעפער איז א כל יכול און ער קען אונז ראוועטען אפילו חרב חדה מונחת. אבער פארוואס טאקע האט אונז אויסגעפעלט דעם פחד און עגמת נפש? מען האט זיי דאך אויך געקענט פארלענדן אין זייער היימלאנד מצרים.

■

פראנץ היינריך שפאצירט געמיטליך אין די גאסן פון זיכאלאוו. עס איז קיין חידוש נישט געווען, אז טראץ וואס זיין פעסטונג איז געווען פלאצירט אין דער באקאנטער שטאט גרויסווארדיין, האט ער אבער שטענדיג ליב געהאט זיך אריבערצוכאפן באהאלטענערהייט צום קליינעם שטעטל זיכאלאוו, וואו אביסל מנוחה און רואיגקייט האט נישט געפעלט.

ספעציעל אין אזא פארפלאגטער צייט, ווען זיין פרוי איז ליידער פריצייטיג אומגעקומען אין א פערד-און-וואגן עקסידענט. זינט דאן האט פראנץ נאכנישט געהאט געשטעלט זיין קאפ אויפן פלאץ, און ער האט אלץ ארויסגעקוקט נאכאמאל צו הייראטן. ער איז אבער געווען א גרויסער מפונק אין דעם ענין. ער האט געוואלט אן אריסטאקראטיש מיידל פון א משפחה מיוחסת, פארמאגנדיג כאטש דריי דורות פון קעניגן איבער איר.

אזוי גייענדיג אין וועג האט אים א קול'כל איבערגעהאקט די מחשבות.

"העלף! העלף! ראטעוועט!" פראנץ איז באלד אויפגעשפרונגען, צולויפנדיג צום ארט פון וואו ער האט געהערט די קולות, זען וואס גייט פאר.

"וואו ביסטו?" האט ער געשריגן א פאר'דאגה'טע. 'לאמיר האפן ס'איז נאכנישט צו שפעט,' האט ער געטראכט מיט פארצווייפלונג.

און דאן האט ער איר באמערקט: א קליין מיידעלע איז געווען איינגעזונקען אין טיפער מאראסט, און האט געווארט פאר א רעטער וואס זאל איר ארויסנעמען פון דארט.

"דא, כאפ אן מיין האנט." פראנץ, כאטש זייענדיג א גרויסער מלך, האט זיך אונטערגעבויגן צו דער קליינער מיידל אנגעשמירט מיט בלאטע, און נאך אפאר מינוט איז זי געווען אינדרויסן געזונט און פריש.

"וואו וואוינסטו? וועלכע איז דיין כאטקע? לאמיך דיך אהיימטראגן."

"מיין טאטע איז דער הערשער פון שטאט," האט די מיידל געזאגט. "דארט איז מיין היים."

פראנץ איז שאקירט געווארן. זי?! די פרינצעסן פונעם גרויסן הערשער פון זיכאלאוו? פלענער האבן זיך אנגעהויבן ווירבלען אין קאפ. איז דאס מיין שידוך אפציע?

פראנץ האט אים אהיימגעברענט, און ווען די עלטערן האבן אויסגעפונען ווער דער רעטער איז, האבן זיי באלד געפרעגט די אלעמען-באקאנטע שאלה.

"מיט וואס קענען מיר דיר צוריקצאלן? מיר וועלן דיר אלעס געבן!"

און פראנץ האט צוריקגעענטפערט מיט'ן נאכמער באקאנטן תירוץ: "איך דארף גארנישט."

"אפשר דאך... עפעס?"

אין א געוועונליכער לעגענדע וואלט דער קעניג געזאגט, "יעצט דארף איך גארנישט, אבער אויב איך וועל איין טאג עפעס דארפן פון דיר, זאלסטו געדענקען מיין נאמען." אבער פראנץ האט גוט געוואוסט וואס ער דארף פון זיי.

↵

"איך האב נאר געטראכט... איר ווייסט דאך... מיין ווייב... נעבעך. האב איך געטראכט, אפשר ווען זי וועט אונטערוואקסן וועל איך איר קענען נעמען פאר א פרוי?"

די עלטערן האבן באלד איינגעשטימט צו דער געוואלדיגער עצה. "ס'איז נישט מער ווי באשערט," האבן זיי געזאגט.

אבער די מיידל...

עס זענען אריבער עטליכע יאר, און די צייט איז שוין געווען רייף פאר איר צו הייראטן. אבער זי האט געהאט אנדערע ערווארטונגען איבער איר מאן, און פראנץ האט נישט ממש געפאסט איר חלום.

אבער פון דער אנדערער זייט, ער האט דאך געראטעוועט איר לעבן, און אפזאגן האט מען נישט געקענט.

די עלטערן ווידעראום האבן צוגעשטופט דעם שידוך, און נאך א קורצער צייט איז טאקע פארגעקומען די גרויסארטיגע חתונה.

אבער באלד דערנאך האט די מיידל האט באשלאסן צו גיין אויף סטרייק, זי האט נישט אויסגעטוישט קיין ווארט מיט איר פרישן מאן.

'איך קען נישט וואוינען מיט איינער וואס רעדט נישט צו מיר,' האט פראנץ געטראכט מיט פארדרוס.

"איך קען נישט אהיימפארן מיט אזא איינעם אין איין וואגן," האט ער מסביר געווען פאר די עלטערן. "זי וויל דאך נישט רעדן צו מיר."

"וועל איך דיר שיקן צוויי וועגענער. זארגט אייך נישט, האפנטליך וועט זי נאך א שטיק צייט אויפגעבן איר משוגעת."

און אזוי האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אין וועג. דער וועטער איז געווען א שיינער, און גארנישט האט אפגעהאלטן די רויבער פון טון זייער ארבעט.

"האלט!" האבן זיי געשריגן, אטאקירנדיג דעם פערד און וואגן פון דער פרינצעסן. "גיב אהער דיין גאנצע געלט!"

"פראנץ, פראנץ! מיין טייערער מאן, העלף מיך ארויס!"

פראנץ האט זיך צושמייכלט, און איז צוגעגאנגען צו די רויבער. "דא איז די באשטימטע סומע וואס איך האב אייך צוגעזאגט. יעצט, לאזט איר אפ."

דאן איז פראנץ ארויף אויף איר קארעטע. "נאר יעצט ביסטו אינטערעסירט אין מיר, ווען איך ראטעווע דיך? עס איז ממש א שאד זאלסט קענען מיין נאמען בלויז ווען דו דארפסט מיין הילף. עס ווארט אונז א גליקליך לעבן צוזאמען, מיט ג-ט'ס הילף."

עס מאכט זיך אז א מענטש טרעפט זיך אין אן עת צרה ר"ל, און מ'נעמט זיך זוכן פארשידנארטיגע זכותים און סגולות זיך ארויסצוזען פונעם פלאנטער. צומאל פארגעסט מען אבער אז מ'קען נישט באקומען דעם באשעפער'ס קאנטאקט אינפארמאציע בלויז ווען א צרה פאסירט ח"ו. אויב מען וועט שטענדיג מתפלל זיין און בעטן, אויך ווען די בני חיי ומזוני גייט ב"ה גוט, אולי יחוס וועט דאס צוגרייטן א רפואה פאר א מכה.

די אידן זענען אראפגעקומען קיין מצרים, אלעס איז געגאנגען גוט, און פונעם באשעפער האט מען צוביסלעך פארגעסן. הייבט זיך אן צרות, ויזעקו ותעל שועתם אל האלקים מן העבודה. העלפט דער באשעפער און ער באפרייט זיי.

און יעצט, אז מ'איז שוין אויף דער פריי, האט מען ווייטער פארגעסן? שיקט דער אויבערשטער די מצריים זיי נאכצולויפן, זיי זאלן נאכאמאל זיין אין געפאר. און ווידער – ויצעקו בני ישראל אל ה'. וואס איז געווען ביז יעצט? וואו זענען געווען די תפילות?

דאס האט אונז דער באשעפער געוואלט ווייזן, מיט'ן אונז פריש ארייכלייגן אין א סכנה. "עס פעלט נישט אויס צוווארטן ביז נאך דער לעצטער מינוט צו מתפלל זיין. מיין טיר איז אייביג אפן, אין שעת הקושי און אויך אין שעת הכושר."

זאלן מיר אלע זיין א גוטער בעטער, און האבן א חג כשר ושמח.

בכל קראנו אליו

ניגון: והיא שעמדה **לחן:** ר' יונתן רזאל

1. והיא שעמדה, לאבותינו,
נפשי חמדה, צו דאנקן אלוקינו,
אויף די אלע ניסים,
וואס דער בורא טוט לשונאינו,
עמד עלינו לכלותינו.

זיך ארויסציען, כלל ישראל ממצרים,
די מצריים, טוען גלייך פארצייען,
זיי נאכגעלאפן, די אידן זענען צוריק אין א סכנה,
דער בורא שפאלט דעם ים פאר'ן עדת מי מנה.

2. ווייל הקדוש ברוך הוא, ווייזט אונז א יסוד,
נישט נאר ווען מ'האט, צרות און באנקראט,
קענסט מיך אייביג רופן, איך הער דיר אייביג צו,
איך עפן אויף מיין טיר, השפעות שענק איך דיר.

1. אמאל עס גייט גוט,
מ'פארמאגט א שפע רב,
אויך אין דער מינוט,
געדענקען אלץ מ'דארף,
דער גרויסער שפייזער,
איז דא פאר דיר בכל זמן ועת,
ווען ביסט שטיל און אויך ווען דו שרייסט.

2. ווייל הקדוש ברוך הוא, ווייזט אונז א יסוד,
נישט נאר ווען מ'האט, צרות און באנקראט,
קענסט מיך אייביג רופן, נישט נאר ממש שפעט,
אייביג צו מיר טרעט, כ'האב ליב דיין געבעט.

שיינט ווי
אַ שטערן
KAYGROUP.CO
L’nefesh
RESOURCES
אונזער געטרייע סטעף זענען גרייט
צו העלפן און צו באגלייטן מיט די
פאסיגסטע הילף אז אייער קינד
זאל קענען שיינען און בליען!
HCBS, CFTTS, Peer Support, ABA, OPWDD
845.915.9965 office@lonefesh.com

בס"ד

dartmedia



the great MARKETING SURVEY 2025

Thousands answered.

THE DATA IS IN.

Thank you!

We heard you. Now there's a clear blueprint for how and where to earn your attention.

על אחת כמה וכמה
טובה כפולה ומכופלת!

איי, איי, איי,
ס׳איז
געווען גוט!

הונדערטער
קינדער האבן
אריינגעשיקט
10 זאכן
וואס זענען
גוט פאר׳ן
פארמעסט!

אלע ענטפערס זענען געווען געוואלדיג גוט. אבער מיר קענען נישט אויסרעכענען אלע הונדערטער ענטפערס.
פאלגנד זענען א קליינע ביישפיל פון גוטע ליסטעס:

SizGit
געווינער

און די גליקליכע געווינערס זענען:

משפחת מעהרינג
ישראל מאיר עקשטיין, כתה א׳ ק״
9294266713
אסתי שווארץ
משפחת סאלאמאן
718-757-4457
מרים ראזנער
718-757-4457
845-362-3666
גרשון אבעלעס
אברהם חיים וויינבערגער
845-781-3019
רחי פריעד, ב״פ
347-598-2013
שיינדל דאווידאוויטש
משפחת בינער
845-781-3019
משה טייכמאן
משפחת גאלדשטיין
חני לאנדא

פערי עקשטיין
אהרן ווידער
משפחת גליק
שבתי רובין, טשעסטנאט רידזש
אלימלך מאיער
929-287-1988
חני ווייס
אליעזר שלמה שטעסל
929-355-6789
בלימי כרמל
משפחת ברייער
929-884-9522
מרים בלוי
אברהם בערקאוויטש
משפחת אפענהיים
משפחת פוקס
העני שפיצער
משפחה פערענץ
8455385659
7182549943

טייערע קינדער

יעדער איינער וואס געדענקט
אלעמאל אז ס׳איז גוט איז
אלעמאל א זיכערער געווינער!

לאמיר געדענקען די גוטע זאכן
וואס מיר האבן אין לעבן.

לאמיר דאנקען פאר די גוטע זאכן.

אפילו ווען זאכן זענען שווער
לאמיר געדענקען אז ס׳איז גוט!

Bouncing
brands into
motion.

NAMELESS.TEAM

אזוי זענען די
קינדער ארויס
מיט כשרונות
אונזער איבערגעגעבענער שטאב
פארשטייט די נפש פון אייער
קינד און באגלייט אים מיט
ליבשאפט כדי ארויסצוברענגען
זיינע כוחות צום העכסטן שטאפל.
מיר ווינטשן פאר אלע אונזערע הונדערטער
צופרידענע קאסטומער'ס און פאר גאנץ כלל ישראל
א פרייליכן, געזונטן און כשר'ן פסח!
845.557.7575
office@kishronas.org
כשרונות
KAYGROUP.CO

Nameless.team
HERBAL FORMULA
HerbalHealth
ALLEREEZ
FREEDOM FROM SPRING ALLERGIES
LIQUID WORKS 3X FASTER THAN PILLS.
START BEFORE ALLERGY HITS, FOR BEST RESULTS.
Breathe Better This Spring — With Allereez™ This allergy season, give your family more than comfort, give them Allereez™, the herbal formula that works. Safe for adults and kids. Trusted by thousands. Naturally powerful. Clearly effective.
CRC
HerbalHealth
Available in your local Pharmacy, Health Food Store.
shopherbalhealth.com
info@shopherbalhealth.com
800.601.1607

בס"ד
די קענסט 'יא' ווערן עפראווד...!
LOAN APPROVED
אדאנק אונזער געניטע
טיעם פון ערפארענע
מארטגעדזש-
בראוקערס
זענען ב"ה
93%
אפליקאנטן
געווארן
עפראווד
פאר א מארטגעדזש פאר
א הערליכע דירה אין די
שפאגל-נייע, שפרודלדיגע
"שכונת דברי יואל"
Details:
Size:
5 Room apartment
Down payment:
Starting from $26,750
Monthly Payment:
$2,600*
Status:
Ready to Move!
*ספעציעלע ביליגע מארטגעדזש-רעיטס אויסגעארבעט צוליב די
יעצטיגע הויכע אינטרעסט-ראטעס, די ראטעס וועלן זיך עדזשאסטן
מיט די צייט, ווען עס וועט שוין אי"ה זיין גרינגער די מארקעט.
Affordable
Easy
Ready
די בארימטע 'עיקערס פוינט'
דעוועלאפמענט לייגט ארויס א
געצוימטע צאָל דירות פאַר
אַ שטוינענדע פאָרשלאַג
וואס וועט ערלויבן פאר סיי-וועם
איינצוקויפן אן אייגענע דירה:
גאר גרינגע טערמינען און ספעציעלע ראטעס, וואס ערמעגליכט פאר יעדן איינגערמאן צו ווערן דער בעל הבית פון זיין אייגענע דירה!
Acres Point
DEVELOPMENT
Contact Eli Steiner:
845.587.6654
PIXARTmedia ||| 845.444.1920

Weekly Listings

FOR SALE

305 S Grandview Monsey

LUXURY LIVING IN CENTER MONSEY

- **Approx 10,000 sqft**
- 4 Bedrooms on main level
- **3 bedrooms on lower level**
- 6 Bathrooms
- **3-Piece Chef's Kitchen**
- Architectural Foyer
- **Beautiful Outdoor Patio**
- Indoor Pool (Mikvah)
- **Closed-in porch**
- Formal living room + cozy family room,
- **Approx 2,000 sqft rec. room**
- Two-Car Garage

FOR SALE

15 Old Nyack Monsey

- Duplex
- 2,600 Sqft
- 5 Bedroom
- 3 Bath

ONLY 2 UNITS LEFT

$1,099,000



FOR SALE

55 Spook Rock Suffern

- Single Family
- 1,439 Sqft
- 4 Bedroom
- 3.5 Bath

PRICE REDUCED

$899,000







FOR LEASE

BRAND NEW

OFFICE FOR LEASE

Monsey / Airmont Area

- Private Entrance
- Plenty of Parking
- Conveniently Located @ 59 Cor College Road
- Ready to Move In

Office Options

- 500 Sqft
- 1,000 Sqft
- Or 2,000 Sqft

Call For Prices

Abraham Spitzer

Of Keller Williams Hudson Valley Realty

- 914.341.2974
- abraham@abrahamspitzer.com
- www.abrahamspitzer.com

שְׁמוּרָה
מִשְּׁעַת
הַטִּפּוּל
Guarded from the first drop.
From root to renewal
Lavenluv fuels natural hair growth, gently, effectively, and purely.
thicker, fuller hair naturally.
Nameless.team
Available in your local pharmacy, health food store and supermarkets.
Haircare starts here
lavenluv.com
lavenluv

בס"ד
לשנה הבאה
בני חורין!
FOR SALE
RODEO REALTY INC.
JOEL KLEIN
845.596.7399
SOLD
"This coming year, embrace the freedom to own your dream home in Monsey and surrounding areas! Let Joel Klein Realty guide you on this journey with our expertise in buying and selling since 2008."
Joel Klein | Cell: 845.596.7399
Email: jkleinhomes@gmail.com

Skip the Ride
KAYGROUP.CO
At Collision On the Go,
we're not here to take you on a ride.
We make sure your car gets the care it needs
— smoothly, efficiently, and without the stress.
חג כשר ושמח!
Save our number
to your contacts
in case of any oops.
Yoely Ergas
845.662.9144
24-hour towing
Rental on scene
Full car repair
cOLLISIOn
ON THE GO

MILLIONS
WON
FOR THE
HEIMISHE
COMMUNITY

INJURED?

LEAN BACK

We fight to get you every dollar you deserve.

DPMGGROUP.COM

חג כשר שמח - שמואל נתנאל גוטסמן

718.400.9LAW (529) // Claims@InjuryMaxx.com // www.InjuryMaxx.com

InjuryMaxx

Efficiency = Freedom
Profitability = Power
We Deliver Both.
the penguin group.
ClickUp
monday.com
make
HubSpot
Pipeliner
bambooHR
pipedrive
JazzHR
PandaDoc
simPRO
aftership
Service Fusion
thepenguin.group (718) 971-1966
From CRMs to project management, systems that part the sea of inefficiency.

The four sons

and their approach to healthcare

רשע

Let's keep him out
of this conversation.

חכם

He knows how to navigate the system and make the best choice.

HE EITHER:

- Is on a great employer-sponsored plan
- Has free healthcare coverage
- Gets a high marketplace subsidy
- **Is a member of United Refuah — an affordable, transparent, and reliable way to manage healthcare expenses.**

שאינו יודע לשאול

No plan. No protection.

No idea what he'd do in an emergency. He's just hoping for the best—**but hoping isn't a strategy.**

תם

He doesn't really know what he has.

He just knows he's paying a LOT and assumes that means he's fully covered—**until he finds out the truth about the world of limitations.**

Fine print, exclusions, and unexpected out-of-pocket costs leave him shocked and unprepared.

This Pesach, be the חכם. Join United Refuah HealthShare –
the affordable, reliable, and transparent way to manage your healthcare expenses.

UNITEDREFUAH.ORG
(440) U-REFUAH
INFO@UNITEDREFUAH.ORG

The Four Sons in the Haggadah represent varying levels of knowledge in Avodas Hashem—a holy concept with no connection to healthcare choices. This ad is not equating healthcare choices with spiritual standing. Rather, it draws a loose parallel to illustrate how, in everyday life—including healthcare—people approach decisions with different levels of awareness and mindset, which can have very real and practical consequences. The intent is not to borrow a heilige concept for marketing, but to encourage thoughtful, values-based decisions in an area that affects every family deeply.

United Refuah is a non profit healthsharing organization. It is not insurance and does not offer insurance. See Sharing Guidelines for full details. Application and annual renewal fees apply.